STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07922

GEKLIBENE SHRIFTEN

Anton Pavlovich Chekhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע

שריפטען

— פון —

אנטאן טשעכאוו

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין.

דריטער באַנד

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
83-85 קאנאל סטריט, ניו יאָרק.
1910.

אינהאלטס־פערצייכניס

די ליידענדע 3
די דאַמען 11
אין דער פּאָסט אָבטהיילונג 17
ביים באַרבער 20
דער שפּיעגעל 25
די שכנים 31
דער אונטערזוכונגס־ריכטער 59
שונאים 67
די דאַמע מיט'ן הינטעל 87
אַ צרה 112
וויבער 120
אַ פאַל פון פּראַקטיק 141
וואָלאָדיאַ דער גרויסער און וואָלאָדיאַ דער קליינער 157
שטאַרקע געפיהלען 174
שווערע מענשען 181
אַננאַ אויף דער האַלז 193
אַ נערוועזער אָנפאַל 213
קלייניגקייטען פונ'ם לעבען 248

די ליידענדע

ליזאָטשקא קודריאַנסקאַיא, אַ יונגינקע דאַמעלע, וועלכע האָט אַ סך ליעבהאָבער, איז פּלוצים קראַנק געוואָרען, אָבער אַזוי קראַנק, אַז איהר מאַן איז נישט געגאַנגען צו זיין בעשעפטיגונג און צו איהר מאַמען אין טווער האָט מען געשיקט אַ טעלעגראַמע. די געשיכטע פון איהר קראַנקהייט דערצעהלט זי אויף אַזאַ אופן:

— געפאָהרען בין איך אין ליעסנאָיע צו דער מוהמען. האָב דאָרט פערבראַכט אַ וואָך צייט און דערנאָך מיט זיי אַלעמען אוועק צו דער קוזינע וואַריאַ. וואַריאַ'ס מאַן, ווייסט איהר דאָך, איז אַ בורשיילע און אַ דעספּאָט (איך וואָלט אַזאַ דערשאָסען!) נור פערבראַכט האָב איך דאָרט גאַנץ פּרעהלאָך. ערשטענס האָב איך דאָרט אַנטהייל גענומען אין אַ ליעבהאָבער־פאָרשטעלונג. מען האָט געשפּיעלט „אַ סקאַנדאַל אין אַ אַנשטענדיגער פאַמיליע”. כרוסטאַלעוו האָט געשפּיעלט אויסגעצייכענט! אין צייט פון אַנטראַקט האָב איך אויסגעטרונקען אַביסעל קאַלטע, שרעקליך קאַלטע לימאָנאַד מיט קאָניאַק... לימאָנאַד מיט קאָניאַק איז זעהר עהנליך צו שאַמפּאַניער... איך האָב אויסגעטרונקען און גאָרנישט געפיהלט. אויף דעם צווייטען טאָג נאָך דעם ספּעקטאַקעל בין איך געפאָהרען רייטענדיג מיט אַדאָלף איוואַניטש'ען. עס איז געווען עטוואָס פייכט און מיך האָט דורכגענומען. דעמאָלט האָב איך זיך דאָס מסתמא פערקיהלט. אין אַ טאָג דריי אַרום בין איך אוועקגעפאָהרען צו זיך אַהיים אַ קוק צו טהאָן, וואָס עס מאַכט דאָרט מיין ליעבער, מיין גוטער וואַסיאַ, און פאַר איין וועג צו נעהמען מיט זיך מיין זיידענע קלייד, אָט יענע מיט די בליהמעלאָך. וואַסיאַ'ן האָב איך, זעלבסטפערשטענדליך, אין דערהיים נישט געטראָפען. איך בין אוועק אין קיך הייסען פּראַסקאָוויא שטעלען דעם סאַמאָוואַר, ערשט איך גיב אַ קוק ביי איהר אויף דעם טיש שטעהען אַזעלכע גוטע, יונגינקע

רעטעכלאַך און מערעלאַך, אָט אזוי ווי שפּיעלכעלאַך. מיינע האָט גענומען און אויפגעגעסען איין מערעלע, אַ צווייטען, אַ רעטעכעל. גע־געסען האָב איך נישט פיעל, נור שטעלט זיך פאַר, פּלוצים הויבט מיר אָן צו שניידען... איך קריעג ספּאַזמען... ספּאַזמען... ספּאַזמען... איך פּיהל, אַז איך שטאַרב! עס קומט צולויפען וואַסיא פון דיענסט. ער געוועהנליך כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ, ווערט בלייך. מען לויפט נאָך אַ דאָקטאָר... איהר פערשטעהט? איך שטאַרב און גאַר!

די ספּאַזמען האָבען זיך אָנגעהויבען אין מיטען טאָג, אַ זייגער דריי איז געקומען דער דאָקטאָר און זעקס איז ליזאַטשקע איינגעשלאָ־פען און איז געשלאָפען מיט אַ געשמאַקען, פעסטען שלאָף ביז צוויי אזייגער ביינאַכט.

דער זייגער קלאַפּט צוויי... דער שיין פון קליינעם נאַכט־לעמפּעל שלאָגט זיך קוים־קוים דורך דורך דעם בלויען קאַלפּאַק.

ליזאַטשקא ליעגט אין בעט. איהר ווייס, שפּיצען הייבעל טרעט שאַרף ארויס פון דער רויטער קישען. אויף איהר בלאַסען פּנים און די שעהנע פּלייצעס לייגען זיך אַוועק שאָטענס פון אַבאַזשור. איהר צופו־סען זיצט וואַסילי סטעפּאַנאָוויטש, איהר מאַן. דער אָרימער טייפעל איז גליקליך, וואָס זיין ווייב איז ענדליך צוריק אין דערהיים און אין דערזעלבער צייט איז ער זעהר אָנגעשראָקען פון איהר קראַנק־הייט.

—נו, ליזאַטשקא, ווי פּיהלסטו זיך? — פרעגט ער שטיל, באַ־מערקענדיג, אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— מיר איז בעסער... — קרעכצט ליזאַטשקא — קיין ספּאַזמען פּיהל איך שוין מעהר נישט, נור עס שלאָפט זיך עפּעס נישט... איך קען ניט איינשלאָפען!

— איז שוין אפשר צייט, מלאכ'ל מיינער, דיר איבערצולייגען דעם קאָמפּרעס?

ליזאַטשקא הויבט זיך לאַנגזאַם אויף, און מיט אַ ליידענדען אויס־דרוק ווארפט זי גראַציעז אָב דעם קאָפּ אָן אַ זייט.

וואַסילי סטעפּאַניטש בייט פייערליך איבער דעם קאָמפּרעס... זיך קוים אָנריהרענדיג מיט זיינע פינגער אָן איהר הייסען קער־פּער.

ליזאָטשקא קאָרטשעט זיך צונויף, לאכט פון דאָס קאַלטע וואַ־סער, וואָס קיצעלט זי און לעגט זיך צוריק.

— דו שלאָפסט נעבאך נישט! — קרעכצט זי.

— ליעגט מיר דען אין קאָפּ אצינד צו שלאָפען?

— דאָס איז ביי מיר פון די נערוועז, וואסיא. איך בין זעהר א נערוועזע פרוי. דער דאָקטאָר האָט מיר פערשריעבען א מעדיצין פאר'ן מאגען, אָבער איך פיהל, אז ער האָט נישט פערשטאַנען מיין קראַנקהייט. דאָס זיינען די נערוועז און נישט דער מאָגען, איך קען שווערען, אז דאָס זיינען די נערוועז איך האָב נור פאר איין זאך מורא, אז מיין קראַנקהייט זאָל נישט ווערען אַן ערנסטע.

— ניין, ליזאָטשקא, ניין! מאָרגען וועסטו שוין זיין געזונד!

— איך גלויב קוים! פאר זיך האָב איך קיין מורא נישט... מיר איז אלץ איינס, איך בין זאָגאר צופריעדען צו שטאַרבען, נור אויף דיר איז מיר א רחמנות! וועסט פּלוצים ווערען אַן אלמן און בלייבען גאנץ אליין.

וואסעטשקא זעהט זעלטען אָן דאָס ווייב און איז שוין פון לאַנג געוועהנט צו איינזאַמקייט, נור דאך בעאונרוהיגט איהם ליזאָטשקא'ס ווערטער.

— וואָס רעדסטו, מאַמעלע, צו וואָס טויגען דיר די פינסטערע געדאַנקען?

— נו, וואָס איז? אין אָנהויב וועסטו וויינען, וועסט קלאָגען און דערנאָך וועסטו זיך צוגעוועהנען. וועסט נאָך חתונה האָבען.

דער מאַן כאַפּט זיך פאר'ן קאָפּ.

— נו, נו, איך וועל מעהר נישט רעדען — בערוהיגט איהם ליזאָטשקא. — נור דו דארפסט זיין בערייט אויף אַלעס.

— און טאָמער שטאַרב איך טאַקע אויף אַן אמת! — טראַכט זי, צומאַכענדיג די אויגען.

און ליזאָטשקא נעהמט זיך מאָהלען אין איהרע געדאַנקען א בילד פון איהר אייגענעם טויט, ווי אַרום איהר טויטען בעט קלייבען זיך אַרום די מאַמע, דער מאַן, די קוזינע וואַריא מיט'ן מאַן, די גאַנ־צע פאַמיליע און די פאַרעהרער פון איהר „טאַלענט", ווי זי שעפּצעט דאָס לעצטע „לעב וואָהל". אַלע וויינען. דערנאָך, ווען זי איז שוין טויט, טהוט מען זי אָן אין א ראָזאָווען קלייד (וואָס קליידעט איהר

זעהר) און מען לעגט איהר אריין אין א טהייערען קאסטען אויף גאָל-דענע פיסלאך פול מיט בלומען, א בלאַסע מיט איהרע שווארצע האָאר זעהט זי אויס זעהר, זעהר אינטערעסאַנט. עס שמעקט מיט ווייה-רויך, עס צאַנקען די ליכט. דער מאַן טרעט נישט אָב פון איהר טויטען קאסטען און די פערעהרער פון איהר טאַלענט קענען נישט אָברייסען פון איהר די אויגען: „ווי א לעבעדיגע! ווי וואונדער שעהן זי איז א טויטע!"

איבער דער גאַנצער שטאָדט רעדט מען וועגען דעם פריהצייטיג פארלאָשענעם לעבען. נור אָט טראָגט מען איהר אין קלויסטער, עס טראָגט זי: איוואן פעטראָוויטש, אדאָלף איוואַניטש, וואריא'ס מאַן, ניקאָלאי סעמעניטש און יענער סטודענט מיט די שווארצע אויגען, וועלכער האָט איהר אויסגעלערנט טרינקען לימאָנאַד מיט קאָניאַק. עס איז נור א שאָד וואָס קיין מוזיק שפּיעלט נישט. נאָך דער מעססע הויבט זיך אָן דאָס געזעגנען זיך. דער קלויסטער ווערט פערהילכט פון געוויין. מען לעגט ארויף דעם דעקעל אויפ'ן קאסטען און... ליזאָטשקא זעגענט זיך אויף אייביג מיט דער ליכטיגער וועלט. עס הערט זיך מען שלאָגט צו די טשוועקעס. סטוק, סטוק, סטוק!...

ליזאָטשקא טהוט זיך א טרייסעל און עפענט די אויגען.

וואסיא, דו ביזט דאָ? — פרעגט זי — מיך מאַטערען אזעלכע טרויעריגע געדאַנקען. מיין גאָט, שוין-זשע בין איך אזוי אונגליקלאך, אז איך זאָל נישט קענען איינשלאָפען? וואסיא, האָב איבער מיר רחמנות, דערצעהל מיר עפּעס!

— וואָס-זשע זאָל איך דיר דערצעהלען?

— עטוואָס... וועגען ליעבע — זאָגט שמאַכטענדיג ליזאָטשקא — אָדער, אז נישט דערצעהל עפּעס פון אידישען לעבען.

וואסילי סטעפּאַניטש, וועלכער איז בערייט אויף אַלץ, אבי זיין ווייב זאָל זיין פרעהלאך און זאָל נישט רעדען פון טויט, פארקאמט זיך אונטער די אויערען א פּאָאר פּאות'ן, מאכט א קאָמישען פנים און געהט צו צו ליזאָטשקא'ן.

— דארפסט איהר אפשר פעררינטען א זייגער? — פרעגט ער אין א שלעכטער, געבראָכענער רוסישער שפּראַך.

— יאָ, איך דארף, איך דארף! — לאכט ליזאָטשקא און דער-לאַנגט איהם פון טישעל איהר גאָלדען זייגערל — נא, פעררינכט!

וואסיא נעהמט דאָס זייגערל, בעטראַכט א צייט לאַנג דעם מע־כאַניזם און זיך אין גאַנצען צונויפגעקאָרטשעט, זאָגט ער:

— מען קען עס נישט פעררינכטען... דאָס זיינען אין איין רע־דעל צוויי ציינהן נישט פאראן...

אין דעם בעשטעהט די גאַנצע פאָרשטעלונג. ליזאָטשקא קייכט פאר געלעכטער און פאטשט מיט די הענד.

— אויסגעצייכענט! — שרייט זי אויס— וואונדערבאר! דו ווייסט וואסיא? דו טהוסט זעהר נאַריש, וואָס דו נעהמסט נישט קיין אנטהייל אין די ליעבהאָבער ספעקטאַקלען? דו האָסט א מערק־ווירדיגען טאַלענט! דו שפּיעלסט א סך בעסער פון סיסונאָוו'ן. מיט אונז האָט געשפּיעלט אין „איך בין עס דער העלד פון דעם געבורטס־טאָג" א געוויסער ליעבהאָבער סיסונאָוו. א ערשטער קלאַסע קאָמישער טאַלענט! שטעל זיך פאָר: א נאָז האָט ער, א גראָבע ווי א ברוקווע, אויגען גרינע, און געהן געהט ער, ווי א שטאָרך... מיר האָבען זיך אַלע געקאַטשעט פאר געלעכטער. ווארט אויס, איך וועל דיר צייגען, ווי ער געהט.

ליזאָטשקא שפּרינגט אראָב פון בעט און נעהמט טרעטען איבער'ן פּאָל א באָרוויסע און שוין אָהן דאָס הייבעל.

— אַלע אכטונג! — רעדט זי מיט א באַס, נאָכמאַכענדיג א מענער שטימע: — וואָס הערט זיך עפּעס גוטעס? וואָס טהוט זיך עפּעס נייעס אונטער דער לבנה? כאַ־כאַ־כאַ! — קוועלט זי און לאַכט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — לאַכט אויך וואסיא.

און מאַן און ווייב, פערגעסענדיג די קראַנקהייט, יאָגען זיך איי־נער נאָך דעם אנדער'ן איבער'ן שלאָפצימער. די יאָגעניש ענדיגט זיך דערמיט, וואָס וואסיא כאַפּט דאָס ווייב פאר דאָס העמד און בעשיט זי מיט קושען... נאָך איינער, א בעזונדערס ליידענשאַפטליכער אומ־ארמונג, דערמאָהנט זיך פּלוצים ליזאָטשקא, אז זי איז ערנסט קראַנק...

— וואָס פאר א נאַרישקייטען! — זאָגט זי, מאַכענדיג אַן ערנסט פּנים און זיך איינדעקענדיג מיט דער קאָלדרע: — האָסט, הפּנים, פערגעסען, אז איך בין קראַנק! זעהר קלוג, נישטאָ וואָס צו רע־דען!

— ענטשולדיג... — פערשעהמט זיך דער מאַן.

— מיין קראנקהייט וועט זיך פערערגערען און דו וועסט דאן זיין שולדיג! ביזט נישט קיין גוטער, ניין, זעהר נישט קיין גוטער!..

ליזאַטשקא פערמאַכט די אויגען און שווייגט. דאָס פריהערדיגע פערשמאַכטקייט און דער ליידענדער אויסדרוק אויף איהר פנים קעהרען זיך אום צוריק און ווידער הערען זיך לייכטע קרעכצען.

וואסיא בייט איבער דעם קאָמפּרעס, און א צופריעדענער, וואָס זיין ווייב איז אין דער היים לויפט נישט ארום צו דער מוהמען, זיצט ער בעשיידען צו איהרע פיס. ער מאַכט נישט צו מיט אַן אויג ביז אין דער פריה.

א זייגער צעהן קומט דער דאָקטאָר.

— נו, ווי פיהלען מיר זיך? — פרעגט דער דאָקטאָר, טאַפּענדיג איהר פולס: — געשלאָפען?

— שלעכט — ענטפערט דער מאַן פאר ליזאַטשקאַ'ן — זעהר שלעכט געשלאָפען!

דער דאָקטאָר געהט צו צום פענסטער און פערקוקט זיך אויף א פערבייגעהענדען קוימענקעהרער.

— דאָקטאָר, מעג איך היינט טרינקען קאַפע? — פרעגט ליזאַטשקאַ.

— איהר מעגט.

— און אויפשטעהן מעג איך היינט?

— מעגען, האָט איהר אפילו יאָ געמעגט, נור... בעסער ליגט נאָך א טאָג.

— זי איז זעהר שלעכט אויפגעלעגט... — שעפּצעט איהם וואסיא אויפ'ן אויער — האָט עפּעס אזעלכע פינסטערע געדאנקען... א מאָדנעם בליק אויף דעם לעבען... איך בין וועגען איהר שטאַרק אונרוהיג...

דער דאָקטאָר זעצט זיך פאר דעם טישעל און, זיך אריב געטהאָן מיט לאָדאָן דעם שטערן, פערשרייבט ער ליזאַטשקאַ'ן עפּעס א מעדיצין. דערנאָך געזעגענט ער זיך, זאָגט צו צו קומען ביינאַכט נאָך א מאָל און פאָהרט אוועק.

וואסיא געהט נישט צו זיין בעשעפטיגונג און זיצט אַלץ צו דער ווייבס פיס...

בייטאָג קומען צו פאָהרען די פערעהרער פון איהר טאַלאַנט,

זיי זיינען בעאונרוהיגט, דערשראָקען, האָבען געבראַכט אַ סך בלומען, פראַנצויזישע ביכלאך.

ליזאָטשקאַ, אַנגעטהאָן אין אַ שנעע ווייסען טשעפּיקעל און אַ לייכטער בלוזקע, ליעגט אין דער בעט און קוקט געהיימניספול, רעטזעל־האַפט, עפּעס אַזוי ווי וואָלט נישט געגלויבט אין איהר געזונד ווערען. די פערעהרער פון איהר טאַלענט זעהען דעם מאַן, אָבער דאָס מאָל זיינען זיי איהם מוחל פאַר זיין אַנוועזענהייט: זיי און איהם האָט ביי איהר קראַנקען־בעט פעראייניגט דער זעלבער אונגליק...

אַ זייגער זעקס פאַרנאַכט שלאָפט ליזאָטשקאַ איין און שלאָפט וויטער אָב ביז צוויי אַ זייגער ביינאַכט.

וואַסיאַ זיצט נאָך, ווי פריהער, צו איהרע פיס, רייבט פון זיך מיט אַלע כחות דעם דרימעל, בייט איבער דעם קאָמפּרעס, שפּיעלט פאַר איהר פון אידישען לעבען און, אין דער פריה, נאָך אַ צווייטער נאַכט פול מיט ליידען, דרעהט זיך שוין ליזאַ פאַר דעם שפּיעגעל און טהוט אָן די הוט.

— וואָהין געהסטו, מיין טהייערע? — פרעגט וואַסיאַ, קור־קענדיג אויף איהר מיט געבעט.

— ווי? — וואונדערט זיך ליזאָטשקאַ און מאַכט אַ צושראָ־קענע מינע — דו ווייסט דען נישט, אַז היינט האָבען מיר אַ רעפּע־טיציע ביי מאַריאַ לוואָוונאַ'ן?

זי בעגלייט, בלייבט וואַסיאַ ווידער אליין פאַר לאַנגווייליגקייט, פון נישט האָבען וואָס צו טהאָן, נעהמט וואַסיאַ דעם פּאָרטפעל און געהט צו זיין בעשעפטיגונג.

פון די שלאָפלאָזע נעכט טהוט איהם דער קאָפּ שטאַרק וועה, אָבער אַזוי וועה, אַז די לינקע אויג קען ער בשום אופן נישט האַלטען אָפען און זי מאַכט זיך צו פון זיך אליין...

— וואָס טהוט זיך דאָס מיט אייך, טאַטעלע מיינער? — פרעגט איהם זיין פאָרגעזעצטער — וואָס האָט פּאַסירט?

וואַסיאַ טהוט אַ מאַך מיט אַ האַנד און זעצט זיך.

— פרעגט בעסער נישט, אייער דורכלויכט — זאָגט ער מיט אַ זיפץ — וויפיעל איך האָב זיך דאָס אויסגעליטען אין די צוויי טעג... וויפיעל איך בין אויסגעשטאַנען! ליזאַ איז קראַנק!

— מיין גאָט! — דערשרעקט זיך דער פאָרגעזעצטער: — ליזאַוועטא פּאַוולאָוונא איז קראַנק? וואָס איז איהר?

וואַסילי סטעפּאַניטש גיט נור א מאַך מיט די הענד און הויבט אויף די אויגען צום באַלקען, ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: „גאָט׳ס ווילען איז אַזוי!”

— איך, מיין פריינד, איך פיהל אייך מיט מיט׳ן גאַנצען האַר־צען! — זיפצט אָב דער פאָרגעזעצטער, פערגלאָצענדיג די אויגען: — איך, פריינד מיינער, האָב פערלאָרען א פרוי... איך פערשטעה וואָס דאָס מיינט. דאָס איז אַזא פערלוסט... אַזא פערלוסט! דאָס איז שרעקליך... שרעקליך! איך האָף, אז ליזאַוועטא פּאַוולאָוונא פיהלט זיך שוין איצט בעסער. וועלכער דאָקטאָר היילט זי?

— פאָן־שטערק.

— פאָן־שטערק? איהר וואָלט זיך בעסער געווענדעט צו מאַג־נוס׳ן, אָדער צו סעמאַנדריצקע׳ן. אָבער וואָס פאַר א פּנים איהר האָט, ווי בלאַס איהר זייט! איהר זייט דאָך אַליין א קראַנקער מענש! דאָס איז שרעקליך!

— יאָ. דורכלויכט... איך האָב נישט געשלאָפען... האָב אַזוי פיעל איבערגעלעבט... אויסגעליטען!

— און דאָך געקומען אַרבייטען! צו־וואָס זייט איהר געקומען, פערשטעה איך נישט? מען קען דען זיך צווינגען? טאָר מען דען זיך אַזוי אָנשטרענגען? געהט אַהיים און זעצט זיך דאָרטען ביז וואַנען איהר וועט געזונד ווערען! געהט, איך בעפעהל אייך! פלייסיגקייט איז זעהר א גוטע אייגענשאַפט ביי א יונגען בעאַמטען, מען דאַרף אָבער נישט פערגעסען, ווי די רוימער האָבען געזאָגט, אז א געזונ־דער קאָפּ קען נור זיין אויף א געזונדען קערפּער!...

וואַסיא איז איינפערשטאַנדען, ער לעגט צוריק אַוועק זיינע פּאַ־פּירען אין פּאָרטפעל און, געזעגענט זיך מיט דעם פאָרגעזעצטען, פאָהרט ער אַהיים שלאָפען.

די דאַמען

פעדאָר פעטראָוויטש, א דירעקטאָר פון די פאָלקס־שולען אין דער שטאָדט נ., וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר א גערעכטען און גוטהערציגען מענשען, האָט איין מאָל ביי זיך אין דעפּאַרטאַמענט אויפגענומען דעם לעהרער ווּרעמענסקי'ן.

— ניין, הערר ווּרעמענסקי — האָט ער געזאָגט — אייער דימיסיע איז אונפערמיידליך. מיט אזא שטימע, ווי אייערע, קען מען נישט אָנהאַלטען קיין שטעלע אַלס לעהרער. ווי אזוי האָט איהר פערלאָרען אייער שטימע?

— איך האָב פערשוויצטערהייד געטרונקען קאַלטע ביער...

— האָט ארויסגעשעפּטשעט דער לעהרער.

— א גרויסער שאָד! א מענש האָט אָבגעדיענט פיערצעהן יאָהר און פּלוצים אזא אָנשיקעניש! דער טייפעל ווייס וואָס, צוליעב עפּעס א נאַרישקייט קומט אויס צו צוברעכען די גאַנצע קאַריערע, דאָס גאַנץ לעבען. וואָס דענקט איהר איצט צו טהאָן?

דער לעהרער האָט גאָרנישט געענטפערט.

— איהר זייט פערהייראַט? — האָט געפרעגט דער דירעקטאָר.

— יא, כ'האָב א ווייב מיט צוויי קינדער, אייער עקסעלענץ...

— האָט אויסגעשיפּעט דער לעהרער.

א שווייגען. דער דירעקטאָר איז אויפגעשטאַנען פון טיש און זיך דורכגעגאַנגען פון איין ווינקעל אין אנדערען אין שטאַרקער אויפרעגונג.

— מיין קאָפּ באַנעהמט נישט, וואָס איך קען מיט אייך מאַכען! — האָט ער געזאָגט — קיין לעהרער קענט איהר מעהר נישט זיין און צו א פּענסיע האָט איהר זיך נאָך נישט דערשלעפּט... און

איך לאזען אויף הפקר, גלאט אין דער וועלט אריין, איז אויך עפּעס נישט קיין פּלאן. איהר זייט ביי אונז אן אייגענער מענש, האט אבגע־דיענט פיערצעהן יאהר, הייסט עס, אז עס איז אונזער זאך, אייך צו העלפען. אבער ווי זאל מען אייך העלפען? וואס קען איך פאר אייך טהאן? געהט, אדרבה, איהר אליין אריין אין מיין לאגע: וואס קען איך טהאן פאר אייך?

ווידער א שווייגען. דער דירעקטאר איז ארומגעגאנגען און אלץ געטראכט, און ווראמענסקי, א דערשטיקטער פון זיינע צרות, איז גע־זעסען אויף א עק פון שטול און האט אויך געטראכט. פּלוצים האט דער דירעקטאר אנגעהויבען צו שטראהלען און האט זאגאר מיט די פינגער א קנאק געטהאן.

— עס וואונדערט מיך, וואס איך האב זיך פריהער אן דעם נישט דערמאנט! — האט ער גענומען ריידען שנעל — הערט אויס, אט וואס איך קען אייך פארשלאגען... ביי אונז, אין אנשטאלט האט א שרייבער אנגעגעבען אין דיסמיסיע, ער געהט נעכסטע וואך אוועק. אויב איהר ווילט, קענט איהר אנקומען אויף זיין ארט! אט האט איהר א פּלאץ!

ווראמענסקי, וועלכער האט נישט ערווארטעט אזא גליק, האט אויך גענומען שיינען.

— אלזא, דאס איז אויסגעצייכענט — האט געזאגט דער דירעק־טאר — היינט נאך זאלט איהר אנשרייבען א ביט־שריפט...

אבגע'פטרט ווראמענסקי'ן, האט פעדאר פעטראוויטש, דער־פיהלט, אז איהם איז גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען, ער איז גע־ווארען גאר א לעבעדיגער: פאר איהם איז שוין מעהר נישט גע־שטאנען די איינגעהויקערטע געשטאלט פון דעם הייזעריגען לעהרער און עס איז איהם אנגענעהם געווען דאס בעוואוסטזיין, אז דערמיט וואס ער האט פארגעשלאגען ווראמענסקי'ן די פרייע שטעלע, האט ער געהאנדעלט ריכטיג, געוויסענהאפט, ווי א גוטער און אנשטענדיגער מענש. אבער די דאזיגע פרעהליכקייט האט זיך ביי איהם געהאלטען נישט לאנג. ווען ער האט זיך אומגעקעהרט אהיים און געזעצט עסען מיטאג, האט זיין ווייב, נאסטאסיא איוואנאוונא, זיך פּלוצים אן עפּעס דערמאנט:

— אך, איך האב שיער נישט פערגעסען! נעכטען איז צו מיר

נעקומען נינא סערגעיעוונא און געבעטען פאַר עפּעס א יונגען מאַן. מען זאָגט, אז ביי אונז אין אַנשטאַלט ווערט א פרייער פּלאַץ...

— יא. אָבער דעם דאָזיגען פּלאַץ האָט מען שוין צוגעזאָגט צו גע־בען אַן אַנדערען — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר און האָט זיך אָנגע־במורעט: — און ווייסט דאָך מיין רעגעל: איך גיעב קיין מאָל קיינעם נישט קיין פּלאַץ צוליעב פּראָטעקציאָן.

— איך וויים, נור פאַר נינא סערגעיעוונא, דענק איך, האָט מען געמעגט מאַכען אַן אויסנאָהם. זי ליעבט אונז, ווי קרובים, ווי אייגענע מענשען, און מיר האָבען ביז אַהער נאָך גאָר נישט געטהאָן פאַר איהר. דו זאָלסט אפילו אין זינען נישט האָבען איהר צו ענטזאָגען, פעדיא! מיט דיינע קאַפּריזען וועסטו בעליידיגען אי זי, אי מיך.

— און ועמען רעקאָמענדירט זי?

— פּאָלזוכין'ען!

— וואָס פאַר א פּאָלזוכין? איז דאָס יענער, וואָס האָט צו נייער יאָהר אויף דער פערזאַמלונג געשפּיעלט די ראָלע פון טשאַציקי'ן? דער זשענטעלמאַן? פאַר קיין פאַל אין דער וועלט.

דער דירעקטאָר האָט אויפגעהערט צו עסען.

— פאַר קיין פאַל נישט! — האָט ער געזאָגט נאָך אמאָל — גאָט זאָל מיך היטען!

— אָבער פאַרוואָס?

— פערשטעה דאָך, מאַמעלע מיינע, אז אויב א יונגער מאַן האַנ־דעלט נישט אליין, נור דורך פרויען, דאַן הייסט עס, אז ער איז מסתמא א פאַסקודניאַק! פאַרוואָס איז ער אליין צו מיר נישט גע־קומען?

נאָך מיטאָג האָט דער דירעקטאָר זיך צוגעלעגט ביי זיך אין קאַבינעט אויף דער זאָפע און גענומען לעזען די צייטונגען און בריעף, וועלכע זיינען פאַר איהם אָנגעקומען.

„מיין ליעבער פעדאָר פעטראָוויטש! — האָט איהם געשריעבען דעם מער'ס פרוי — איהר האָט אמאָל געזאָגט, אז איך קען מענשען און וויים זייערע הערצער. איצט קענט איהר זיך אין דעם איבער־צייגען. די טעג וועט צו אייך קומען בעטען א פּלאַץ פון א שרייבער אין אייער אַנשטאַלט א געוויסער ק. נ. פּאָלזוכין, וועלכען איך קען פאַר אַן אויסגעצייכענטען יונגען מענשען. דער יונגער מאַן איז זעהר

א סימפּאַטישער. נעהמענדיג אין איהם אַן אַנטהייל, וועט איהר זיך איבערצייגען״ און אַזוי ווייטער.

— פאַר קיין פאַל נישט! — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר — זאָל מיך גאָט אויסהיטען!

נאָך דעם איז נישט אַוועק קיין איין טאָג, אַז דער דירעקטאָר זאָל נישט קריעגען קיין בריעף, וועלכע רעקאָמענדירען פּאָלזוכין׳ען.

אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך בעוויזען פּאָלזוכין אליין א פּוילער יונגער מאַן, מיט א געגאָלטען לאַקעי׳אישען פּנים, אין א פּאָאַר נייע שוואַרצע הויזען...

— מענשען, וועלכע קומען וועגען געשעפטס־אַנגעלעגענהייטען, עמפּפאַנג איך בלויז אין מיין דעפּאַרטאַמענט — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר קאַלט, נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעהערט זיין פערלאַנג.

— ענטשולדיגט, אייער עקסעלענץ, אָבער אונזערע אַלגעמיינע בעקאַנטע האָבען מיר געראַטהען זיך צו ווענדען אַהער.

— הם!... — האָט ארויסגעברומט דער דירעקטאָר, קוקענ־דיג מיט האַס אויף יענעמס שיך מיט די שמאָלע שפּיצען: — אויף וויפיעל איך וויים — האָט ער געזאָגט — איז אייער פּאָטער א רייכער מאַן און איהר נויטיגט זיך נישט, טאָ צו־וואָס דאַרפט איהר אַזוי בעטען דיעזען פּלאַץ און דער געהאַלט איז דאָך אויך א נישטיגער, א גראָשענדיגער!

— איך געה נישט צוליעב דעם געהאַלט, נור אַזוי... עס איז פּאָרט א רעגיערונגס־שטעלע...

— אַזוי... מיר דאַכט זיך, אַז אין א מאָנאַט אַרום וועט אייך די שטעלע דערעסען און איהר וועט זי וואַרפען און אין דערזעלבער צייט זיינען דאָ אַזעלכע מענשען, פאַר וועמען די דאָזיגע שטעלע מיינט א קאַריערע אויף׳ן גאַנצען לעבען. עס זיינען דאָ אָרימע לייט, פאַר וועמען...

— עס וועט מיר נישט דערעסען, אייער עקסעלענץ! — האָט איהם איבערגעשלאָגען די רייד פּאָלזוכין — איך וועל זיך סטאַרען, עהרען וואָרט!

דער דירעקטאָר איז געוואָרען א צוקאָכטער.

—הערט אוים — האָט ער געפרעגט, שמייכלענדיג מיט פער־אַכטונג: — וואָרום האָט איהר זיך גלייך נישט געווענדעט צו מיר,

נור האָט געפונען פאַר נויטיג אפריהער צו בעאונרוהיגען די דאַמען?

— איך האָב נישט געוואוסט, אז אייך וועט עס זיין אונאנגענעהם — האָט געענטפערט פאַלזוכין און איז צומישט געוואָרען: — אָבער אויב אייער עקסעלענץ האלט די רעקאָמענדאציאָנס־בריעף פאַר אונבעדייטענד, דאַן קען איך אייך צושטעלען אַן אטעסטאַט...

ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א פאַפּיר און עס דערלאַנגט דעם דירעקטאָר. אונטער דעם אטעסטאַט איז געווען די אונטערשריפט פונ'ם גובערנאַטאָר. נאָך אַלעס איז קענטיג געווען, אז דער גובערנאַטאָר האָט אונטערגעשריבען נישט לעזענדיג עס, אזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען אָבטשעפּען פון א דאַמע, וועלכע האָט איהם נישט געלאָזט רוהען.

— עס העלפט נישט, איך מוז זיך אונטערגעבען.... — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר, איבערלעזענדיג דעם אטעסטאַט און האָט א זיפץ געטהאָן: — שיקט מאָרגען אריין א ביטשריפט... עס העלפט נישט...

און ווען פאַלזוכין איז אוועק, האָט דער דירעקטאָר זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען צו א געפיהל פון עקעל.

— פאַסקודניאַק! — האָט ער געשיפּעט, שפּרייזענדיג פון איין ווינקעל אין אנדערען: — האָט פאַרט אויסגעפיהרט זיינס, דער לומפּיגער ווייבערשער נאָכשלעפּער! מיאוסקייט! העסליכע באַשעפּעניש!

דער דירעקטאָר האָט אויך א שפּיי געטהאָן אויף דער טהיר, פון וועלכער פאַלזוכין איז נור וואָס ארויס, און האָט זיך גלייך פאַרשעהמט, ווייל אין דער זעלבער צייט, איז צו איהם אין קאַבינעט אריין א דאַמע, די פרוי פון א הויכען בעאַמטען...

— איך בין דאָ אויף איין מינוט, נור אויף א מינוט... — האָט אָנגעהויבען די דאַמע — זעצט זיך, מיין ליעבער, און הערט מיך אויפמערקזאַם אויס...אַלזאָ, מען זאָגט, אז ביי אייך איז דאָ א פרייע שטעלע... מאָרגען אָדער נאָך היינט וועט ביי אייך זיין א יונגער מאַן, א געוויסער פאַלזוכין...

די דאַמע האָט געצוויטשערט און דער דירעקטאָר האָט אויף איהר געקוקט מיט מוטנע, פאַרגלאָזערטע אויגען, ווי א מענש, וואָס אָט־אָט

פאַלט ער אין חלשות, האָט געקוקט און פון אנשטענדיגקייט וועגען געשמייכעלט.

און אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען וורעמענסקי איז געקומען צו איהם אין דעפּאַרטאַמענט, האָט דער דירעקטאָר א צייט לאַנג זיך נישט געקענט ענטשליסען, איהם צו זאָגען דעם אמת. ער האָט זיך געקנייטשט, געדרעהט, איז געווען צומישט און האָט נישט געוואוסט ווי אזוי אָנצוהויבען און וואָס צו זאָגען. דעם דירעקטאָר האָט זיך געוואָלט ענטשולדיגען פאר'ן לעהרער, דערצעהלען איהם דעם גאַנצען אמת, אָבער די צונג האָט זיך געדרעהט, ווי ביי א שיכור'ן, די אויערען האָבען געברענט און ער האָט זיך פּלוצים דערפיהלט בעליידיגט, איהם האָט פערדראָסען, וואָס ער איז געצוואונגען צו שפּיעלען אזא נארישע ראָלע ביי זיך, אין זיין אייגענעם דעפּאַרטאַמענט, פאר א נידעריגער'ן אונטערוואָרפענעם בעאַמטען. ער האָט פּלוצים א זעץ געטהאָן, אָן טיש, איז אויפגעשפּרונגען און בייז א געשריי געטהאָן:

— עס איז נישטאָ ביי מיר פאר אייך קיין פּלאַץ! ניין און ניין! לאָזט מיך צופריעדען! מוטשעט מיך נישט! טשעפּעט זיך אָב פון מיר, טהוט מיר א טובה!

און ער איז ארויס פון דעפּאַרטאַמענט...

אין דער פּאָסט-אבטהיילונג.

די טעג האָבען מיר מקבר געווען דאָס יונג-ווייבעלע פון אונזער אַלטען פּאָסט-מייסטער סלאָדקאָפּערצעוו. בעגראָבען די שעהנהייט, זיינען מיר לויט דעם מנהג פון אונזערע זיידעס און טאַטעס, אוועק אין דער פּאָסט-אבטהיילונג, אריינגגיסען פון איהר נשמה וועגען.

ווען מען האָט דערלאַנגט די בלינעס, האָט דער אַלטער אַלמן זיך ביטער צו-וויינט און געזאָגט:

— די בלינעס זיינען פּונקט אַזעלכע שעהנינקע, אַזעלכע רויטינקע, ווי די געשטאָרבענע איז געווען. די זעלביגע פּאַרשוינען! ווי איין האָאר!

— יאָ — האָבען צוגעגעבען די איבעריגע — זי איז ביי אייך ווירקליך געווען אַ שעהנהייט... אַ פרוי, אַן אנטיק!

— יאָ... אַלע האָבען זיך געוואונדערט אויף איהר קוקענדיג... אָבער געליעבט האָב איך זי, מיינע העררען, נישט פאַר איהר שעהנקייט און נישט פאַר איהר גוטע נאַטור. די דאָזיגע צוויי אייגענשאַפטען זיינען דאָ ביי אַלע ווייבער און מען טרעפט זיי זעהר אָפט אויף דער וועלט. איך האָב זי געליעבט פאַר גאָר אַן אַנדער אייגענשאַפט, פאַר איהר גוטע נשמה. איך האָב געליעבט די געשטאָרבענע, אַ ליכטיגען גן עדן זאָל זי האָבען, דערפאַר, וואָס זי נישט קוקענדיג אויף איהר לעבעדיגען, היציגען, פרעהליכען כאַראַקטער, איז דאָך געבליבען טריי און איבערגעגעבען צו איהר מאַן. זי איז מיר געווען געטריי, כאָטש זי איז אַלט געווען בלויז צוואַנציג יאָהר אַלט און איך בין שוין באַלד אַ זעכציגער! זי איז מיר געטריי געווען, מיר, דעם אַלטען!

דער דיאַקאָן, וועלכער האָט מיט אונז צוזאַמען געטרונקען, האָט מיט אַ פּיעלדייטיגען ברומען און הוסטען געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער צווייפעלט שטאַרק אין דעם אַלטענ'ס רייד.

— איהר גלויבט מיר, הפנים, נישט? — האָט זיך געווענדעט צו איהם דער אלמן.

— איך זאָג נישט, אז איך גלויב נישט — האָט זיך פארשעהמט דער דיאקאָן — נור אָט, אזוי זיך... די יונגע ווייבלאַך היינטיגע צייטען זיינען שוין צופיעל צולאָזען... ראנדעוואו, פראָוואנסאל...

— איהר צווייפעלט, און איך וועל אייך איבערצייגען, אז איך זאָג דעם אמת! די טרייהייט האָב איך אין איהר אויפגעהאלטען מיט פערשיעדענע מיטלען, אזוי צו זאָגען, מיט פאָליטיק, מיט קונצען, זיך אויפפיהרענדיג מיט איהר אויף אזא אופן און ביי מיין ביטרען כאראַקטער, האָט מיין פרוי פאַר קיין פאַל נישט געקענט מיר זיין אונטריי. און די דאָזיגע ביטרעקייט מיינע האָב איך אָנגעווענדעט, אום אָבצוהיטען די ריינקייט פון מיין פאמיליע. איך ווייס אזעלכע ווער־טער, וואָס זיינען פונקט אזוי ווי א פאראָלע. גענוג, איך זאָג די דאָזיגע ווער־טער און — פערטיג, איך קען דאן רוהיג שלאָפען, דער ווייב'ס טריי־הייט איז ווי ביי מיר אין קעשענע...

— וואָס־זשע זיינען דאָס פאַר א ווערטער?

— גאנץ איינפאכע. איך האָב איבער דער שטאָדט פערשפרייט א קלאנג. איהר ווייסט דערפון גאנץ גוט. איך האָב אלעמען דער־צעהלט: „מיין ווייב אליענא האָט א פערהעלטניס מיט אונזער פאָ־ליציי־מייסטער איוואן אלעקסעיעוויטש זאַלכיוואטסקי". די דאָזיגע ווערטער זיינען געוועזען גענוג. קיין מענש האָט שוין מעהר נישט געוואגט צו מאכען אויגלאַך צו אליענא'ן, אלע האָבען מורא געהאט פאַר דעם פאָליציי־מייסטער'ס צאָרן. און ווי נור זיי פלעגען איהר דערזעהען, פלעגען זיי אנטלויפען, וואו פעפער וואקסט, אום, אז זאַליכוואטסקי זאָל חס ושלום נישט מיינען עפּעס אויף זיי.

— כע־כע־כע. האָבען אַז עסק מיט דעם טייפעל מיט די לאנגע וואָנצעס איז נישט קיין מאכל, דערנאָך וועסטו זיך פון איהם שוין קיין גאנצער נישט ארויסדרעהען. ער וועט דיר מאכען פינף פּראָטאָקאָלען וועגען יעדער קלייניגקייט. ער וועט, למשל, דערזעהען דיין קאַץ אויף דער גאס און וועט מאכען א פּראָטאָקאָל.

— האָט אייער ווייב, הייסט עס, נישט געלעבט מיט איוואן אלעק־סיעאיטש'ען? — האָבען מיר זיך אלע געוואונדערט.

— ניין. דאָס איז נור געווען מיין קלוגער איינפאַל... כע־כע...
נו, האַ? האָב איך אייער יוגענד גוט אָנגעפייפט האַ?...

עס זיינען אוועק אַ מינוט דריי אין שווייגען. מיר זיינען געזעסען און געשוויגען, און האָבען זיך געפיהלט אי בעליידיגט, אי פאַרשעהמט, וואָס דער דאָזיגער דיקער אַלטער מיט דער רויטער נאָז האָט אונז אזוי כיטרע אויסגענארט און אָבגעטהאָן אזאַ שפּיצעל...

— נו, גאָט וועט געבען, וועסט חתונה האָבען אַ צווייטען מאָל!

— האָט ארויסגעברומט דער דיאַקאָן...



ביים באַרבער

גאַנץ פריה. דער זייגער איז נאָך נישט זיעבען, און דער באַרבער־שאַפּ ביי מאַקאר קוזמיטש בלעסטקינ'ען איז שוין אָפען. דער בעל הבית, א יונג א יאָהר דריי און צוואַנציג אַלט, ניט קיין געוואַשענער, א פערשמירטער, אָבער אָנגעטהאָן מעשה פראַנט, איז פערנומען מיט'ן אויפראַמען. אויפראַמען איז אייגענטליך נישטאָ וואָס, נור ער איז אַזש פערשוויצט ארבייטענדיג. דאָ ווישט ער אָב מיט א שמאַטקעלע, דאָרט טהוט ער א קאָלופּע מיט'ן פינגער און דאָ געפינט ער גאָר א וואַנץ און טרייבט איהם אראָב פון דער וואַנט.

דער באַרבער־שאַפּ איז א קליינציקער, א שמאָלינקער, א פּאַס־קודנער. די הילצערנע ווענט זיינען אויסגעקלעפּט מיט אָבאָיעס, וועל־כע דערמאָנען אייך אָן א פוהרמאַנישען אָבגעקראַכענעם העמד. צווי־שען צוויי אומעדיגע, פערשמאָדערטע פענסטער געפינט זיך א דין, סקריפּעדיג, שוואַכע טירעל, איבער איהר א גלעקעל, גרין פון פייכט־קייט, וואָס טרייסעלט זיך און קלינגט קראַנקהאַפּט פון זיך אליין, גאָר אָהן שום אורזאַך. און טהוט איהר א קוק אין שפּיעגעל, וואָס הענגט אויף איינער פון די ווענט, ווערט אייער פּנים צוקרימט און צולאָמט גאָר אָהן רחמנות... פאַר דעם דאָזיגען שפּיעגעל שערט מען און גאָלט. אויף א טישעל, אויך אַזאַ ניט געוואַשענעם און פערשמיר־טען, ווי מאַקאר קוזמיטש אליין, איז דאָ אַלץ: קעמלאַך, שערלאַך, גאָל־מעסערס, פאַר א קאָפּיקע פּאָמאַדע, פאַר א קאָפּיקע פּודרע, וואַסערדי־גען קאָלאָן פאַר א קאָפּיקע. און דעם גאַנצען באַרבער־שאַפּ קען מען אָבקויפען מיט עטליכע גילדען.

איבער דער טהיר דערהערט זיך דאָס קוויטשען פון קראַנקען גלעקעל, און אין באַרבער־שאַפּ קומט אריין א עלטערער מאַן אין א קורצען פּעלצעל און אין וואָליקעס. זיין קאָפּ און זיין האַלז זיינען ארומגעוויקעלט מיט א ווייבערשער פאַטשיילע.

דאָס איז עראסט איוואַניטש יאַגאָדאָוו, מאַקאַר׳ס טויפ־פּאַטער. אַמאָל איז ער געווען אַ וועכטער אין קאָנסערוואַטאָריע, אַצינד וואוינט ער נעבען רויטען טייך און פאַרנעהמט זיך מיט שלאָסעריי.

— גוט מאָרגען דיר, מאַקאַרושקאַ! — זאָגט ער צו מאַקאַר׳ן, וועלכער האָט זיך הינגעריסען מיט דעם אויפרוימען.

זיי צוקושען זיך. יאַגאָדאָוו שלעפּט אראָפּ די פּאַטשיילע פון׳ם קאָפּ, צלמ׳ט זיך איבער און זעצט זיך.

— וואָס פאַר אַ מהלך דאָס איז צו דיר! — זאָגט ער, קרעכצענדיג. — אַ קלייניגקייט? פון רויטען טייך ביז די קאַלוגער טויערען.

— וואָס מאַכט איהר עפּעס?

— שלעכט, ברודער! איך האָב געהאַט די הייץ־קראַנקהייט.

— וואָס רעדט איהר? די הייץ־קראַנקהייט?

— יאָ, די הייץ־קראַנקהייט. אַ גאַנצען חדש בין איך אָבגעלעגען. האָב געמיינט, אַז איך שטאַרב. האָב שוין אפילו ודוי געזאָגט. אַצינד קריכען מיר אויס די האָאָר. דער דאָקטאָר האָט פאַרזאָגט, איך זאָל זיך אָבשערען. די האָאָר, זאָגט ער, וועלען צוריק אָבוואַקסען, שטאַרקע, זאָגט ער, וועלען זיי אָבוואַקסען. נו, טראַכט איך מיר, ביי מיר אין קאָפּ: איך׳ל אָקאָרשט געהן צו מאַקאַר׳ן. איידער צו געהן צו אַ פרעמדען, איז שוין בעסער צו אַן אייגענעם. ער וועט אי מאַכען בעסער, אי קיין געלד נישט נעהמען. אמת, עס איז אביסעלע צו ווייט, אַ צו גרויסער מהלך, נור מילא, וואָס זאָל מען טהאָן? זאָל זיך דאַכטען, אַז דאָס איז אַזאַ שפּאַציער.

— איך׳ל אייך אָבשערען מיט פערגעניגען! אדרבה. אַט, זעצט זיך!

מאַקאַר קוזמיטש, אַ שאַר טהאָנדיג מיט׳ן פוס, ווייזט אָן אויף אַ שטוהל. יאַגאָדאָוו זעצט זיך, קוקט אריין אין שפּיעגעל און איז קענטיג צופריעדען מיט דעם, וואָס ער זעהט דאָרט: אין שפּיעגעל זעהט זיך אַ קרומע פּרצוף, מיט גראָבע ליפּען, אַ טעמפּער, ברייטער נאָז און מיט אויגען אויפ׳ן שטערן. מאַקאַר קוזמיטש דעקט צו זיין קליענט׳ס פּלייצעס מיט אַ ווייסען ליילאַך, פול מיט פּלעקען, און נעהמט סקריפּען מיט דער שער.

— איך וועל אייך אָבשערען ריין, גלאַט, מאַכען אייך אַ הוילען קאָפּ.

— נו, אוודאי, ביז איך וועל אויסזעהען, ווי אַ טאַטער, ווי אַ באָמבע. די האָאר וועלען דאַן וואַקסען געדיכטער.

— וואָס מאַכט די מוהמינקע?

— אָט אַזוי זיך. אַנומעלט איז זי געגאַנגען צו דער מאַיאָרשע אַלס באָבע. אַ גאַנצען רובעל האָט מען איהר געגעבען.

— אַזוי? אַ רובעל? האַלט צו דעם אויער אַביסעלע!

— איך האַלט . . . נישט פאַרשנייד, גיעב אַכטונג. אוי, עס טהוט וועה! דו רייסט מיר די האָאר.

— דאָס מאַכט נישט. אָהן דעם קען מען אין אונזער געשעפט נישט אויסקומען. און וואָס מאַכט עפּעס אננאַ עראַסטאָוונאַ?

— דאָס טעכטער'ל? אָט אַזוי זיך, שפּרינגט אַרום. לעצטע וואָך, מיטוואָך, האָט מען זי פערקנאַסט מיט שעיקין'ען. פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען?

די שער הערט אויף צו סקריפּען. מאַקאַר קוזמיטש לאָזט אַרונטער די הענד און פרעגט צושראָקען:

— וועמען האָט מען פערקנאַסט?

— אננאַ'ן.

— וואָס הייסט עפּעס? פאַר וועמען?

— פאַר שעיקין'ען, פאַר פּראָקאָפּי פּעטראָוו שעיקין'ען. זיין מאַמע איז אַן עקאָנאָמקע אין זלאַטאָאוסטאָווער געסעל. אַ וואוילע פרוי. נאַטירליך, מיר אַלע זיינען צופריעדען, גאָט צו דאַנקען דערפאַר. אין אַ וואָך אַרום וועט זיין די חתונה. קום צו געהן, מיר וועלען אַ לעב טהאָן.

— אָבער, שטייטש, ווי קען דאָס עפּעס געמאַלט זיין, עראַסט איוואַניטש? — זאָגט מאַקאַר קוזמיטש אַ בלייכער, אַ פערוואונדערטער און דריקט מיט פּלייצעס: — שטייטש, ווי איז דאָס מעגליך? דאָס... דאָס איז בשום אופן נישט מעגליך! אננאַ עראַסטאָוונאַ איז דאָך... איך בין דאָך... איך האָב דאָך געהאַט צו איהר געפיהלען... האָב דאָך בדעה געהאַט מיט איהר צו... וואָס־זשע הייסט עס?...

— אָט אַזוי הייסט עס, מיר האָבען גענומען און זי פערקנאַסט. ער איז אַ בראַווער מענש.

אויף מאַקאַר קוזמיטש'עס פּנים טרעט ארוים אַ קאַלטער שוויים. ער לעגט אַוועק די שער אויפ'ן טיש און נעהמט זיך רייבען מיט'ן פויסט די נאָז.

— איך האָב געהאַט אויף איהר אַן אויסזיכט... — זאָגט ער — דאָס קען נישט זיין, עראַסט איוואַניטש! איך... איך בין פער־ליעבט, האָב געמאַכט אַ פאָרשלאַג פון הארצען... און די מוהמינקע האָט מסכים געווען... האָט מיר צוגעזאָגט צו געבען אַננאַ עראַס־טאָווגאַ פאַר אַ כלה. איך האָב שטענדיג פאַר אייך דרך ארץ געהאַט אַלץ איינס, ווי פאַר אַ טאַטען... שער אייך שטענדיג אומזיסט... איהר האָט פון מיר אימער געהאַט אַ טובה און, ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבען, האָט איהר צוגענומען די זאַפּע און צעהן רובעל געלד, וועלכע זיינען פון איהם פאַרבליעבען און איהר האָט עס מיר קיין מאָל צוריק נישט אומגעקעהרט. געדענקט איהר?

— פאַרוואָס זאָל איך דאָס נישט געדענקען? אודאי געדענק איך. אָבער וואָס ביזטו פאַר אַ חתן, מאַקאַר? פערשטעהסטו דען אליין נישט, אַז דו ביזט קיין חתן נישט? נישט קיין געלד, נישט קיין בע־רוף, אַ מלאכה אַ נישטיגע...

— און שעיקין איז אַ רייכער?

— שעיקין איז אַ פּריקאַזטשיק. ער האָט אַ פּופצעהנהונדערט רובעל. אַט אַזוי איז דאָס, ברודער... מעגסט זיך רעדען פון היינט ביז מאָרגען, דער עסק איז שוין אָבגעטהאָן. וועסט שוין צוריק נישט איבערמאַכען, מאַקארושקאַ. זוך זיך אַן אַנדער כלה... די וועלט איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען. וועסט קריעגען דיינס... נו שער! וואָס שטעהסט צו...

מאַקאַר קוזמיטש שווייגט און שטעהט אונבעוועגליך, דערנאָך נעהמט ער פון קעשענע ארוים אַ טיכעל און הויבט אָן וויינען.

— נו, וואָס מאַכסט זיך נאַריש! — טרייסט איהם עראַסט איוואַניטש — לאָז זיך אוים! זעה, ווי ער קלאָגט, ווי אַ באָביצע! דו ענדיג שערען מיין קאָפּ, דערנאָך וועסטו זיך וויינען. נעהם די שער!

מאַקאַר קוזמיטש נעהמט מעכאַניש די שער, קוקט אויף איהר אַ ווייל מיט טעמפּע אויגען און וואַרפט עס צוריק אויפ'ן טיש. די הענד טרייסלען זיך ביי איהם.

— איך קען נישט! זאָגט ער — אצינד קען איך נישט, איך האָב קיין קרעפטען נישט! איך בין אַן אונגליקליכער מענש! און זי, זי איז אויך אַן אונגליקליכע! מיר האָבען ליעב געהאַט איינער דעם אַנדערען, האָבען זיך אַ וואָרט געגעבען, און צושיידט האָבען אונז שלעכטע מענשען אָהן שום רחמנות. געהט אַוועק, עראַסט איוואַניטש! איך קען אויף אייך נישט קוקען.

— נו מילא, וועל איך מאָרגען קומען, מאַקארושקאַ. וועסט מיך מאָרגען דערשערען.

— גוט.

— בערוהיג זיך, און איך וועל צו דיר קומען מאָרגען נאָך פאַר פריה.

ביי עראַסט איוואַניטש'ן איז איין העלפט קאָפּ אָבגעשאָרען גאָר גלאַט, אַזוי ווי אָבגעגאָלט און ער זעהט אויס, ווי אַ קאַטאָרזשניק. עס איז עפּעס נישט אַנגענעהם אַוועקצוגעהן מיט אַזאַ קאָפּ, נור וואָס קען מען טהאָן? ער וויקעלט אַרום דעם קאָפּ און די האַלז מיט דער פּאַטשיילע און געהט אַרויס פון באַרבער־שאָפּ. קוזמיטש זעצט זיך און ווייגט ווייטער אין דער שטיל.

אויף מאָרגען גאַנץ־פריה קומט עראַסט איוואַניטש ווידער.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — פרעגט איהם קאַלט מאַקאר קוזמיטש.

— דערשער, מאַקארושקאַ. נאָך אַ האַלבער קאָפּ איז פערבליע־בען.

— גיט, זייט מוחל, געלד אַפריהער. אומזיסט שער איך נישט.

עראַסט איוואַניטש געהט אַוועק, נישט רעדענדיג אַ וואָרט, און נאָך ביז היינטיגען טאָג איז ביי איהם אויף איין העלפט קאָפּ די האָאַר לאַנגע און אויף דער צווייטער — קורצע. זיך שערען פאַר געלד האַלט ער פאַר אַ אויסברייענגעריי, אַ איבעריגע זאַך, און ער וואַרט, אַז אויף דער אָבגעשאָרענער זייט זאָלען די האָאַר אַליין אָבוואַקסען. אַט אַזוי, מיט איין העלפט קאָפּ אַ הוילער און דער אַנדערער אַ בעוואַקסענער האָט ער אויף דער טאָכטער'ס חתונה געהוליעט...

דער שפּיעגעל

עס איז אַ נאַכט פאַר ניי־יאָהר. נעללי, אַ יונגע און שעהנע טאָכטער פון אַ גוטס־בעזיצער און גענעראַל, וועלכע טרוימט טאָג און נאַכט וועגען חתונה האָבען, זיצט ביי זיך אין צימער און מיט מיעדע, האַלבגעשלאָסענע אויגען קוקט זי אין שפּיעגעל אריין. זי איז בלאַס, אָנגעשטרענגט און אונבעוועגליך, ווי דער שפּיעגעל.

אַ בילד, וואָס עקזעסטירט נישט, אָבער וואָס מאָהלט זיך פאַר איהר, עהנליך צו אַ שמאָלען, אָהן אַ סוף־לאַנגען קאָרידאָר, אַ ראַנד ליכט אָהן אַ צאָהל, דאָס אָפּשפּיעגלונג פון איהר פּנים, איהרע הענד, די ראַמקע פון שפּיעגעל — דאָס אַלץ האָט זיך שוין לאַנג פערצויגען מיט אַ נעבעל און זיך צונויפגעגאָסען אין איין גרויסען, גרויען גרענצלאָזען ים. דער ים בעוועגט זיך, רוישט, און צייטענווייז צינדט ער זיך אָן — פלאַם פייער...

קוקענדיג אויף נעללים אונבעוועגליכע אויגען און אָפענעם מויל, איז שווער צו פערשטעהן, אויב זי שלאָפט, אָדער וואַכט, דאָך זעהט זי. אַפריהער זעהט זי נור אַ שמייכעל און אַ ווייכען, רייצענדען אויסדרוק פון עפּעס אימעצענס אויגען, דערנאָך אָבער טרעטען ארויס אויף דעם ציטערענדען, גרויען פאָן די שטריכען און ליניעס פון אַ קאָפּ, אַ פּנים, ברעמען, אַ באָרד. דאָס איז ער, דער באַשערטער, אויף וועמען זי האָט אַזוי לאַנג געהאָפט, וועגען וועמען זי האָט אַזוי פיעל געטרוימט. דער באַשערטער איז פאַר נעללי'ן אַלעס: דער צוועק פון לעבען, דאָס פּערזענליכע גליק, די קאַריערע, דער מזל. אָהן איהם, איז פּונקט ווי אויפ'ן גרויען פאָן: פינסטערניש, פּוסטקייט, זינלאָזיגקייט. און דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, וואָס זעהענדיג פאַר זיך אַ שעהנעם, מילד שמייכלענדיגען קאָפּ, פיהלט זי אַ פרייד, און אויסדריקליך זיסען גענוס, וועלכען מען קען נישט איבערגעבען נישט אין ווערטער און נישט אויף פּאַפּיער. ווייטער הערט זי זיין שטימע,

זעהט, ווי זי לעבט מיט איהם אונטער איין דאַך, ווי איהר לעבען גיסט זיך ביסלעכווייז צונויף מיט זיין לעבען...

אויף דעם גרויען הינטער גרונד לויפען מאַנאַטען, יאָהרען... און זי זעהט דייטליך מיט אַלע איינצעלהייטען איהר צוקונפט.

אויף דעם גרויען הינטער גרונד שוועבען פערביי בילדער אײנס נאָכ׳ן אנדערען. אַט זעהט נעללי, ווי אין אַ קאַלטער, ווינטערדיגער נאַכט קלאַפּט זי אין טהיר פון דעם שטאָדטישען דאָקטאָר סטעפאַן לוקיטש. הינטער די טויערען בילט פויל און הייזעריג דער אַלטער הונד; אין דעם דאָקטאָר׳ס פענסטער איז פינסטער. אַרום איז שטיל, זעהר שטיל.

— אום גאָטעס ווילען... אום גאָטעס ווילען! — שעפּצעט נעללי.

נור אָט, ענדליך, סקריפּעט די פאָרטקע, און נעללי זעהט פאַר זיך דעם דאָקטאָר׳ס קעכין.

— דער דאָקטאָר איז אין דער היים?

— זיי שלאָפען... — שעפּצעט די קעכין אין אַרבעל, ווי מורא האָבענדיג אויפצואוועקען איהר בעל הבית. — זיי זיינען נור וואָס געקומען פון אַן עפּידעמיע. מען האָט מיר פערזאָגט נישט צו־וועקען.

אָבער נעללי הערט נישט די קעכין. אָבגעשטופּט זי מיט אַ האַנד, לויפט זי, ווי אַ משוגענע צום דאָקטאָר אין קוואַרטיר אריין. דורכגע־לאָפען עטליכע פינסטערע און שטיקענדע צימערען, אומגעוואָרפען אויפ׳ן וועג צוויי־דריי שטוהלען, געפינט זי ענדליך, דעם דאָקטאָר׳ס שלאָף־צימער.

סטעפאַן לוקיטש ליעגט ביי זיך אין בעט אַן אָנגעטהאָנענער, נור אָהן אַ רעקעל און, די ליפּען אויסגעצויגען, אָטהעמט ער צו זיך אין לאַדאָן. נעבען איהם לייכט שוואַך אַ נאַכט־לעמפּעלע. נישט רעדענדיג אַ וואָרט, זעצט זיך נעללי אויף אַ שטוהל און הויבט אָן וויינען. זי וויינט ביטער, אויפציטערענדיג מיט׳ן גאַנצען קערפּער.

— מיין... מ־אַ־ן איז קראַנק! — רעדט זי קוים אַרויס.

סטעפאַן לוקיטש שווייגט. ער הויבט זיך לאַנגזאַם אויף, שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט׳ן פויסט און קוקט אויף דעם גאַסט מיט פערי־שלאָפענע, אונבעוועגליכע אויגען.

— מיין מאַן איז קראַנק! — רעדט ווייטער נעללי, איינהאַל־

טענדיג דאָס שלוכצען: — אום גאָטעס ווילען, לאָמיר פאָהרען... שנעלער... וואָס שנעלער!

— אַ? — ברומט דער דאָקטאָר, בלאָזענדיג אין לאָדאָן.

— לאָמיר פאָהרען! גלייך, די מינוט! אז נישט... אז נישט... עס איז שרעקליך אויסצוליידען... אום גאָטעס ווילען!

און נעללי, אַ בלאַסע, אַ פערמאַטערטע, שלינגענדיג די טרעה־רען, נעהמט בעשרייבען דעם דאָקטאָר דעם מאַנ׳ס פלוצימדיגע קראַנק־הייט און איהר מורא׳דיגע שרעק, איהרע ליידען קענען ריהרען אַ שטיין, אָבער דער דאָקטאָר קוקט אויף איהר, בלאָזט זיך אין לאָדאָן און — ריהרט זיך נישט פון׳ם אָרט.

— מאָרגען וועל איך קומען... — שטאַמעלט ער.

— דאָס איז אונמעגליך! — שרעקט זיך נעללי — איך וויים, מיין מאַן האָט אַ טיפוס!... גלייך... די מינוט מוזט איהר געהן, מיר נויטיגען זיך אין אייך גלייך, אויפ׳ן שטעל!...

— איך בין נור וואָס... נור וואָס געקומען... — שטאַמעלט דער דאָקטאָר — דריי טעג בין איך ארומגעפאָהרען אויף דער עפּי־דעמיע. בין מיעד און אליין קראַנק... איך קען בשום אופן נישט! אבסאָלוט נישט! איך... איך האָב זיך אליין אָנגעשטעקט... אָט!

און דער דאָקטאָר טראָגט צו נעללי׳ס אויגען אַ טערמאָמעטער.

— די טעמפּעראַטור איז נאָהענט צו פערציג... איך קען אבסאָ־ליוט נישט! איך... איך בין אפילו נישט אים שטאַנד צו זיצען. ענטשולדיגט: איך׳ל זיך לייגען...

דער דאָקטאָר לייגט זיך.

— אָבער איך בעט אייך, דאָקטאָר! — קרעכצט נעללי פערצווייפעלט — איך בעט אייך! אום גאָטעס ווילען, העלפט מיר! נעהמט צוזאַמען אייערע קרעפטען און לאָמיר פאָהרען... איך וועל אייך בע־צאָהלען, דאָקטאָר!

— מיין גאָט... איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט! אַך!

נעללי שפּרינגט אויף און געהט נערוועז אַרום איבער דעם שלאָף־צימער. איהר ווילט זיך ערקלעהרען דעם דאָקטאָר, איהם געבען צו פערשטעהן... עס דאַכט זיך איהר, אַז ווען ער זאָל וויסען, ווי טהייער דער מאַן איז ביי איהר און, ווי אונגליקליך זי איז. וואָלט ער —

פערגעסען אָן זיין אייגענער מיעדקייט און קראַנקהייט. אָבער וואו נעהמט מען לשון? וואו נעהמט די קראַפט צו איבערצייגען?

— פאָהרט אריבער צום שטאָדט־דאָקטאָר... — הערט זי סטע־פאַן לוקיטש'עס קול.

— דאָס איז אונמעגליך!... ער וואוינט פינף און צוואַנציג וויאָרסט פון דאַנען. און די צייט איז צו טהייער. און די פערד וועלען זיך אויך נישט דערשלעפען אַזוי וויט: פון אונז אַהער איז פערציג וויאָרסט און פון דאַנען צום שטאָדט־דאָקטאָר איז כמעט אויך אַזוי וויט... ניין, דאָס איז אונמעגליך! לאָמיר פאָהרען, סטעפאַן לו־קיטש! איך פערלאַנגט פון אייך א העלדען־טהאַט. נו, זייט שטאַרק, ווייזט, אַז איהר קענט זיין אַהעלד! האָט רחמנות!

— דער טייפעל ווייס וואָס... איך האָב היץ... אין קאָפּ מישט און רוישט, און זי וויל ניט פערשטעהן. איך קען נישט! לאָזט מיך צורוה.

— אָבער איהר זייט פערפליכטעט צו פאָהרען! איהר טאָרט זיך נישט אָבזאָגען! דאָס איז עגאָאיזמוס! דער מענש דאַרף פאַר זיין נעכסטען אָפּפערען מיט זיין לעבען און איהר... איהר ענטזאָגט זיך צו פאָהרען!... איך וועל אויף אייך אָנגעבען אין גריכט!

נעללי פיהלט, אַז זי רעדט נאַרישקייטען, אַז זי בעליידיגט דעם דאָקטאָר גאַר אומזיסט, אָבער אום צו רעטען דעם מאַן, איז זי בערייט צו פערגעסען די לאָגיק, די איידעלקייט און מיטלייד צו מענשען... אלס ענטפער אויף איהר סטראשונאַק, טרינקט דער דאָקטאָר אויס א גלאָז קאַלטע וואַסער... נעללי הויבט זיך ווידער אָן צו בעטען ביי איהם, אַפּעלירען צו זיין רחמנות, ווי די ערגסטע שנאָרערקע... צום סוף גיט דער דאָקטאָר נאָך. ער הויבט זיך לאַנגזאַם אויף, אָטהעם שווער, קרעכצט און זוכט זיין רעקעל.

— אָט איז דער רעקעל — נעללי העלפט איהם אָנטהאָן — ער־לויבט, איך וועל אייך אָנטהאָן... אָט אַזוי. לאָמיר פאָהרען. איך וועל אייך בעצאָהלען... וועל אייך מיין גאַנץ לעבען דאַנקבאַר זיין....

— אַך, וואָס פאַר א מאַטערניש! אָנגעטהאָן דעם רעקעל, לעגט זיך דער דאָקטאָר צוריק אַוועק. נעללי הויבט איהם אויף און שלעפּט איהם אין פאָרצימער.

אינ׳ם פּאָרצימער הויבט זיך אָן א לאַנגער, צרה׳דיגער עסק מיט די קאָלאָשען, דער פוטער... דאָס היטעל איז גאָר פערפאַלען גע־וואָרען... נור אָט זיצען זיי שוין מיט מזל אין קאוטש. דער דאָקטאָר זיצט נעבען איהר. איצט איז געבליעבען נור אָבצופאָהרען פערציג וויאָרסט און איהר מאַן וועט האָבען א דאָקטאָר, וועט געהאָלפען ווערען. איבער דער ערד הענגט א חשך: מען זעהט קיין זאַך נישט... עס בלאָזט א קאַלטער, ווינטערדיגער ווינד. דער קוטשער שטעלט זיך אַלע ווייַלע אָב און זוכט דעם וועג...

נעללי און דער דאָקטאָר שווייגען דעם גאַנצען וועג. עס צוטרייי־סעלט זיי מורא׳דיג, זיי אָבער פיהלען נישט די קעלט און נישט דאָס טרייסלען.

— טרייב אָן! טרייב אָן! — בעט נעללי דעם קוטשער.

ארום פינף א זייגער אין דער פריה פאָהרען די אויסגעמאַטערטע פּערד אין הויף אריין. נעללי זעהט די בעקאַנטע טויערען, דעם ברונעם מיט דעם שטאַנג, א לאַנגען ראָנד שטאַהלען און שפּייכלערס... ענד־ליך איז זי אין דער היים.

— וואַרט אויס, איך׳ל באַלד זיין צוריק... — זאָגט זי צו סטעפּאַן לוקיטש, זעצענדיג איהם אין עס־צימער אויף דער זאָפע: — קיהלט זיך אָב און איך׳ל געהן א קוק טהאָן, וואָס עס הערט זיך מיט איהם.

זיך אומגעקעהרט אין א ווייַלע ארום פון מאַן, טרעפט נעללי דעם דאָקטאָר ליגענדיג. ער ליעגט אויף דער זאָפע און שטאַמעלט עפּעס.

— קומט דאָקטאָר... דאָקטאָר!

— הא? וואָס? פרעגט ביי... — שטאַמעלט סטעפּאַן לו־קיטש.

— וואָס?

— אויף דעם צוזאַמענפאָהר האָט מען גערעדט... וואָסאָוו האָט גערעדט... ועמען? וואָס?

און צו איהר גרויסען שרעק, זעהט נעללי, אז דער דאָקטאָר רעדט פון הייַנט פונקט אזוי ווי איהר מאַן. וואָס טהוט מען?

— צום שטאָדט דאָקטאָר! — בעשליסט זי זיך.

נאָכדעם פאָלגען ווידער פינסטערניש, א שנייַדענדיגער קאַלטער ווינט.

זי ליידעט אי מיט דער נשמה אי מיט׳ן קערפּער, ליידעט, ליידעט..

שפּעטער זעהט זי אויף דעם גרויען הינטערגרונד, ווי יעדען פריה־לינג זוכט איהר מאַן, וואו צו לייהען געלד אום אָבצוצאָהלען די פּראָ־צענט אין באַנק, וואו עס איז פערזעצט זיין גוט. ער שלאָפט נישט, זי שלאָפט נישט, אוןביידע צוברעכען זיך דעם מוח טראַכטענדיג, ווי אזוי אויסצומיידען דעם וויזיט פון געריכטס־אינספּעקטאָר.

זי זעהט אויך קינדער. דאָ איז די אייביגע מורא פאַר פערקעל־טונג, סקאַרלאַטינע, דיפטעריע... דער שטענדיגער שרעק, טאָמער וועלען זיך די קינדער שלעכט לערנען אין די שוהלען, פאַר א מעג־ליכער צושיידונג. פון פינף־זעקס קארפּוזלאַך וועט איינער אודאי שטאַרבען.

דער גרויער הינטער גרונד איז נישט פריי פון טויטען־פעלע. דאָס איז אויך זעלבסט פערשטענדליך. מאַן און ווייב קענען נישט שטאַרבען ביידע אין איין צייט. איינער פון זיי מוז אונבעדינגט אי־בערלעבען דעם צווייטענ׳ס לויה. און נעללי זעהט, ווי איהר מאַן שטאַרבט. דיזער שרעקליכער אונגליק שטעלט זיך איהר פאַר מיט אַלע אייַנצעלהייטען. זי זעהט דעם טויטען־קאַסטען, די ליכט, דעם דיאַ־קאָן און זאָגאר די סימנים, וועלכע דער קברות־מאַן האָט איבערגע־לאָזען אינ׳ם פּאָרצימער.

— צו־וואָס איז דאָס אַלעס? צו־וואָס? — פרעגט זי קוקענדיג מיט טעמפּע אויגען אין דעם מאַנ׳ס טויטען פּנים.

און דאָס גאַנצע פריהערדיגע לעבען מיט׳ן מאַן דאכט זיך איהר, איז געוועזען א נאַרישער, אוננויטיגער פאָרשפּיעל צו דעם דאָזיגען טוי־ט.

— עטוואָס פאַלט ארויס פון נעללי׳ס הענד און קלאַפּט זיך אָן אָן פּאָל. זי טהוט זיך א טרייסעל, שפרינגט אויף און עפענט ברייט פונאַנדער די אויגען. זי זעהט, ווי איין שפּיעגעל ליעגט אויף דער ערד צו איהרע פיס און דער אַנדערער שטעהט אויף דעם טיש, ווי פריהער. זי קוקט אריין אינ׳ם שפּיעגעל און זעהט א בלייך, פערוויינט פּנים. דער גרויער הינטער־גרונד איז שוין מעהר נישטאָ.

— איך בין, דאכט זיך, איינגעשלאָפען... — טראַכט זי און זיפצט ערלייכטערט אויף.

די שכנים

פּיאָטער מיכאַיליטש איוואשין איז געווען אין אַ זעהר שלעכ־טען מוטה: זיין שוועסטער, אַ יונג מיידעל, איז אוועק צו וולאַסיטש'ן אַ פערהייראַטען מאַן. אום זיך ווי עס איז צו בעפרייען פון זיין שווע־רען, אומעדיגען געמיט, וועלכעס האָט איהם נישט אָבגעלאָזען נישט אין דערהיים און נישט אין פעלד, האָט ער גענומען טראַכטען פון עהרליכע, גוטע איבערצייגונגען, וועגען גערעכטיגקייטען און פרייהייט.

— אייגענטליך איז ער אליין דאָך שטענדיג געווען פאַר פרייע ליעבע!

— דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען, און יעדעס מאָל איז ער גענען זיין ווילען געקומען צו דעם זעלבען שלוס, ווי זיין נארישע ניאניע, נעמליך, אז די שוועסטער האָט געהאַנדעלט שלעכט, און אז וולאַסיטש האָט ביי זיי צוגע'גנב'עט די שוועסטער. און דאָס האָט זעהר וועה־געטהאָן.

די מאַמע איז אַ גאַנצען טאָג נישט ארויס פון איהר צימער, די ניאניע האָט גערעדט אין דער שטיל און האָט אַלץ געזיפצט, די מוהמע האָט זיך יעדען טאָג געקליבען אוועקצופאָהרען, און די קופערטען איהרע האָט מען דאָ ארויסגעטראָגען אין פאַר־צימער און דאָ צוריק אריינגעטראָגען אין הויז. אין הויז, אויפ'ן הויף און אין גאָרטען האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, אַ שטייגער ווי אין שטוב וואָלט אַ טויטער געווען. די מוהמע, די דינערשאַפט און אפילו די פויערים, אַזוי לכל הפּחות, האָט זיך פּיאָטער מיכאַיליטש'ען אויסגעוויזען, האָ־בען עפּעס מאָדנע און מיט פערוואונדערונג געקוקט אויף איהם, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען זאָגען: „דיין שוועסטער האָט מען פער־פיהרט, וואָס־זשע שווייגסטו, וואָס טהוסטו גאָרנישט?" און ער אליין האָט זיך פאַרגעוואָרפען פאַר זיין גאָרנישט טהאָן, כאָטש ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אייגענטליך ער קען אָנהויבען צו טהאָן.

אַזוי איז אַוועק אַ טעג זעקס. אויף דעם זיבעטען טאָג—דאָס איז געווען זונטאָג נאָכמיטאָג — האָט אַ רייטער געבראַכט אַ בריעף. דער אַדרעס איז געווען געשריעבען פון אַ בעקאַנטער פרויען־האַנדשריפט: „איהר עקסעלענץ אננא ניקאָלאַיעווונאַ איוואַשען".

פּיאָטער מיכאַיליטשען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין דעם דאָזיגען בריעף, אין דער האַנדשריפט אפילו איז דאָ עטוואָס, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען, וואָס צורייצט, אַזאַ מין סאָרט, ליבעראַליזמוס, און דער ווייבערשער ליבעראַליזמוס איז איינגעשפּאַרט, פערביסען, האַרט...

„זי וועט גיכער שטאַרבען איידער נאָכגעבען דער אונגליקליכער מאַמען און בעטען ביי איהר מחילה" — האָט געטראַכט פּיאָטער מיכאַיליטש, געהענדיג מיט׳ן בריעף צו דער מוטער.

די מאַמע איז געלעגען אויף דער בעט אָן אָנגעטהאָנענע. דערזעהן דעם זוהן, האָט זי זיך מיט אַ אימפּעט אויפגעהויבען און, פערריכט די גרויע האָאָר, וועלכע זיינען פון אונטער דעם טשעפּיק ארויס, האָט זי שנעל געפרעגט:

— וואָס איז? וואָס איז?...

— זי האָט געשיקט... — האָט געזאָגט דער זוהן, דערלאַנגענדיג איהר דעם בריעף.

— זינאַ׳ס נאָמען און זאָגאַר דאָס וואָרט „זי" האָט נישט געטאָרט דערמאָנט ווערען אין הויז; ווענען זינאַ׳ן האָט מען גערעדט אָהן אַ בעשטימטען נאָמען: „האָט געשיקט", „איז אוועק"... די מוטער האָט דערקענט דער טאָכטערס האַנדשריפט און דאָס פּנים איהר׳ס איז געוואָרען מיאוס, אונאַנגענעהם, און די גרויע האָאָר זיינען ווידער פון אונטער׳ן טשעפּיק ארויס.

— ניין! האָט זי געזאָגט, מאַכענדיג מיט די הענד אַזוי, ווי דער בריעף וואָלט איהר די פינגער פערברענט — ניין, ניין, קיין מאָל נישט; פאַר קיין זאַך אין דער וועלט!

די מוטער האָט זיך היסטעריש צו־וויינט פאַר ווערהטאָג און חרפּה, עס איז קענטיג געווען, אַז איהר האָט זיך געוואָלט לעזען דעם בריעף, איהר שטאָלץ האָט עס אָבער נישט דערלאָזט. פּיאָטער מיכאַיליטש האָט פערשטאַנען, אַז ער האָט אַליין געדאַרפט עפענען דעם בריעף און איבערלעזען אין דער הויך, נור איהם האָט פּלוצים באַהערשט אַזאַ

בייזער געפיהל, ווי ער האָט ביז אהער נאָך קיין מאָל נישט געפיהלט; ער איז ארויסגעלאָפען אויפ׳ן הויף און א געשריי געטהאָן צום רייד־טער...

— זאָג, אז קיין ענטפער וועט נישט זיין! עס וועט נישט זיין קיין ענטפער! אָט אזוי זאָלסטו טאקע זאָגען, חיה דו!...

און ער האָט צוריסען דעם בריעף; טרעהרען זיינען איהם אויף די אויגען ארויס און, פיהלענדיג זיך שלעכט, שולדיג און אונגליקלאָך, איז ער אין פעלד אוועק.

ער איז געווען אין גאַנצען אכט און צוואנציג יאָהר אַלט, איז שוין אָבער געווען דיק, צוגאָסען, האָט זיך אָנגעטהאָן, ווי אַן אַלטער מאַן, אין ברייטע און בעקוועמע קליידער און געליטען פון א קורצען אָטהעם. אין איהם זיינען שוין געווען אַלע אייגענשאַפטען פין א גוטסבעזיצער אַן אַלטער בחור. ער האָט זיך נישט פערליעבט אין קיין פרויען, נישט געטראַכט וועגען חתונה האָבען און געליעבט נור די מאמע׳ן, די שוועסטער, די ניאַניע, דעם גערטנער וואסיליטש; האָט ליעב געהאַט גוט אריינצועסען, געשמאַק אויסשלאָפען זיך מיטאָג, רעדען וועגען פּאָליטיק און ערהאבענע אידעאַלען... אין זיין צייט האָט ער געענדיגט א קורס אין אוניווערזיטעט, נור איצט האָט ער אויף דעם געקוקט, ווי אויף אַן איבעריגער זאַך, ווי אויף עטוואָס, וואָס איז אונפערמיידליך פאר יונגע לייט אין דעם אַלטער פון 18 ביז 25 יאָהר; די גערדאנקען, וועלכע האָבען אצינד יעדען טאָג אָנגע־פילט זיין קאָפּ, האָבען געהאַט קיין שום צוזאמענהאַנג מיט דעם אוניווערזיטעט און מיט יענע וויסענשאַפטען, וואָס ער האָט דאָרט געלערנט.

אין פעלד איז געווען היים און שטיל, ווי פאַר א רעגען. אין וואַלד האָט געפּארעט און עס האָט זיך געטראָגען א שמעקענדיגער און שווערער גערוך פון סאָסנעס און פארפוילטע בלעטער.

פּיאָטער מיכאַילישט האָט זיך אָפט אָבגעשטעלט, בעטראַכט די לאָנקעס, די פעלדער און א פּאָאָר מאָל איבערגעשראָקען אינ׳ם וואַלד ווילדע ענטלאָך; און די גאַנצע צייט האָט ער אַלץ געטראַכט וועגען דעם, אז דער דאָזיגער אונערטרעגליכער צושטאַנד, אין וועלכען ער געפינט זיך אצינד, קען נישט אָנהאַלטען אייביג און אז מען דאַרף

אזוי צו אזוי מאַכען אַ סוף דערפון. אַ סוף, כאָטש אַ נארישען, אַ ווילדען, אַבי אַ סוף.

— נור ווי אזוי? וואָס־זשע זאָל געשעהן? — האָט ער זיך געפרעגט און האָט מיט געבעט געקוקט אויפ'ן הימעל און די בוימער, אזוי ווי בעטענדיג ביי זיי הילף.

אָבער דער הימעל די בוימער האָבען געשוויגען. די עהרליכע איבערצייגונגען האָבען אויך גאָר נישט געהאָלפען און דער ניכטערער שכל האָט אונטערגעזאָגט, אז דיעזע ביטערע פראַגע קען מען אנדערש נישט פערענטפערען אויסער מיט נארישקייטען און אז די היינטיגע סצענע מיט'ן רייטער איז נישט געווען די לעצטע פון די דאָזיגע נארישקייטען.

— וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין? ס'איז שרעקליך צו טראַכטען!

ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט אהיים, איז שוין די זונן געוועזען אונטערגעגאַנגען. איצט האָט זיך איהם געדאַכט, אז די פראַגע קען מען בשום אופן נישט פערענטפערען. מיט דעם געשעהענעם פאַקט קען מען זיך נישט שטעלען צופריעדען און בלייבען רוהיג, זיין אונצופריעדען און עפּעס טהאָן קען מען אויך נישט, או קיין מיטעל־וועג איז דאָ נישטאָ. ווען ער, ארונטערגעהמענדיג די הוט און פאָכענדיג זיך מיט אַ טיכעל, איז געגאַנגען איבער'ן וועג אַ וויאָרסט צוויי פון זיין הויז, האָט זיך פּלוצים פון הינטען דערהערט דאָס קלינגען פון גלעקלאַך. דאָס איז געווען אַן אמוזאַנטער און מאָרנער געמישעכץ פון גלעקלאַך און טאַמבורינען, וואָס האָט ארויסגעגעבען אַ גלעזערנעם קלאַנג. מיט אזא מין קלינגען איז געפאָהרען נור איין איספּראַווניק מעראָווסקי, אַ געוועזענער הוסארען־אָפיציער, אַן אָבגעלעבטער, קראַנקער, רואינירטער מענש, אַ וויטער קרוב פון פּיאָטער מיכאַיליטשען. ביי די איוואַשענס איז ער געווען אַן אייגענער מענש און צו זינאַ'ן האָט ער געפיהלט אַ צערטליכען, פּאָטערליכען געפיהל און איז געווען פון איהר בעגייסטערט.

— און איך פאָהר צו איך — האָט ער געזאָגט, אריבעריאָגענדיג פּיאָטער מיכאַיליטשען — זעצט זיך, איך'ל איך צופיהרען.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געקוקט פרעהלאַך; קענטיג, ער האָט נאָך נישט געוואוסט, אז זינאַ איז אוועק צו וולאַסיטש'ען; עס

קען זיין, אז מען האָט איהם וועגען דעם שוין מיטגעטהיילט, נור ער האָט נישט געגלויבט. פּיאָטער מיכאילִיטש האָט זיך דערפיהלט אין א שווערער לאַגע.

— איהר וועט זיין א גוטער גאַסט — האָט ער ארויסגעשטאַמעלט, רויט ווערענדיג ביז טרעהרען און נישט ווּיסענדיג ווי אזוי און וואָס פאַר א ליעגען מען זאָגט איהם: — מיך פרעהט זעהר — האָט ער ווייטער גערעדט, זיך סטאַרענדיג א שמייכעל צו טהאָן: — נור... זינאַ איז אוועקגעפאָהרען און די מאַמע איז קראַנק.

— א פערדראָסיגע זאַך! — האָט געזאָגט דער איספּראַווניק, קוקענדיג פערטראַכט אויף פּיאָטער איוואַניטש'ען: — און איך האָב זיך געקליבען פערברייגגען ביי אייך היינטיגען אבענד. וואָהין איז זינאַ אוועקגעפאָהרען?

— צו די סיניצקים, און פון דאָרט האָט זי, דאַכט זיך, געוואָלט בעזוכען דעם מאָנאַסטיר. אויף געווים ווייס איך נישט.

דער איספּראַווניק האָט נאָך א ווייִלע גערעדט און זיך אומגע־קעהרט צוריק.

פּיאָטער מיכאילִיטש איז געגאַנגען אהיים און האָט מיט שרעק געטראַכט וועגען דעם, וואָס דער איספּראַווניק וועט פיהלען, ווען ער וועט זיך דערוויסען דעם אמת. ער האָט זיך קלאָהר פאָרגעשטעלט דעם דאָזיגען געפיהל און, אזוי טראַכטענדיג, איז ער אריין אין הויז.

—— העלף, גאָטעניו, העלף... — האָט ער געטראַכט

אין עס־צימער ביים אבענד־טהעע איז געזעסען די מוהמע איינע אליין. ווי געוועהנליך, איז אויף איהר פּנים געווען אן אויסדרוק, אז כאָטש זי איז א שוואכע, א אונבעשיצטע, פון דעסטוועגען וועט זי קיינעם נישט ערלויבען זי צו בעליידיגען. פּיאָטער מיכאילִיטש האָט זיך געזעצט און גענומען שווייגענדיג טרינקען טהעע.

— דיין מאַמע האָט היינט ווידער נישט געגעסען קיין מיטאָג — האָט געזאָגט די מוהמע — דו, פּעטרושאַ, האָסט געדאַרפט אויף דעם אכטונג געבען. מיט דעם וואָס דו וועסט זיך מאַרען מיט הונ־גער, וועסטו דעם אונגליק שוין נישט העלפען.

פּיאָטער מיכאילִיטשען האָט זיך אויסגעוויזען זעהר נאַריש און אומגעלומפּערט, וואָס די מוהמע מישט זיך אין פרעמדע עסקים און

וואָס איהר אָבפאָהרען האָט זי אָבגעלייגט בלומרשט צוליעב דעם, וואָס זינא איז אוועק. ער האָט איהר געוואָלט זאָגען אַ גראָבקייט, נור האָט זיך איינגעהאַלטען. און אַזוי, איינהאַלטענדיג זיך, האָט ער דער־פיהלט, אַז אצינד איז געקומען די ריכטיגע צייט צו האַנדלען, און אַז ווייטער ליידען איז שוין קיין כח נישטאָ. אָדער האַנדלען גלייך, אויפ'ן אָרט אָדער זיך ווארפען אויפ'ן פּאָל, שרייען און זיך שלאָגען מיט'ן קאָפּ אָן דער ערד. אין די געדאַנקען האָט ער זיך פאָרגע־שטעלט וולאַסיטשען מיט זינא'ן, ווי זייביידע, ליבעראַלע און צו־פריעדענע מענשען, קושען זיך איצט ערגעץ־וואו אונטער אַ בוים, און אַל דאָס בייזע און שווערע, וואָס האָט זיך אָנגעקליעבען אין איהם אין דעם משך פון זיעבען טעג, האָט ער איצט ארויסגעוואָרפען אויף וולאַסיטש'ען.

— איינער האָט פערפיהרט און צוגע'גנב'עט די שוועסטער — האָט ער געטראַכט: — דער צווייטער וועט קומען און וועט קוילענען די מאַמען, דער דריטער וועט אונטערצינדען דאָס הויז אָדער וועט בע־ראַבעווען... און דאָס אַלעס אונטער דעם מאַנטעל פון פריינדשאַפט, הויכען אידעען, ליידען!

— ניין, דאָס וועט נישט זיין! — האָט פּלוצים אַ געשריי גע־טהאָן פּיאָטער מיכאַילוויטש און אַ זעץ געטהאָן מיט'ן פויסט איבער'ן טיש.

ער איז אויפגעשפּרונגען און ארויסגעלאָפען פון עס־צימער. אין שטאַל איז געשטאַנען דעם אויפזעהערס פערד. ער האָט זיך אויף איהם ארויפגעזעצט און איז אוועק צו וולאַסיטש'ען.

אין זיין נשמה איז איז פאָרגעקומען אַ גאַנצער שטורם. ער האָט געפיהלט אַ בעדירפניס, צו טהאָן עטוואָס אונגעוועהנליכעס, עטוואָס שרייענדיגעס, מעג איהם כאָטש דערנאָך אויסקומען דאָס גאַנץ לעבען צו ליידען דערפון. אָנרופען וולאַסיטשען לומפּ, איהם געבען אין באַק און דערנאָך ארויסרופען איהם אויף אַ דועל, אַ צוויי־קאַמפּף? אָבער וולאַסיטש איז נישט פון יענע, וואָס שלאָגען זיך אויף דועלען; און פון דעם, וואָס מען וועט איהם רופען לומפּ און געבען אין באַק וועט ער נור ווערען נאָך מעהר אונגליקלאַך און וועט זיך נאָך טיעפער אריינ־טהאָן אין זיך אליין. די דאָזיגע אונגליקליכע, אונפעראַנטוואָרטליכע מענשען — זיינען די הויפּט אונערטרעגליכע, די הויפּט שווערע מענ־

שען. זיי קענען אַלץ אָבטהאָן אונבעשטראָפט. ווען אַ אונגליקליכער מענש וועט, אַלס ענטפער אויף אַ פערדיענטען פּאָרוואורף, אַ קוק טהאָן אויף אייך מיט זיינע טיפע, שולדיגע אויגען, וועט קראַנקהאַפט אַ שמייכעל טהאָן און אונטערטהעניג איינבויגען דעם קאָפּ, דאַן וועט ביי דער גערעכטיגקייט אַליין, דאַכט זיך, נישט כאַפּען קיין מוטה אויפצוהויבען אויף איהם די האַנד.

— אַלץ איינס. איך וועל אין איהר געגענווארט איהם דערלאַנגען מיט'ן בייטש און וועל איהם זאָגען, וואָס ער איז — האָט בעשלאָסען פּיאָטער מיכאַילאָוויטש.

ער איז געפאָהרען דורך זיין וואַלד און דורך לעדיגען פעלד און זיך פאָרגעשטעלט, ווי אום צו פערטהיידיגען איהר האַנדלונג, וועט זינאַ רעדען וועגען פרויען־רעכט, וועגען פּערזענליכער פרייהייט און, אַז צווישען דער רעליגיעזער און דער פרייער הייראַט איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד. זי וועט אויף דעם ווייבערשען שטייגער שטרייטען וועגען וואָס זי פערשטעהט נישט. און סוף כל סוף וועט זי, וואהרשיינליך, פרעגען: „אָבער וואָס געהט עס דיר אָן? וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו זיך דאָ ארייצומישען?"

— יאָ, איך האָב קיין רעכט נישט — האָט אויסגעשטאַמעלט פּיאָטער מיכאַילאָוויטש — נור דאָס איז נאָך בעסער... — וואָס גרעבער איך וועל צו זיי זיין, וואָס ווייניגער רעכט איך האָב אויף דעם, אַלץ בעסער איז.

עס איז געווען שטיקענד. נידעריג איבער דער ערד האָבען זיך געטראָגען גאַנצע וואָלקענס קאָמאַרעס און אין די לעדיגע פּלעצער האָבען רחמנות'דיג געוויינט די פעלד־פליגען. אַלעס האָט פּאָראויסגעזאָגט רעגען, עס איז אָבער נישט געווען קיין איין וואָלקענדעל.

פּיאָטער מיכאַילאָוויטש איז אַריבער געפאָהרען דעם גרענעץ פון זיין לאַנד און זיך גענומען טראָגען איבער אַ גלייכען, גלאַטען פעלד. ער איז אָפט געפאָהרען איבער דיעזען וועג און האָט דאָ געוואוסט יעדען בוימעלע, יעדעס גריבעלע. דאָס וואָס האָט איצט, אין דער פּאַרנאַכטיגער דונקעלהייט, אויסגעזעהן, ווי אַ פעלז, איז געווען אַ רויטער קלויסטער; ער האָט איהם זיך געקענט אויסמאָהלען אין זיינע געדאַנקען מיט אַלע איינצעלהייטען, אפילו די געפארבטע טויערען און די קעלבלאַך, וועלכע האָבען זיך שטענדיג געפּאַשעט הינטער'ן צוים.

איין וויאָרסט פונ'ם קלויסטער, רעכטס, זעהט זיך א וועלדעל, דאָס געהערט צום גראַף קאָטלאָוויטש. און הינטער דעם דאָזיגען וועלדעל הויבט זיך שוין אָן וואָלאָסיטשעם ערד.

פון צווישען דעם קלויסטער און דעם גראַפ'ס וועלדעל האָט זיך אָנגערוקט א גרויסער, שווארצער וואָלקען, און עס האָבען אויפגעפלאַקערט שוואכע בליצען.

— אָט אזוי איז דאָס! — האָט א טראכט געטהאָן פּיאָטער מיכאיליטש — העלף, גאָטעניו, העלף!

פון דעם שנעלען פאָהרען איז דאָס פערד פערמאָטערט געוואָרען, און פּיאָטער מיכאיליטש אליין איך אויך מיעד געוואָרען. א מורא'־דיגען וואָלקען האָט בייז געקוקט אויף איהם און עפּעס ווי גערעכט געוואָרען... עס איז איהם געוואָרען אביסעלע איהם זיך אומצוקעהרען אהיים. עס איז איהם געוואָרען אביסעלע מוראדיג.

— איך וועל ווייזען, אז זיי זיינען אונגערעכט! — האָט ער זיך אונטערגעגעבען מוטה — זיי ווילען טענה'ן, אז דאָס איז פרייע ליעבע, פערזענליכע פרייהייט; אָבער די פרייהייט איז דאָך אין דעם איינהאַלטען זיך, און נישט אין דעם אונטערוואַרפען זיך אונטער די ליידענשאַפטען. ביי זיי איז אויסגעלאסענקייט און נישט פריי־הייט! —

אָט איז דעם גראַפ'ס גרויסער טייך, פון דעם וואָלקען איז ער בלוי געוואָרען און זיך אָנגעכמורעט; פון איהם האָט א ווהע געטהאָן מיט פייכטקייט און זומפּ. דאָ, דערביי, שטעהען צווייַ וואסער פלאַנ־צען, איינס אַן אַלט'ס און דאָס אנדערע, א יונג'ס, צערטליך צוגעבוי־גען איינע צו דער צווייטער. אויף דעם אייגענעם אָרט זיינען מיט א וואָך צוריק געגאַנגען צופוס, פּיאָטער מיכאיליטש און וואָלאָסיטש און האָבען געזונגען מיט א האַלבען קול א סטודענטיש ליעדעל: „נישט ליעבען — הייסט פערדארבען דאָס לעבען, דאָס יונגע..." א מיאוס ליעד!

בעת פּיאָטער מיכאיליטש איז געפאָהרען איבער'ן וועלדעל, האָט געקנאַקט דער דונער און די בוימער האָבען גערוישט און זיך געבויגען פונ'ם ווינד. מען האָט זיך געדאַרפט צואיילען. פון וועלדעל ביז וואָלאָ־סיטש'עס גוט איז געבליבען צו פאָהרען מיט'ן פעלד נישט מעהר, ווי א וויאָרסט. אָט דאָ זיינען פון ביידע זייטען וועג געשטאַנען אלטע

בירקען־בוימער. זיי האָבען אויסגעזעהן פונקט אזוי טרויעריג און אונגליקלאַך, ווי זייער בעל הבית וולאַסיטש, זיינען געווען פונקט אזוי מאָגער און אויסגעצויגען אין דער הויף, ווי ער. אין די בוימער און אין גראָז האָט גענומען הוזשען אַ שטאַרקער רעגען, דער ווינד האָט זיך גלייך איינגעשטילט און עס האָט גענומען שמעקען מיט נאַסער ערד.

אָט האָט זיך בעוויזען דער געפלאָכטענער צוים פון וולאַסיטש'עס הויף מיט די געלע אַקאַציען־בוימער, וועלכע זיינען אויך געווען מאָ־גער און אויסגעצויגען; דאָרט וואו די שטאַכעטען זיינען איינגע־פאַלען, האָט זיך געזעהען אַ פערלאָזענער פרוכטגאָרטען.

אצינד האָט שוין פיאָטער נישט געטראַכט וועגען פעטש, נישט וועגען בייטש און האָט נישט געוואוסט, וואָס ער וועט טהאָן ביי וולאַ־סיטש'ען. ער האָט זיך גאָר דערשראָקען. ער האָט האָט זיך געשראָ־קען פאַר זיך און פאַר דער שוועסטער און דער געדאַנק, אַז ער וועט זי באַלד דאַרפען זעהן, האָט איהם געדריקט. ווי וועט זי זיך האַלטען מיט'ן ברודער? וועגען וואָס וועלען זייביידע רעדען? און אפשר זאָל ער זיך גאָר אומקעהרען אהיים איידער עס איז נישט צו שפּעט? אזוי טראַכטענדיג, איז ער איבער דער ליפּאָווער אַלעע צוגעפאָהרען צום הויז פאַרביי די ברייטע סירען־בושעס, און האָט פּלוצים דערזעהען וולאַסיטש'ען.

וולאַסיטש אָהן אַ הוט, אין אַ סיטצען העמדעל און הויכע שטיוועל, איינגעבויגענדיג זיך אונטער'ן רעגען, איז געגאַנגען פון הויז צום ברי־קעל; הינטער איהם האָט אַן אַרבייטער געטראָגען אַ האמער און אַ קעסטעל מיט טשוועקלאַך. זיי האָבען, הפּנים, פעררינכט אַ לאָדען, וואָס האָט געקלאַפּט פונ'ם ווינד. דערזעהענדיג פּיאָטער קיראַיליטש'ען, האָט זיך וולאַסיטש אָבגעשטעלט.

— דאָס ביזטו? — האָט ער געזאָגט און אַ שמייכעל געטהאָן:

— האָסט גוט געטהאָן!

— יאָ, איך בין געקומען, ווי דו זעהסט... — האָט שטיל אַרויסגערעדט פּיאָטער מיכאַילִיטש, אָראָבטרייסלענדיג פון זיך דעם רעגען מיט ביידע הענד.

— נו, אָט דאָס איז רעכט. עס פרעהט מיך זעהר — האָט גע־זאָגט וולאַסיטש, אָבער די האַנד האָט ער איהם נישט דערלאַנגט:

קענטיג, אַז ער האָט נישט געוואגט און געוואָרט, אַז יענער זאָל איהם אפריהער בעגריסען: — פאַר די האָבער איז גוט! — האָט ער געזאָגט און אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן הימעל.

— יאָ.

זיי זיינען שווייגענדיג אריין אין הויז. רעכטס פון פאָרצימער האָט אַ טהיר געפיהרט אין אַן אנדער פאָרצימער און דערנאָך אין זאאַל, און לינקס — אין אַ קליין צימערל, וואו עס האָט ווינטער צייט געוואוינט דער פריקאזטשיק. פּיאָטער מיכאַילי‍טש און וולאַסיטש זיינען אריין אין דעם דאָזיגען צימער.

— וואו האָט דיך דער רעגען געכאַפּט? — האָט געפרעגט וולאַ־סיטש.

— נישט ווייט. כמעט ביים הויז.

פּיאָטער מיכאַיליטש האָט זיך געזעצט אויף דער בעט. ער איז געוועזן צופריעדען, וואָס דער רעגען האָט געראַושט און אין צימער איז געוועזן פינסטער. אזוי איז בעסער: עס איז נישט אזוי מורא׳דיג און מען דאַרף נישט קוקען אין פּנים אריין דעם, מיט וועמען מען רעדט. דער כעס איז איהם שוין געוועזען אָבגעגאַנגען עס איז נאָר פערבליבען דער שרעק און פערדרוס אויף זיך אליין. ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט שלעכט אָנגעהויבען, און פון דעם דאָזיגען קומען אהער וועט גאָרנישט ארויסקומען.

ביידע האָבען אַ ווײלע געשוויגען און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי הערען זיך בלומרשט צו צום רעגען.

— אַ דאַנק דיר, פּעטרושאַ — האָט אָנגעהויבען וולאַסיטש, אַ הוסט טהאָנדיג: — איך בין דיר זעהר דאַנקבאַר, וואָס דו ביזט געקומען. עס איז שעהן און עדעל פון דיין זייט, איך פערשטעה דאָס, און גלויב מיר, איך ווייס ווי דאָס צו שעצען. גלויב מיר.

ער האָט אַ קוק געטהאָן אין פענסטער און ווייטער גערעדט, שטעהענדיג אין מיטען צימער׳ל:

— אַלעס האָט פּאַסירט עפּעס אזוי געהיימניספאָל, ווי מיר וואָל־טען זיך פין דיר בעהאַלטען, דאָס בעוואוסטזיין, אַז דו פיהלסט זיך אפשר בעליידיגט און ביזט אויף אונז אין כעס, איז די לעצטע עט־ליכע טעג געלעגען, ווי אַ פלעק אויף אונזער גליק. אָבער ערלויב מיר זיך פערענטפערען. מיר האָבען געהאַנדעלט אין געהיים נישט

דערפאַר וואָס מיר האָבען דיר נישט געגלויבט: ערשטענס, איז אַלעס געשעהן פּלוצים און אַרומצוטראַכטען איז קיין צייט נישט געווען. צווייטענס, איז די זאַך אַ אינטימע, אַ קיצעלדיגע, אַזוי צו זאָגען... אַן אונאַנגענעהמע... עס איז נישט אָנגענעהם געווען אַריינצושלעפּען אַ דריטע פּערזאָן, מעג עס זיין אַזאַ נאָהנטע, ווי דו. דער עיקר אָבער אין דעם אַלעמען איז, וואָס מיר האָבען זיך פערלאָזען אויף דיין גוט האַרץ. דו ביזט אַ גוטער, אַן עדעלער מענש. איך בין דיר דאַנקבאַר אָהן מאָס. ווען דו וועסט ווען עס איז נויטיג האָבען מיין לעבען, דאַן קום און נעהם עס.

וולאַסיטש האָט גערעדט מיט אַ שטילען, הייזעריגען באַס, אַלץ אין איין טאָן, ווי ער וואָלט אויף אַ איינטאָניגער פּייפעל געבלאָזען; עס איז קענטיג געווען, אַז ער איז אויפגערעגט.

פּיאָטער מיכאַילישׂ האָט דערפיהלט, אַז עס איז געקומען זיין צייט צורעדען און, אַז ווייטער הערען און שווייגען וואָלט אויף אַן אמת געמיינט, אַז ער שפּיעלט די ראָלע פון אַ גוטען און עדעלען פּראָסטאַק און ער איז נישט צוליעב דעם אַהער געקומען. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען און געזאָגט מיט אַ האַלבען קול, שטיקענדיג זיך:

— הער אויס, גריגאָרי, דו ווייסט, איך האָב דיך געליעבט און קיין בעסערען מאַן פאַר מיין שוועסטער האָב איך זיך נישט געוואונשען; נור דאָס וואָס איז געשעהן איז שרעקליך; עס איז מורא'דיג צו טראַכטען!

— פאַרוואָס איז עס אַזוי שרעקליך? — האָט געפרעגט וולאַסיטש און זיין קול האָט אַ ציטער געטהאָן — עס וואָלט געווען שרעקליך, ווען מיר וואָלטען שלעכט געהאַנדעלט, אַזוי אָבער זעה איך נישט איין!

— הער אויס, גריגאָרי, דו ווייסט, איך בין נישט קיין מענש מיט פאָראורטהיילען; נור דאָך, ענטשולדיג פאַר מיין אָפענקייט, נאָך מיין מיינונג האָט איהר ביידע געהאַנדעלט זעהר עגאָאיסטיש. געוויס, זינאַ'ן וועל איך דאָס נישט זאָגען, איהר וועט עס וועה טהאָן, נור דו דאַרפסט וויסען: די מאַמע ליידעט אַזוי פיעל, אַז עס איז שווער צו בעשרייבען.

— יאָ, דאָס איז זעהר טרויעריג — האָט אַ זיפץ געטהאָן וולאַ-

סיטש — מיר האָבען דאָס פּאַראויסגעזעהען, פּעטרושאַ, אָבער וואָס האָבען מיר געזאָלט טהאָן? אויב דיין האַנדלונג פּערדריסט וועמען עס איז הייסט עס נאָך נישט, אַז די האַנדלונג אליין איז אַ שלעכטע. וואָס קען מען טהאָן? יעדער ערענסטער שריט דיינער מוז אונבעדינגט עמיצען וועה טהאָן. ווען דו זאָלסט אוועק קעמפּפען פאַר פרייהייט, וואָלט דיין מאַמע דערפון אויך שטאַרק געליטען. וואָס קען מען טהאָן? ווער עס שטעלט די רוה פון זיינע נאָהענטע העכער פון אַלעס, דער דאַרף זיך אין גאַנצען אָבזאָגען פון אַ אידעאַלען לעבען.

הינטערן פענסטער האָט העל אַ בלאָם געטהאָן אַ בליץ, און זיין שיין האָט עפּעס ווי געענדערט וולאַסיטש'עס געדאַנקען. ער האָט זיך געזעצט נעבען פּיאָטער מיכאַילוטש'ען און גענומען רעדען נישט דאָס, וואָס איז נויטיג געוועזען.

— איך, פּעטרושאַ, פאַרגעטער שטאַרק דיין שוועסטער — האָט ער געזאָגט — ווען איך פּלעג געהן צו דיר, האָב איך יעדעס מאָל גע־האַט אַזאַ געפיהל, ווי איך וואָלט געהן צו אַ גאַטעס־דיענסט, און איך האָב ווירקליך געקוקט אויף זינאַ'ן, ווי אויף אַ גאָט און געבעטען צו איהר. אַצינד וואַקסט מיין פאַרגעטערונג מיט יעדען טאָג. זי שטעהט ביי מיר אַ סך העכער, ווי אַ ווייב! העכער! (וולאַסיטש האָט אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד) זי איז מיין הייליגטום. זייט זי וואוינט ביי מיר געה איך אריין אין מיין הויז, ווי אין אַ טעמפּעל. דאָס איז אַ זעלטענע, אונגעוועהנליכע, עדעלע פרוי!

— נו, ער האָט שוין אָנגעשטעלט זיין קאַטערינקע! — האָט אַ טראַכט געטהאָן פּיאָטער מיכאַילוטש; דאָס וואָרט „פרוי" איז איהם נישט געפעלען.

— פאַרוואָס זאָלט איהר נישט חתונה האָבען, ווי געהעריג איז?

— האָט ער געפרעגט — וויפיעל פערלאַנגט דיין פרוי פאַר אַ גט?

— פינף און זיבעציג טויזענד.

— דאָס איז אָביסעל צופיעל. און, אַז מען זאָל זיך מיט איהר אַ דינג טהאָן?

— זי וועט נישט אַראָבלאָזען אפילו אַ קאָפּיקע, דאָס איז ברוּ־דער, אַ שרעקליכע פרוי! — האָט אַ זיפץ געטהאָן וולאַסיטש — איך האָב מיט דיר קיין מאָל נישט גערעדט וועגען איהר, עס איז

מיר געווען מיאוס צו דערמאָנען איהר נאָמען, נור, אָט, אז עס קומט צו רייד, רעד איך. איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט אונטער דעם איינפלוס פון א גוטער, עהרליכער מינוט. ביי אונז אין רעגימענט האָט א געוויסער באטאליאָנער קאָמאנדיר זיך צוזאמענגעקומען מיט א יונג אכטצעהן יאָהריג מיידעל, דאָס הייסט איינפאך גערעדט, ער האָט זי פערפיהרט, האָט מיט איהר אָבגעלעבט א וואָסערע צוויי מאָנאַטען און זי געוואָרפען. דאָס דאָזיג מיידעל, ברודער, האָט זיך געפונען אין א שרעקליכער לאַגע. זיך אומקעהרען צו די עלטערן איז געווען נישט שעהן, און זיי וואָלטען זי אויך נישט צוגענומען, דער געליעבטער האָט זי אוועקגעוואָרפען, — עס איז איהר אויסגעקומען כאָטש געהן אין די קאזארמעס און זיך פערקויפען. די חברים אין רעגימענט זיינען געווען אויסער זיך. אליין איז מען אויך נישט קיין הייליגע, אָבער אזאַ לומפעריי האָט זיך אלעמען אין די אויגען געוואָרפען. אויסער דעם, האָבען אלע אין רעגימענט געהאַסט דעם קאָמאנדיר, ווי דעם טויט. און אום איהם אָבצוטהאָן א שפיצעל, האָבען אלע אָפיציערען גענומען מיט א ליסטע קלייבען געלד פאר דער אונגליקליכער מיידעל. נור, אָט, ווען מיר, אינגערע אָפיציערען האָבען זיך צוזאמענגעקליעבען אויף א בעראַטהונג און גענומען ארויסלעגען ווער פינף, און ווער צעהן רובעל, האָט זיך פלוצים ביי מיר פערדרעהט דער קאָפּ. די דאָזיגע אומשטענדען האָבען זיך מיר אויסגעוויזען זעהר גינסטיג פאר א העלדענטהאַט. איך בין אוועק צו דער מיידעל און אין הייסע אויסדריקע האָב איך איהר איבערגעגעבען מיין מיטגעפיהל. און בעת איך בין געגאנגען און דערנאָך גערעדט צו איהר, האָב איך זי, די ערנידעריגטע און בעליידיגטע, הייס געליעבט. יאָ... און אין א וואָך נאָך דעם האָב איך איהר געמאכט א פאָרשלאַג.

די פאָרגעזעצטע און חברים האָבען זיך אויסגעשפּראָכען, אז אזאַ מין שידוך פּאַסט זיך נישט פאר אן אָפיציער. דאָס האָט מיך נאָך מעהר צוברענט. איך, פארשטעהסטו מיך, האָב אָנגעשריעבען א לאַנגען בריעף, אין וועלכען איך האָב בעוויזען, אז מיין האנדלונג האָט געדארפט פערשריעבען ווערען אין דער היסטאָריע פון רעגימענט מיט גאָלדענע בוכשטאַבען און אזוי ווייטער... דעם בריעף האָב איך אָבגעשיקט צום קאָמאנדיר, און קאָפּיעס דערפון צו די חברים.

נו, עס פערשטעהט זיך אודאי, אז איך בין געווען אויפגערייצט און עס איז נישט אוועק אָהן הארבע דיבורים. הקיצור, מען האָט מיר געבעטען, איך זאָל פערלאָזען דעם רעגימענט. ביי מיר ליעגט נאָך וואו עס איז א קאָפּיע פון יענעם בריעף, איך'ל דיר אמאָל געבען עס איבערלעזען. ס'איז אָנגעשריעבען מיט א סך געפיהל. ווערסט דאן זעהן, וואָס פאַר עהרליכע, ליכטיגע מינוטען איך האָב איבערגעלעבט. אלזאָ איך האָב זיך אָנגעגעבען אין דיסמיסיע און בין געקומען מיט דער ווייב אהער.

פון פאָטער זיינען פערבליעבען אביסעל חובות, קיין געלד האָב איך נישט געהאט, און דאָס ווייב האָט פון דעם ערשטען טאָג אָן פערפיהרט בעקאַנטשאַפטען, זיך גענומען פוצען און שפּיעלען אין קאָר־טען, און איך בין געווען געצוואונגען צו פערזעצען מיין גוט. זי, פער־שטעהסטו מיך, האָט געפיהרט א שלעכט לעבען, און פון אלע מיינע שכנים ביזטו דער איינציגער, וואָס איז נישט געווען איהר געליעב־טער.

אין צוויי יאָהר ארום האָב איך איהר געגעבען אָפּטרעט געלד, אלץ, וואָס איך האָב דאן געהאט, האָב איך איהר אוועקגעגעבען און זי איז אוועק אין שטאָדט אריין. יאָ... און אצינד צאָהל איך איהר אוים צוועלף הונדערט רובעל א יאָהר. זי איז א שרעקליכע פרוי!.. עס איז דאָ, ברודער, אזא מין פליג, וועלכע ווארפט זיך ארויף אויף דעם רוקען פון שפּין אויף אזא אופן, אז ער קען זי פאַר קיין פאַל פון זיך נישט אראָבוואַרפען; די פליעג וואַקסט צו צום שפין און טרינקט אוים דאָס בלוט פון זיין הארצען. פונקט אזוי איז צוגע־וואַקסען צו מיר און טרינקט דאָס בלוט פון מיין הארצען יענע פרוי. זי האַסט און פעראַכטעט מיך דערפאַר, וואָס איך האָב געטהאָן אזא נאַרישקייט, דאָס הייסט, וואָס איך האָב חתונה געהאט מיט אזא פרוי, ווי זי איז. מיין גרוים מוטה האָט ביי איהר א פּנים פון חוזק. „א קלוגער מענש — זאָגט זי — האָט מיך אוועקגעוואָרפען און א נאַר האָט מיך אויפגעהויבען". נאָך איהר מיינונג נאָך האָט נור א אומגעלומפּערטער אידיאָט געקענט האַנדלען אזוי ווי איך האָב געהאַנדעלט. און מיר, ברודער, איז דערפון זעהר, זעהר ביטער. אין אלגעמיין, מוז איך דיר זאָגען, ברודער אז דאָס שיקזאַל בויגט מיך שטארק, אין דרייען בויגט עס מיך.

פּיאָטער מיכאַיליטש האָט אויסגעהערט וואָלאָסיטש'ען און אַ פּער־וואונדערטער האָט ער זיך געפרעגט: מיט וואָס און ווי אַזוי האָט אַזאַ מענש געקענט געפעלען זינאַ'ן? ער איז שוין נישט יונג, — איהם איז 41 יאָהר — אַ דאַרער, אַ אויסגעטריקענטער, מיט אַ שמאָ־לער ברוסט, אַ לאַנגער נאָז און גרויע האָאר און באָרד. רעדט ער — איז ווי ער וואָלט געריפּעט, שמייכעלט קראַנקהאַפט, און רעדענדיג מאַכט ער מיאוס מיט די הענד. נישט קיין געזונד, נישט קיין שעהנע מענליכע מאַניערען, נישט קיין לעבעדיגקייט, קיין פרעהליכקייט... אין גאַנצען זעהט ער אויס בלייך, אונבעשטימט, פערוועלקט. טהוט זיך אָן אָהן געשמאַק, די אומגעבונג זיינע איז אַן אומעדיגע, פּאָעזיע און מאַהלעריי אַנערקענט ער נישט, ווייל זיי „שטעלען נישט צופריעדען די פאָדערונגען פון דער צייט” דאָס הייסט, ער פערשטעהט זיי נישט; מוזיק ריהרט איהם נישט און מאַכט אויף איהם קיין שום איינדרוק. אַ בעל הבית איז ער אַ שלעכטער. זיין גוט איז אָבגעלאָזען, פּאַרזעצט און ער צאָהלט גרויסע פּראָצענטען, אויסער דעם, איז ער נאָך שולדיג אויף וועקסלען אויך אַ רובעל צעהן טויזענד.

קומט איהם אויס צו צאָהלען פּראָצענט אָדער שיקען דער ווייב געלד, לויפט ער ארום מיט אַן ארויסגעשטעקטער צונג לייהען אַ גמילת חסד, פערקויפט פאר פינף רובעל דאָס גאַנצע האָלץ, וואָס איז אָנגעגרייט אויפ'ן ווינטער, פערקויפט די שטרוי האַלב אומזיסט און דערנאָך הייסט ער הייצען די אויוועגס מיט די שטאַכעטען פונ'ם גאָרטען, אָדער מיט אַלטע ראַהמען. דאָס פעלד איז ביי איהם צופרע־סען פון חזירים, אין וואַלד געהען אַרום די פויערשע רינדער, און פון די אַלטע בוימער ווערט מיט יעדען ווינטער אַלץ וועניגער און וועניגער; אין דעם גאָרטען און אינ'ם סאָד וואַלגערען זיך אַרום קלעצער, ברעטער און פערזשאַווערטער עמערס.

ער בעזיצט נישט קיין שום בעזונדערע פעהיגקייטען אָדער טאַ־לאַנטען, און אפילו די געוועהנליכע פעהיגקייט צו לעבען, ווי אַלע מענשען לעבען, פעהלט איהם אויך. אין פּראַקטישען לעבען איז ער אַ נאַאיווער, שוואַכער מענש, וועמען עס איז לייכט אָבצונאַרען און בעליידיגען. און נישט אומזיסט קוקען אויף איהם די פויערים, ווי אויף אַ פּראָסטאַק.

ער איז אַ ליבעראַל און מען האַלט איהם פאַר אַ „רויטען”, נור

אפילו זיין ליבעראַליזמוס קומט ביי איהם אויך ארויס אזוי גלייכ־גילטיג און ניט אינטערעסאַנט. קיין ברעקעל פון אָריגינאַליטעט און פּאַפאַס פיהלט זיך ניט אין זיין ליבעראַליזמוס; זיין ווערען ענטריס־טעט, אויפגעבראַכט און זיין פּרעהען זיך דריקט זיך ביי איהם אויס אין איינעם און דעם זעלבען טאָן, שוואַך, בלייך און אָהן שום עפעקט. אפילו אין א צייט פון גרויסער בעגייסטערונג, הויבט ער נישט אויף דעם קאָפּ און בלייבט איינגעהויקערט.

אָבער ערגער פון אַלעם איז דאָס, וואָס אפילו די שעהסנטע און פּאָרטגעשריטענסטע געדאַנקען, פון זיין מויל אויסגעשפּראָכען, קליינ־גען אַלט און באַנאַל. הויבט ער אָן צו שמועסען מיט א טיעפזיניגער מינע וועגען די הייליגע און ליכטיגע מינוטען, וועגען די בעסטע יאָהרען: בעגייסטערט ער זיך מיט דער יוגענד, וואָס איז תמיד גע־גאַנגען, געהט און וועט געהן פאָרוועהרטס; בעפאַלט ער די רוסישע מענשען, וואָרום צו דרייסיג יאָהר טהוען זיי אָן שלאָף־רעק און פערגעסען זייערע אידעאַלען, — אימער און שטענדיג דאַכט זיך אויס, בעת מען הערט איהם, אַז דאָס זיינען אַלטע ווערטער, וואָס מען האָט שוין אמאָל ערגעץ געהערט, אָדער געלעזען.

בלייבט מען ביי איהם אמאָל נעכטיגען, לייגט ער אוועק אויפ'ן טישעל נעבען אייך פּיסאַרעוו'ן אָדער דאַרווין'ען. וועט איהר איהם זאָגען, אַז איהר האָט עס שוין געלעזען, וועט ער ארויסגעהן און ברענגען צושלעפּען דאָבראָליובאָוו'ן. דערפאַר האָבען איהם די בע־קאַנטע זיינע געהאַלטען פאַר א פריי־גייסט און האָבען געקוקט אויף איהם, ווי אויף א שטיקעל קרענק.

זיין ליבעראַליזמוס האָט איהם אונגליקלאָך געמאַכט. ער האָט זיך איהם איינגעגעסען אין די ביינער און דאָס בלוט פון איהם אויס־געזויגט. אין דער פערגאַנגענהייט זיין משונה'דיגער מין הייראַטהען, די לאַנגע בריעף, געשריעבען מיט א שלעכטער האַנדשריפט, אָבער מיט א סך געפיהל; די מיספערשטענדניסען אָהן א צאָהל, די ערקלעהרונ־גען, די ענטוישונגען, דערנאָך די חובות, די צווייטע היפּאָטהעקי דאָס צאָהלען געהאַלט זיין פרוי, די גמילות חסדים יעדען מאָנאַט, — און דאָס אַלעס אָהן שום נוצען ניט פאַר זיך און ניט פאַר אַנדערע.

און איצט, פּונקט ווי פריהער, איילט ער זיך אַלץ, זוכט א העל־דענ־טהאַט, רוקט זיך אין פרעמדע עסקים; פּונקט ווי פריהער,

שרייבט ער איצט אויך לאַנגע בריעף, פיהרט לאַנגווייליגע געשפּרע־כען, וועגען דער דאָרפישער געמיינדע וכדומה; — געשפּרעכען וואָס זיינען עהנליך איינער צום אנדערן און וועלכע קלינגען אַזוי מעכאַניש, ווי זיי וואָלטען פון מאַשין ארויסגעגאַנגען און ניט פון זיין מוח. און דערצו נאָך דער דאָזיגער סקאַנדאַל מיט זינאַ'ן, וועלכער ווער ווייס ווי ער וועט זיך ענדיגען!

און די שוועסטער זינאַ איז אַזוי יונג — ערשט 22 יאָהר — איז שעהן, רייצענד, פרעהלאַך, זי האָט ליעב צו לאַכען, פּלוידערן, שטרייטען, איז אַ ליידענשאַפטליכע מוזיק שפּיעלערין. זי פערשטעהט און ליעבט שעהנע קליידער, ביכער, אַ גלענצענדע אומגעבונג און ביי זיך אין הויז וואָלט זי נישט געקענט אויסשטעהן אַזאַ צימער, ווי דיזער, וואו עס שמעקט מיט שטיוועל און ביליגען בראַנפען. זי איז אויך אַ ליבעראַלקע, אָבער אין איהר ליבעראַליזמוס פיהלט זיך אַן איבערפלוס פון קרעפטען, דער שטאָלץ פון אַ יונגער, שטאַרקער, גע־וואַגטער מיידעל, דער ליידענשאַפטליכער פערלאַנג צו זיין בעסער און אָריגינעלער פון די אַנדערע... היינט ווי האָט עס געקענט פּאַסירען, אַז זי זאָל זיך פאַרליעבען אין וולאַסיטש'ען?

— ער איז אַ דאָן קיכאָט, אַן איינגעשפּאַרטער פאַנאַטיק, אַ קרענק — האָט געטראַכט פּיאָטער מיכאַילישט — און זי איז פּונקט אַזאַ צופּוילטע, כאַראַקטערלאָזע און שוואַכע, ווי איך... מיר ביידע גי־בען שנעל, אָהן ווידערשטאַנד, נאָך. זי האָט זיך פערליעבט אין איהם; אָבער האָב איך אליין איהם דען נישט ליעב, נישט קוקענדיג אויף קיין זאַך?...

פּיאָטער מיכאַיליטש האָט געהאַלטען וולאַסיטש'ען פאַר אַ גוּ־טען, עהרליכען, נור זעהר איינזייטיגען און בעשרענקטען מענשען. אין זיינע אויפרעגונגען אין ליידען, אין זיין גאַנצען לעבען האָט ער נישט געזעהן קיין שום העכערע אידעאַלען, ער האָט נור געזעהן אַ מין לאַנגווייליגקייט און אַ נישט פערשטעהן, ווי צו לעבען אויף דער וועלט. זיין אויפאָפּפערונג און אַלץ וואָס וולאַסיטש האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ העלדען טהאַט, אָדער אַ עהרליכע בעגייסטערונג, האָט זיך פּיאָ־טער מיכאַיליטש'ען אויסגעוויזען, ווי אומזיסט ארויסגעוואָרפענע כוחות, אוניצליכע פּוסטע שיסערייען, אויף וועלכע עס איז אַוועק אַ סך פּולווער. און דאָס וואָס וולאַסיטש האָט אַזוי פאַנאַטיש געגלויבט

אין זיין אונגעוועהנליכער עהרליכקייט, אין דער ווארהאַפטיגקייט פון זיין אַרט דענקען, האָט זיך איהם אויסגעוויזען נאַאיוו און זאָגאַר קראַנקהאַפט. און דאָס וואָס וואָלאָסיטש האָט זיין גאַנץ לעבען עפּעס מאָדנע צוזאַמענגעמישט דאָס נישטיגע, דאָס קליינליכע מיט הויכע אידעאַלען, וואָס ער האָט נאַריש חתונה געהאַט און עס געהאַלטען פאַר אַ העלדען־טהאַט און איז זיך דערנאָך צוזאַמענגעקומען מיט פרויען און אין דעם געזעהען דעם נצחון פון עפּעס אַן אידעע — דאָס איז גלאַט געוועזען משונה'דיג און נישט פערשטענדליך.

נור פונדעסטוועגען האָט פּיאָטער מעכאַילישט ליעב געהאַט וואָלאָסיטש'ען, האָט געפיהלט אין איהם עפּעס אַ געוויסע קראַפט און ביי איהם האָט עפּעס קיין מאָל נישט געכאַפּט קיין מוטה איהם צו ווידערשפּרעכען.

וואָלאָסיטש האָט זיך צוגערוקט גאָר נאָהענט, אום אַ ווייל צו שמועסען אונטער'ן געררויש פון רעגען אין דער דונקעלהייט, און ער האָט זיך שוין אָבגעהוסט, פערטיג צו דערצעהלען עפּעס אַ לאַנגע מעשה, פון דעם זעלבען סאָרט, ווי זיין ערשטע חתונה, נור פּיאָטער מיכאַילישט'ן איז געוואָרען אונערטרעגליך צו הערען; איהם האָט גע־מאַטערט דער געדאַנק, אַז ער וועט באַלד זעהן די שוועסטער.

— יאָ, עס איז אמת, דיר האָט אין לעבען נישט געגליקט — האָט ער געזאָגט ווייך אָבער, ענטשולדיג, מיר זיינען אַראָב פון דעם עיקר. נישט וועגען דעם האָבען מיר גערעדט.

— יאָ, יאָ, ווירקליך. לאָמיר זיך אַלזאָ אומקעהרען צום עיקר — האָט געזאָגט וואָלאָסיטש און איז אויפגעשטאַנען — איך זאָג דיר, פּעטרושאַ; אונזער געוויסען איז ריין. מיר זיינען נישט געטרויט, דאָס הייסט, אונטער דער חופּה זיינען מיר נישט געשטאַנען, אָבער, אַז אונזער בונד איז פאַלשטענדיג געזעצליך — דאָס דאַרף איך דיר נישט איבערצייגען און עס איז איבריג וועגען דעם צו ריידען. דו דענקסט פּונקט אַזוי פריי, ווי איך, און אין דער הינזיכט איז ביי אונז, גאָט צו דאַנקען, נישט קיין צוויי מיינונגען. און וואָס אַנבעלאַנגט צו אונזער צוקונפט, דאָס דאַרף דיך אויך נישט שרעקען. איך וועל אַר־בייטען מיט בלוטיגען שוויים, וועל נישט שלאָפען קיין נעכט — מיט איין וואָרט, איך וועל אַנשטרענגען אַלע מיינע קרעפטען, אַז זינאַ זאָל זיין גליקלאַך. איהר לעבען וועט זיין וואונדער שעהן. דו וועסט פרע־

נען: צו וועל איך אימשטאנד זיין עס צו טהאָן? איך וועל אימשטאנד זיין, ברודער! ווען אַ מענש טראַכט יעדע מינוט אַלץ וועגען איין און דיזעלבע זאַך, דאַן איז איהם נישט שווער זיך צו דערשלאָגען צו דעם, צו וואָס עס שטרעבט. אָבער לאָמיר געהן צו זינאַ'ן. זי וועט זיך דערפרעהען.

ביי פּיאָטער מיכאַילִיטש'ן האָט דאָס הארץ גענומען קלאַפּען. ער איז אויפגעשטאנען און איז אַוועק נאָך וואָלאָסיטש'ן אין פאָרצימער, פון דאָרט אין זאַאַל. אין דיעזען גרויסען, אומעדיגען צימער איז נאָר געשטאַנען אַ פּיאַנאָ און אַ לאַנגער ראַנד אַלט־מאָדישע שטולען, בעפּוצט מיט בראָנז, אויף וועלכע קיינער האָט זיך קיין מאָל נישט געזעצט. אויף דער פּיאַנאָ האָט געברענט איין ליכט. פון זאַאַל זיינען זיי שווייגענדיג דורכגעגאַנגען אין עס־צימער. דאָ איז אויך געווען גראָם און נישט געמיטליך; אין מיטען צימער אַ רונדער טיש אויף זעקס שווערע, דיקע פיס און דאָ איז אויך געשטאַנען נור איין ליכט. דער זייגער אין אַ גרויסען רויטען קאַסטען האָט געוויזען אויף האַלב דריי.

וואָלאָסיטש האָט געעפענט אַ טהיר פון אַ צווייטען צימער און געזאָגט:

— זינאַטשקאַ, פּעטרושאַ איז צו אונז געקומען צו גאַסט!

עס האָבען זיך גלייך דערהערט שנעלע טריט, און אין עס־צימער איז אריין זינאַ, אַ פולע און זעהר בלאַסע, אַזוי ווי פּיאָטער מיכאַילִיטש האָט זי געזעהען צום לעצטען מאָל אין דער היים — אין אַ שוואַרצען קלייד און אַ רויטער בלוזע. זי האָט מיט איין האַנד אַרומגענומען דעם ברודער און איהם אַ קוש געטהאָן אין שלייף.

— וואָס פאַר אַ שטורם! — האָט זי געזאָגט — גריגאָרי איז אַוועק וואו עס איז און איך בין געבליעבען איינע אליין אין גאַנצען הויז.

זי איז נישט געווען צומישט און האָט געקוקט אויפ'ן ברודער אָפענהערציג און איינפאַך, ווי אין דערהיים; אויף איהר קוקענדיג, האָט פּיאָטער מיכאַילִיטש זיך אויך אויפגעהערט צו פיהלען אונבעקוועם און צומישט.

— דו האָסט דאָך נישט מורא פאַר אַ שטורם — האָט ער געזאָגט, און זיך געזעצט ביים טיש.

— יאָ, אָבער דאָ זיינען אַזעלכע גרויסע צימערען, און דאָס הויז אַליין איז אויך אַזוי אַלט און קלינגט פון דונער, ווי אַ שאַפע מיט געפעס. אין אַלגעמיין, איז דאָס אַ פיינע הויז — האָט זי ווייטער גע־רעדט, זיך זעצענדיג אַנטקעגען ברודער : — דאָ איז אין יעדען צימער פאַראַן עפּעס אַן אַנגענעהמע עראינערונג. שטעל זיך פאָר, אין מיין צימער האָט זיך גריגאָרי'ס זיידע דערשאָסען.

— אין אויגוסט וועל איך האָבען געלד, דאַן וועלען מיר פעררעכ־טען דאָס הויז און דעם גאָרטען — האָט געזאָגט וואָלאָסיטש.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, נור אין צייט פון שטורם טראַכט זיך וועגען דעם זיידען — האָט געזאָגט זינאַ — און אָט אין דיזען עס־צימער האָט מען פערשמיסען אויף טויט אַ געוויסען מענשען.

— דאָס איז אַ ווירקליכער פאַקט — האָט אונטערגעכאַפּט וואָלאָ־סיטש און מיט גרויסע אויגען אַ קוק געטהאָן אויף פּיאָטער מיכאַי־ליטש'ן.

— אין די פערציגער יאָהרען האָט אַ געוויסער פראַנצויז מיט'ן נאָמען אָליוויער געדונגען דיעזען גוט. דאָס בילד פון זיין טאָכטער וואַלגערט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג ביי אונז אויפ'ן בוידעם. זי איז געווען זעהר אַ שעהנינקע. דער דאָזיגער אָליוויער, ווי מיין פאָ־טער האָט דערצעהלט, האָט פעראַכטעט די רוסען פאַר זייער אונווי־סענהייט און האָט פון זיי שטאַרק חוזק געמאַכט. אַזוי, למשל, האָט ער געפאָדערט, אַז דער פּריסטער, פאַרבייגעהענדיג פאַר זיין גוט, זאָל נאָך מיט אַ האַלב ווערסט פריהער אַראָבנעהמען דאָס היטעל, און ווען די פאַמיליע פון די אָליוויערס פאָהרט דורכ'ן דאָרף, זאָל מען קלינגען אין קלויסטער. מיט די לייבאייגענע און מיט די קליינע מענ־שעלאַך בכלל — האָט ער זיך נאָך וועניגער געצערעמאָניעט. טרעפט זיך אַמאָל, אַז עס דאַרף דאָ איבער'ן וועג פערבייגעהן עפּעס אַ וואַנ־דערער, אַ מין טיפּ פון גאָגאָל'ס בורסאַק, כאָמאַ ברוט. ער האָט גע־בעטען, מען זאָל איהם לאָזען איבערנעכטיגען, איז געפעלען געוואָרען די פּריקאַזטשיקעס און זיי האָבען איהם אַנגעשטעלט אין קאָנטאָר. דערביי דערצעהלט מען פערשיעדענע מעשות :

איינינע זאָגען, אַז דער ברוסאַק האָט געבונטעוועט די פּויערים, און אַנדערע — אַז אָליוויערס טאָכטער האָט זיך פערליעבט אין איהם. איך ווייס נישט, וואָס עס איז אמת, נור אין איין שעהנעם אָבענד

האָט אָליוויער גערופען דעם בורסאק אַהער און גענומען אויספרעגען איהם, דערנאָך האָט ער געהייסען איהם שלאָגען. דו פערשטעהסט, אליין זיצט ער ביי דיעזען טיש און טרינקט באָרד־וויין, און די שטאָל קנעכט שלאָגען דעם בורסאק. ער האָט איהם, הפנים, געמאַטערט, גע־וואָלט פון איהם עפּעס דערגעהן. אין דער פריה איז דער בורסאק געשטאָרבען פון די מאַטערינשען און זיין טויטען קערפּער האָט מען וואו עס איז בעהאַלטען. מען זאָגט, אז מען האָט איהם אריינגעוואָרפען אין קאַלטאַוויטש'עס טייכעל. מען האָט אויפגעהויבען א קלאָגע, אָבער דער פראַנצויז האָט בעצאָהלט עטליכע טויזענד רובעל לאַפּקע־געלד און איז אוועקגעפאָהרען קיין עלזאַס. גראָד איז דאַן אויסגעגאַנגען דער טערמין, אויף וועלכען ער האָט געדונגען דעם גוט, און מיט דעם האָט זיך די קלאָגע געענדיגט.

— וואָס פאר א לומפּען! — האָט געזאָגט זינא און האָט זיך א טרייסעל געטהאָן.

— מיין פאָטער האָט גוט געדענקט דעם דאָזיגען אָליוויער און זיין טאָכטער. ער האָט דערצעהלט, אז זי איז געווען א וואונדערבאַרע שעהנהייט און זעהר אַן עקסצענטרישע. איך רעכען, אז דער בורסאק איז געווען ביידע זאַכען: ער האָט אי געבונטעוועט די פויערים אי איינגעליעבט אין זיך די טאָכטער. עס קען זיין, אז דאָס איז גאָר נישט געווען קיין בורסאק, נור עפּעס אַן אדעליגער א פערשטעלטער.

זינא האָט זיך פערטראַכט: די געשיכטע פון דער בורסאק און דער שעהנער פראַנצויזקע האָבען, קענטיג, אוועקגעטראָגען איהר פאַנטאַזיע העט וויט — וויט.

פּיאָטער מיכאַיליטש'ן האָט זיך אויסגעוויזען, אז אויסערליך האָט זי זיך אין דער לעצטער וואָך צייט גאָרנישט אומגעביטען, איז נור אביסינקע בלאַסער געוואָרען. זי האָט געקוקט רוהיג און געוועהנ־ליך, ווי זי וואָלט צוזאַמען מיט'ן ברודער געקומען צו וולאַסיטש'ן צו גאַסט. נור פּיאָטער מיכאַיליטש האָט געפיהלט, אז אין איהם אליין איז פאָרגעקומען א געוויסע אומענדערונג. פריהער, ווען זיי ביידע זיינען געווען אין דער היים, האָט ער געקענט מיט איהר רעדען וועגען אַלץ אין דער וועלט, איצט אָבער איז ער נישט געווען בכוח איהר צושטעלען אפילו אזא איינפאַכע פראַגע: „ווי פיהלסטו זיך דאָ?" די דאָזיגע פראַגע האָט דאָ אויסגעוויזען נישט אין פּלאַץ און איבעריג. וואהר־

שיינליך, איז אזא ענדערונג פאָרגעקומען אין איהר אויך. זי האָט זיך נישט געאיילט צו פערפיהרען א געשפרעך וועגען דער מוטער, דער היים, וועגען איהר ראָמאן מיט וואָלסיטש'ן; זי האָט זיך נישט פער־טהיידיגט, נישט געזאָגט, אז די פרייע הייראט איז בעסער פון דער רעליגיעזער, האָט זיך נישט געקאָכט, און זיך רוהיג פערטראַכט איבער אָליוויער'ס געשיכטע... און צו־וואָס האָט מען פּלוצים גענומען רעדען פון אָליוויער'ן?

— ביי אייך ביידען זיינען די פּלייצעס נאָס פון רעגען — האָט געזאָגט זינא און א פרעהליכען שמייכעל געטהאָן; זי איז געוועזען גע־ריהרט פון דיעזער קליינער עהנליכקייט צווישען איהר ברודער און וואָלסיטש'ען.

און פּיאָטער מיכאַיליטש האָט דערפיהלט די גאַנצע ביטערקייט, און דעם גאַנצען שרעק פון זיין לאַגע. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פערוויסטען הויז, אָן דער צוגעמאַכטער פּיאַנאָ און זינאַ'ס ליכטיג צימערל, אין וועלכען קיינער פערשמעקט אצינד נישט; ער האָט זיך דערמאָנט, אז אין די אַלעען פון גאָרטען זעהען זיך שוין נישט מעהר קיין צייכענס פון קליינע פיסעלאך און, אז פאַרנאַכט פאַר'ן טהעע געהט שוין קיינער נישט אוועק זיך באָדען מיט א הויכען, קלינגענדען געלעכטער. דאָס, צו־וואָס ער האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צוגע־בונדען פון זיין פריהעסטער קינדהייט אָן, וועגען וואָס ער האָט ליעב געהאַט צו טראַכטען, ווען ער איז אין שטיקענדען שוהל־צימער אָדער אויף א לעקציע געזעסען — די ליכטיגקייט, די ריינקייט, די פרייד, אַלץ, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס הויז מיט לעבען און מיט ליכט, איז איצט אויף אייביג אוועק, איז פערשוואונדען און זיך צונויפגעמישט מיט עפּעס אָן אומגעלומפּערטער, א גראָבער מעשה פון א באַטאַליאָנעם קאָמאַנדיר, א גרויסמוטיגען אָפיציער, אָן אויסגעלאָסענער פּרוינצי־מער, א זיידען, וועלכער האָט זיך דערשאָסען... און פערפיהרען א גע־שפרעך וועגען דער מוטער, אָדער דערנאָך, אז די פערגאַנגענהייט קען זיך נאָך צוריק אומקעהרען, וואָלט געוועזען נאַריש, קינדעריש און עס וואָלט געהייסען, אז מען פערשטעהט נישט דאָס, וואָס איז אזוי איינ־פאַך, אזוי קלאָהר.

פּיאָטער מיכאַיליטש'עס אויגען האָבען זיך פערצויגען מיט טרע־רען, און די האַנד, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש האָט א ציטער גע־

טהאָן. זינא האָט זיך אָנגעשטויסען וועגען וואָס ער האָט געטראַכט און איהרע אויגען זיינען אויך רויט געוואָרען און גענומען בליס־טשען.

— גריגאָרי, קום אהער! — האָט זי געזאָגט צו וולאַסיטש'ען.

ביידע זיינען צוגעגאַנגען צום פענסטער און גענומען רעדען וועגען עפּעס אין דער שטיל. און אָן דעם, ווי וולאַסיטש האָט זיך צוגעבויגען צו איהר און ווי זי האָט געקוקט אויף איהם, האָט פּיאָטער מיכאַילִיטש נאָך אמאָל פערשטאַנען, אז אַלעס איז פארפאַלען, געענדיגט, אז מען קען דאָ שוין גאָרנישט איבערמאַכען און אַלע זיינע רייד זיינען דאָ איבעריג, אמוזיסט...

זינא איז ארויסגעגאַנגען.

— אָט אזוי איז דאָס, ברודער — האָט וולאַסיטש גענומען רעדען נאָך אַ קורצען שווייגען, רייבענדיג די הענד און שמייכלענדיג: — איך האָב פריהער געזאָגט, אז אונזער לעבען איז אַ גליק, דאָס איז אָבער נישט מעהר ווי אַ ליטעראַרישער אויסדרוק. אין דער אמת'ן גערעדט איז דאָס געפיהל פון אמת'ן גליק ביי אונז נישט געווען. זינא האָט די גאַנצע צייט געטראַכט פון דיר, פון דער מאַמען, און האָט זיך געמוטשעט; קוקענדיג אויף איהר, האָב איך זיך אויך געמאַטערט. זי איז אַ פרייע נאַטור, אַ דרייסטע, אָבער זי איז נאָך יונג און צום לעבען און צרות נישט געוועהנט. די דינערשאַפט רופט זי פריילין; דאָס איז דאָך, דאַכט זיך אַ קלייניגקייט, אַ גאָרנישט, פון דעסטוועגען רעגט זי דאָס אויף. אָט אזוי איז דאָס, ברודער!...

זינא האָט געבראַכט אַ פולען טעלער מיט יאַגאָדעס. נאָך איהר איז אריין אַ קליין דיענסטמיידעל, אַ דערשלאָגענע און אַ אונפערשטאַנדיגע... [sic]

אַנטוואָרטליכע. זי האָט אוועקגעשטעלט אַ קרוג מילך אויפ'ן טיש און זיך פערנייגט טיעף־טיעף... אין איהר איז געווען עטוואָס געמיינזאַמעס מיט די אַלטמאָדישע מעבעל דיזעלבע פערגליווערטקייט און לאַנגווייליגקייט...

קיין רעגען האָט זיך שוין מעהר נישט געהערט. פּיאָטער מיכאַיליטש האָט געגעסען די יאַגאָדעס, און וולאַסיטש מיט זינא'ן האָבען געקוקט אויף איהם און געשוויגען.

עס האָט זיך דערנעהנטערט די צייט פון אַ אונויטיגען אָבער אונפערמיידליכען געשפּרעך, און אַלע דריי האָבען געפיהלט די שווער־

קייט דערפון. ביי פּיאָטער מיכאַיליטש'ען האָבען זיך די אויגען ווידער אָנגעפילט מיט טרערען; ער האָט אָבגערוקט פון זיך דאָס טעלער און געזאָגט, אַז איהם איז שוין צייט צו פאָהרען אהיים, אַניט וועט ווערען שפּעט און עס קען נאָך ווידער ארויס אַ רעגען.

ווייטער אָבלייגען איז שוין געוועזן אונמעגליך און זינאַ האָט פון אנשטענדיגקייט וועגען געמוזט פרעגען, וואָס מען מאַכט אין דער היים און עפּעס זאָגען וועגען איהר נייעס לעבען.

— וואָס הערט זיך ביי אונז? — האָט זי געפרעגט שנעל, און איהר בלאַס פּנים האָט אַ ציטער געטהאָן — וואָס מאַכט די מאַמע?

— דו קענסט דאָך די מאַמע.... — האָט געענטפערט פּיאָטער מיכאַיליטש, נישט קוקענדיג אויף איהר.

— פּעטרושאַ, דו האָסט לאַנג געטראַכט וועגען דעם, וואָס עס איז געשעהן — האָט זי געזאָגט, אָננעהמענדיג דעם ברודער פאַר אַן אַרבעל, און ער האָט פערשטאַנען, ווי שווער עס איז איהר צו רעדען:

— דו האָסט לאַנג געטראַכט; זאָג מיר, קען מען ערוואַרטען, אַז די מאַמע זאָל ווען עס איז זיך צוגעוועהנען און גוט ווערען מיט גרי־גאָרי'ן... און איבערהויפּט מיט דער דאָזיגער לאַגע?...

זי איז געשטאַנען נאָהענט צום ברודער, פּנים אל פּנים, און ער האָט זיך פערוואונדערט, וואָס זי איז אַזוי שעהן, און וואָס פריהער האָט ער עס כמעט גאָרניט באַמערקט; און דאָס וואָס זיין שוועסטער, וועלכע איז מיט איהר פּנים אַזוי עהנליך צו דער מוטער, אַ פּער־צערטעלטע, אַ רייצענדע, האָט געוואוינט ביי וולאַסיטש'ן און מיט וולאַסיטש'ן, נעבען דער פערגליווערטער דיענסטמיידעל, נעבען דעם טיש אויף זעקס פיס, אין דעם צימער, וואו מען האָט פערשמיעסען אַ לעבעדיגען מענשען... דער פאַקט, אַז זי וועלט גלייך נישט פאָהרען מיט איהם אַהיים, און וועט בלייבען דאָ נעכטיגען — האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַזוי נאַריש, אומגעלומפּערט, אונמעגליך.

— דו קענסט די מאַמע'ן... — האָט ער געזאָגט, נישט ענטפע־רענדיג אויף איהר פראַגע: — נאָך מיין מיינונג נאָך האָט מען איהר נישט געדאַרפט פוגע בכבוד זיין... עפּעס האָט מען בעדאַרפט טהאָן, בעטען ביי איהר אום פערצייהונג, צו־וואָס...

— אָבער בעטען אום פערצייהונג — הייסט מאַכען אַן אָנשטעל, אַז מיר האָבען שלעכט געהאַנדעלט. פאַר דער מאַמע'ס רוה בין איך

בערייט צו לייגען, דערפון וועט דאָך אָבער גאָרנישט א־ויסקומען. איך קען די מאַמע. נו, וואָס וועט זיין, וועט זיין! — האָט געזאָגט זינא א פרעהליכע דערפון, וואָס דאָס הויפּט אונאַנגענעהמע איז שוין ארויסגעזאָגט געוואָרען — לאָמיר אָבוואַרטען א פּינף, צעהן יאָהר, לאָמיר זיך גערולדען, און דאַן, וואָס גאָט וועט געבען.

זי האָט גענומען דעם ברודער אונטער'ן אָרעם און, ווען זי איז דורכגעגאַנגען דעם פּינסטערען פאָר־צימער, האָט זי זיך צוגעדריקט צו זיין פּלייצע.

מען איז ארוים אויפ'ן באַלקאָן. פּיאָטער מיכאַילִיטש האָט זיך געזעגענט און אוועקגעזעצט זיך אויפ'ן פערד, איז ער מיט לאַנגזאַמע טריט אוועקגעפאָהרען; זינא און וולאַסיטש זיינען געגאַנגען איהם אביסעל בעגלייטען. עס איז געווען שטיל, ווארעם און עס האָט גע־שמעקט מיט פרישען היי; אויפ'ן הימעל צווישען די וואָלקענס האָבען העל געלויכטען די שטערען. וולאַסיטש'עס אַלטער גאָרטען, וועלכער האָט זיך אין זיין צייט אָנגעזעהען מיט גענוגג טרויעריגע געשיכטען, האָט געשלאָפען, איינגעוויקעלט אין טיעפער פינסטערניש, און עס איז געווען אומעדיג דורכצופאָהרען דורך איהם.

— און איך מיט זינא'ן האָבען היינט נאָך מיטאָג פערבראַכט עט־ליכע אמת ליכטיגע מינוטען! — האָט געזאָגט וולאַסיטש — איך האָב איהר אין דער הויך דורכגעלעזען אַן אַרטיקעל איבער פאָלקס־וואַנדערונג. לעז איבער, ברודער! דיר איז דאָס נויטיג! א וואונדער־באַרער אַרטיקעל, א מערקווירדיג עהרליכער. איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטען און האָב אָנגעשריעבען אין רעדאַקציע א בריעף פאר'ן מחבר. אָנגעשריעבען האָב איך בלויז איין שורה: „איך דאַנק און דריק פעסט אייער עהרליכע האַנד!"

פּיאָטער מיכאַילִיטש האָט געוואָלט זאָגען: „שטופּ זיך נישט, איך בעט דיך, אין פרעמדע עסקים!" ער האָט אָבער פערשוויגען.

וולאַסיטש איז געגאַנגען פון רעכטען זייט און זינא פון לינקען; ביידע האָבען אַזוי ווי פערגעסען, אז מען דאַרף זיך אומקעהרען אַהיים און עס איז געווען פּייכט און צו קאַלטאַוויטש'עס וועלדעל איז שוין נישט פיעל פערבליעבען.

פּיאָטער מיכאַילִיטש האָט דערפיהלט, אַז זיי ערוואַרטען עטוואָס פון איהם, כאָטש זיי אַליין האָבען בעשטימט נישט געוואוסט וואָס

אזוינס זיי ווילען פון איהם און ער האט אויף זיי שטארק רחמנות געקראגען. איצט, ווען זיי זיינען אונטערטהעניג און פערארבטעט גע־נאנגען נעבען פערד, איז ער געווען פעסט איבערציינט, אז זיי זיינען אונגליקליך און אז זיי איז אונמעגליך צו זיין גליקליך... און זייער ליעבע האט זיך איהם אויסגעוויזען אלס א טרויעריגער, אונפערענדלי־כער טעות. פון רחמנות און פון דעם בעוואוסטזיין, אז ער קען זיי מיט גארנישט העלפען, האט ער זיך פלוצים דערפיהלט אין אזא לאגע, אז ער וואלט בערייט געווען צו טהאן פאר זיי אלעס אין דער וועלט, אבי נור פריי צו ווערען פון דעם דאזיגען שווערען מיטלייד־גע־פיהל.

— איך וועל קומען צו אייך נעכטיגען — האט ער געזאגט.

אבער דאס האט אויסגעזעהען, אז ער גיט זיי עפעס נאך און עס האט איהם נישט בעפריעדיגט. ווען ער האט זיך אבגעשטעלט נעבען קאלטאוויטש'עס וועלדעל, כדי זיך צו זעגענען, האט ער זיך צוגעבוי־גען צו זינא'ן האט זיך אנגעריהרט אן איהר אקסעל און געזאגט:

— דו ביזט גערעכט, זינא. דו האסט ריכטיג געהאנדעלט!

און, אום מעהר גארנישט צו זאגען און זיך נישט צו צו־וויינען, האט ער א שמיץ געטהאן דעם פערד און געגומען שפרינגען איבער'ן וואלד. אריינגעפאהרען אין דער פינסטערניש, האט ער זיך אומגע־קוקט און דערזעהען, ווי וולאסיטש און זינא זיינען געגאנגען איבער'ן וועג — אהיים ער שפרייזענדיג מיט ברייטע טריט, און זי נעבען איהם מיט א שנעלען אונטערשפריגענדען גאנג — און האבען וועגען עטוואס גערעדט זעהר היציג.

— איך בין אן אלטע באביצע — האט געטראכט פיאטער מי־כאיליטש — בין אהער געפאהרען קלאהר צו מאכען א געוויסע פראגע, און האב עס נאך מעהר פערדרעהט. עך, זאל געהן ווי עס געהט!

אויף דער נשמה איז איהם געווען שווער. ווען עס האט זיך גע־ענדיגט דער וועלדעל, האט ער געגומען פאהרען לאנגזאם און דערנאך נעבען טייכעל האט ער אבגעשטעלט דאס פערד. עס האט זיך איהם געוואלט זיצען אונבעוועגליך און טראכטען. עס איז אויפגעגאנגען די לבנה און האט זיך ווי א רויטער זייל, אבגעשפיגעלט אויף יענער זייט טייך. ערגעץ וויים האט הייזעריג געקראכט א דונער.

פּיאָטער מיכאַילִיטש האָט נישט פינטלענדיג מיט די אויגען גע־קוקט אויפ'ן וואַסער און זיך פאַרגעשטעלט דער שוועסטער'ס פער־צוויפלונג, איהר בלייך, ליידענד פּנים און די טרוקענע אויגען, מיט וועלכע זי וועט בעהאַלטען פון מענשען איהר ערנידערונג. ער האָט זיך אויסגעמאָהלען איהר שוואַנגערשאַפט, דער מאַמעס טויט, איהר לויה, זינאַ'ס שרעק... די שטאָלצע אבערגלויביגע אַלטע וועט עס נישט אַריבערטראָגען, זי וועט נישט אַנדערש ענדיגען ווי מיט אַ זעלבסטמאָרד...

שרעקליכע בילדער פון דער צוקונפט האָבען זיך פאַר איהם געמאָהלען אויף דעם פינסטער'ן גלאַטען וואַסער, און צווישען די בלאַסע פרויען־געשטאַלטען ,האָט ער געזעהען זיך אַליין, אַ אונענט־שלאָסענעם, אַ שוואַכען, מיט אַ שולדיגען פּנים...

אין הונדערט טריט פון דאַנען, אויפ'ן רעכטען ברעג פון טייך, איז אונבעוועגליך געשטאַנען עטוואָס דונקעלעס: איז דאָס אַ מענש אָדער אַ הויכער אָבגעהאַקטער בוים? פּיאָטער מיכאַילִיטש האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בורסאַק, וועלכען מען האָט דער'הרג'עט און אַריינ־געוואָרפען אין דעם דאָזיגען טייך.

— אָליווער האָט געהאַנדעלט אונמענשליך, אָבער אַזוי צו אַזוי האָט ער פאָרט פאַרענטפערט די פראַגע, איך אָבער, האָב גאָרנישט פערענטפערט, האָב נור נאָך מעהר פערדרעהט — האָט ער געטראַכט, זיך איינעסענדיג מיט די אויגען אין דער דונקעלער געשטאַלט, וואָס איז עהנליך געוועזען צו אַ געשפּענסט: — ער האָט גערעדט און גע־האַנדעלט ווי ער האָט געהאַלטען פאַר ריכטיג, ווי ער האָט גע־טראַכט, און איך רעד און טהו נישט דאָס, וואָס איך דענק; יאָ, און איך ווייס אפילו נישט בעשטימט, וואָס אייגענטליך איך טראַכט...

ער איז געפאָהרען צו דער דונקעלער געשטאַלט: דאָס איז געוועזען אַן אַלטער, פערפוילטער סלופּ, וואָס איז איבערגעבליעבען פון עפּעס אַ געביידע.

פון קאַלטאַוויטש'עס וועלדעל און פון זיין גוט האָט שטאַרק גע־שמעקט מיט לאַנדישען און זיסען גראָז. פּיאָטער מיכאַילִיטש איז גע־פאָהרען איבער'ן ברעג פון טייך, האָט טרויעריג געקוקט אויפ'ן וואַסער און, דערמאָנענדיג זיך אָן זיין לעבען, האָט ער זיך איבערציינט, אַז

ביז אהער האָט ער שטענדיג גערעדט און געטהאָן נישט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט און אַז, די מענשען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טהאָן, האָבען איהם בעהאַנדעלט אויף דעם אייגענעם שטייגער, און דערפאַר האָט זיך איהם דאָס גאַנץ לעבען אויסגעוויזען פּונקט אַזוי טרויעריג און פינסטער, ווי דאָס וואַסער, אין וועלכען עס האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט דער ביינאַכטיגער הימעל און וואו עס האָבען זיך צו־נויפגעפלאָכטען די וואַסער־פלאַנצען. און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דאָס קען מען שוין נישט ענדערן....

דער אונטערזוכונגס־ריכטער

אין א געוויסען שעהנעם פריהלינגס־טאָג זיינען דער שטאָדטי־שער דאָקטאָר און דער אונטערזוכונגס־ריכטער געפאָהרען צו פאל־מעסען א טויטען און מאכען אַן אונטערזוכונג. דער אונטערזוכונגס־ריכטער, א מאַן א יאָהר פינף און דרייסיג, האָט פערטראַכט געקוקט אויף די פערד און גערעדט:

— אין דער נאַטור איז דאָ א סך רעטהזעלהאַפטעס און דונקע־עס, אָבער אויך אין געוועהנליכען, אַלטעגליכען לעבען קומט אָפט אויס אָנצושטויסען זיך אויף אַזעלכע ערשיינונגען, וועלכע איהר קענט בשום אופן נישט ערקלעהרען. איך וויים, למשל, פון עטליכע טויטען־פעלע וועמעס אורזאַכען קיין מענש וואָלט נישט געקענט ערקלעהרען, סיידען אפשר די ספּיריטואַליסטען און מיסטיקער. צוםביישפּיעל, איך וויים פון איינער זעהר א אינטעליגענטער דאַמע, וועלכע האָט זיך פאָראויסגעזאָגט דעם טויט און איז אָהן שום אורזאַך געשטאָר־בען פונקט אין דעם זעלבען טאָג, אין וועלכען זי האָט אפריהער אָנגע־געבען. האָט געזאָגט, אז זי וועט שטאַרבען אין אזא און אזא טאָג, און איז געשטאָרבען.

— עס זיינען נישטאָ קיין טהאַטען אָהן אורזאַכען — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר — עס איז דאָ דער טויט, הייסט עס, אז עס איז אויך דאָ אַן אורזאַך. און וואָס אַנבעלאַנגט דער פראָפעצייהונג, איז דאָ שוין גאָר קיין וואונדער נישטאָ. אַלע אונזערע דאַמען און ווייבער זיינען פון שטענדיג אַן גרויסע בריות אויף פראָפעצייהונגען און נביאות זאָגען.

— דאָס איז אַפילו אמת, אָבער מיין דאַמע, דאָקטאָר, איז גאָר פון אַן אַנדער סאָרט. אין איהר נביאות און אין איהר טויט איז נישט געווען גאָרנישט, וואָס מען קען רופען ווייבערשעס. א יונגע פרוי, א געזונדע, א קלוגע, אָהן שום פאָראורטהיילע. זי האָט געהאַט אַזעלכע

פּלוגע, ליכטיגע, עהרליכע אויגען א פּנים, א אָפענעם, אינטעליגענטען, מיט א לייכטען, עכט רוסישען שפּאָטישען שמייכעלע אין דעם בליק און אויף די ליפּען. פון דער דאמע, אָדער דאָס ווייבערשעס, ווי מען רופט עס, איז אין איהר געווען נור איין זאך — די שעהנהייט. אין גאַנצען איז זי געווען א גלייכע, א גראַציעזע, אָט ווי דער דאָזיגער בירקענ־בוים, און האָר האָט זי געהאט וואונדערבארע! אום איהר זאָלט זי קענען בעסער פערשטעהן, וועל איך נאָך צוגעבען, אז דאָס איז געווען א זעהר פרעהלאכער, לעבעדיגער מענש, פול מיט הומאָר, זאָרגלאָזיגקייט און יענער קלוגער און גוטער לייכטזיניגקייט, וועלכע עס איז פאראן נור ביי די דענקענדע, איינפאכע, פרעהליכע מענשען. קען דען אין אזא פאל גאָר זיין א רייד וועגען ספּיריטואליזם, מיסטיציזם, פּראָפעצייהונג אָדער עפּעס עהנליכעס? פון די דאָזיגע אלע זאכען האָט זי זיך אליין אויסגעלאכט.

דעם דאָקטאָר׳ס קאוטש האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען א ברונים. דער אונטערזוכונגס־ריכטער און דער דאָקטאָר האָבען א טרונק געטהאָן וואסער און האָבען גענומען וואַרטען, ביז דער קוטשער וועט פארטיג ווערען מיט אָנטרינקען די פערד.

— נו, אלזאָ, פון וואָס־זשע איז פּאָרט געשטאָרבען יענע דאמע? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר, ווען דער קאוטש האָט זיך ווידער גע־נומען טראָגען איבער׳ן וועג.

— געשטאָרבען איז זי אויף א זעהר מערקווירדיגען אופן. אין איין שעהנעם טאָג קומט אריין צו איהר דער מאַן איהרער און זאָגט, אז עס וואָלט נישט שאדען, זיי זאָלען צום פריהלינג פערקויפען די אַלטע קארעטע און אנשטאָדט איהר קויפען עפּעס א נייע, א שעהנערע און לייכטערע. מען האָט אויך געדארפט אומבייטען איין פערד און באָבטשינסקי׳ן (דער מאַן האָט געהאט אזא פערד) זאָל מען ארויס־טרייבען אין פעלד.

די פרוי האָט איהם אויסגעהערט און געזאָגט:

— טהו ווי דו ווילסט, מיר איז שוין איצט אלץ איינס. ביז זומער וועל איך שוין זיין אויף דעם בית עולם.

דער מאַן, זעלבסטפערשטענדליך, דריקט מיט די פּלייצעס און שמייכעלט.

— איך מאַך נישט קײן שפּאַס — זאָגט זי — איך ערקלעהר דיר גאַנץ ערנסט, אַז איך װעל אין גיכען שטאַרבען.

— אַ שטײגער, למשל, װי גיך?

— גלײך נאָכ'ן קינפּעט. איך װעל האָבען דאָס קינד און שטאַרבען.

דער מאַן האָט צו די דאָזיגע װערטער קײן שום בעדײטונג נישט צוגעגעבען. ער אַלײן גלױבט נישט אין קײן שום פאָרגעפיהלען, דערצו נאָך װײס ער גאַנץ גוט, אַז פרױען אין אומשטענדען זײנען קאַפּריזנע און האָבען אין אַלגעמײן ליעב זיך איבערצוגעבען צו טרױעריגע געדאַנקען.

עס איז אַװעק אַ טאָג, און די פרױ זאָגט איהם װידער, אַז זי װעט שטאַרבען באַלד נאָכ'ן קינפּעט; און דערנאָך יעדען טאָג אַלץ דאָס אײגענע... ער האָט געלאַכט און זי גערופען באַביצע, װאַהרזאָגערקע, אײנרײדערקע. דער געדאַנק װעגען נאָהענטען טױט איז בײ דער פרױ געװאָרען אַ אידעע פיקס, אַ פּשוטע משוגעת. װען דער מאַן האָט זי נישט געװאָלט הערען, איז זי געגאַנגען אין קיך אַרײן און דאָרט גערעדט װעגען איהר טױט מיט דער ניאַנע און דער קעכין.

— עס איז מיר שױן נישט פיעל געבליעבען צו לעבען, ניאַניושקאַ. װי נור איך װעל האָבען דאָס קינד, אַזױ גיך װעל איך שטאַרבען. עס װאָלט זיך נישט װעלען שטאַרבען אַזױ יונג, אָבער װאָס זאָל מען טהאָן, מסתמא איז מיר שױן אַזױ באַשערט.

די ניאַנקע און די קעכין צוקלאָגען זיך מסתמא, װײנען מיט ביטערע טרעהרען.

עס פּאַסירט מאַנכעס מאָל, אַז צו איהר קומט אױף בעזוך דעם פּריסטערס פרױ אָדער אַ גוטסבעזיצערין, און זי נעהמט זײ גלײך אָב אָן אַ זײט און הױבט אָן פאַר זײ אױסרײדען דאָס האַרץ — און אַלץ װעגען דאָס זעלבע, װעגען נאָהענטען טױט.

גערעדט האָט זי ערנסט, מיט אַן אונאַנגענעהמען שמײכעל, זאָגאַר מיט אַ בײזען פּנים, און מען האָט זי נישט געקענט איבערשפּאַרען. געװעהנליך, האָט זי ליעב געהאַט זיך צו פּוצען און צו פּראַנטעװען, אַצינד אָבער, צוליעב דער ערװאַרטונג פון טױט, האָט זי זיך אָבגעלאָזט, נישט אָנגעטהאָן זיך און איז אַרומגעגאַנגען אַבי װי; האָט שױן מעהר נישט געלעזען, נישט געלאַכט און װעגען קײן זאַך

נישט געטראַכט... דאָס איז נאָך ווייניג: זי איז נאָך אַוועקגעפאָהרען מיט אַ מוהמען אויפ'ן בית עולם און זיך אויסגעקליבען אַ פּלאַץ פאַר אַ קבר, און אַ טאָג פינף פאר'ן קינפּעט האָט זי אָנגעשריעבען אַ צוואה. און איהר מוזט האָבען אין זינען, אַז דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען אין דער צייט, ווען זי איז געווען פאָלשטענדיג געזונד און פון אַ קראַנקהייט אָדער געפאהר איז ביי איהר נישט געווען אפילו קיין סימן.

אַ קינד האָבען איז אַ שווערע זאַך, אַנאַנדערם מאָל שטאַרבט מען דערפון, אָבער ביי דער, פון וועלכער איך דערצעהל אייך, איז אַלעס געגאַנגען כשורה און עס איז אַבסאָלוט נישט געווען פאַר וואָס מורא צו האָבען. סוף כל סוף האָט דעם מאַן די גאַנצע געשיכטע דער־עסען. און איין מאָל ביים מיטאָג איז ער אין כעס געוואָרען און גע־זאָגט:

— הער אויס, נאַטאַשאַ, ווען וועט שוין נעהמען אַ סוף צו דיינע נאַרישקייטען?

— דאָס זיינען נישט קיין נאַרישקייטען. איך רעד ערנסט.

— דאָס זיינען פּוסטע זאַכען! איך וואָלט דיר געראַטהען, אויפ־צוהערען זיך נאַריש מאַכען, אום דו זאָלסט זיך שפּעטער אַליין נישט דאַרפען שעהמען.

נור אָט איז אָנגעקומען דער טאָג פון קינפּעט. דער מאַן האָט געבראַכט פון שטאָדט די בעסטע אַקושערקע. די פרוי איז ענטבונדען געוואָרען צום ערשטען מאָל, נור פאַר אַן ערשטלינג איז אַלעס אַוועק ווי אַם בעסטען. ווען אַלעס האָט זיך געענדיגט, האָט די געווינערין פערלאַנגט אַ קוק צו טהאָן אויף דאָס ניי־געבאָרענע עופהלע. האָט עס אָנגעקוקט און געזאָגט:

— נו, אַצינד מעג מען שוין שטאַרבען.

האָט זיך מיט אַלעמען געזעגענט, פערמאַכט די אויגען און אין אַ האַלב שעה אַרום האָט זי גאָט די נשמה אָבגעגעבען.

— ביז גאָר דער לעצטער מינוט איז זי געווען ביים זינען. ווען מען האָט איהר שוין גאָר צום סוף דערלאַנגט מילך אַנשטאָדט וואַ־סער, האָט זי שטיל אַרויסגעשעפּצעט:

— צו־וואָס גיט איהר מיר מילך אַנשטאָדט וואַסער?

אָט וואָס עס קען זיך טרעפען. ווי זי האָט פאַראויס געזאָגט, אזוי איז זי טאַקע געשטאָרבען.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט א ווײלע געשוויגען, זיך אָב־געזיפצט און געזאָגט:

— היינט געהט ערקלעהרט, פון וואָס זי איז געשטאָרבען? איך פערזיכער אייך מיט מיין עהרען וואָרט, אז דאָס איז נישט קיין אויס־געטראַכטע מעשה, נור א ווירקליכער פאַקט פון לעבען.

דער דאָקטאָר האָט די זאַך איבערלעגט און געקוקט אויפ'ן הימעל.

— מען האָט זי בעדארפט פאַלמעסען — האָט ער געזאָגט.

— צו־וואָס?

— דערפאַר, אום אז מען זאָל קענען דערגעהן די אורזאַך פון איהר טויט. זי איז דאָך נישט געשטאָרבען פון איהר נביאות־זאָגען. האָט זיך פער'סמ'ט, מסתמא.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט זיך שנעל א קעהר געטהאָן מיט'ן פנים צום דאָקטאָר און, פערזשמורענדיג די אויגען, האָט ער געפרעגט:

— פון וואַנען שליסט איהר, אז זי האָט זיך פער'סמ'ט?

— איך שליס נישט, איך שטויס זיך נור אָן. זי האָט מיט איהר מאַן גוט געלעבט?

— הם... נישט אין גאַנצען. מיספערשטענדניסע האָבען זיך ביי זיי אָנגעהויבען גלייך נאָך דער חתונה. עס איז געווען אזא אונ־גליקליכער צופאַל. די פערשטאָרבענע האָט אמאָל געטראָפען דעם מאַן מיט א געוויסער דאַמע... אָבער זי האָט עס איהם אין גיכען מוחל געווען.

— און וואָס איז געווען פריהער: דער פעררעטה פון מאַן אָדער דער געדאַנק וועגען טויט?

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם דאָק־טאָר, אזוי ווי ער וואָלט וועלען טרעפען, צו וואָס יענער שטעלט די דאָזיגע פראַגע.

— ערלויבט נור — האָט ער ניט גלייך געענטפערט — ערלויבט, לאָזט זיך מיר דערמאָנען — דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט אראָב־גענומען די הוט און זיך א רייב געטהאָן דעם שטערן — יאָ, יאָ... זי

האָט געגומען רעדען וועגען טויט גאָר אין גיכען נאָך יענעם צופאַל.
יאָ, יאָ.

— נו, אָט זעהט איהר... וואהרשיינליך האָט זי זיך שוין דאַן בעשלאָסען צו פער'סם'ען, נור אַזוי ווי זי האָט נישט געוואָלט הרגנ'ען דאָס קינד מיט זיך אין איינעם, האָט זי איהר זעלבסטמאָרד אָבגעלעגט ביז איבער'ן קינפּעט.

— עס קען נישט זיין, עס קען נישט זיין... דאָס איז אומגלויב־ליך. זי האָט איהם דאַן גלייך פערגעבען.

— זי האָט שנעל מוחל געווען, הייסט עס, אַז זי האָט אין זינען געהאַט עטוואָס בייזעס. יונגע פרויען זיינען נישט מוחל אַזוי שנעל.

דער אונטערזוכונגס ריכטער האָט געצוואונגען אַ שמייכעל גע־טהאָן און, אום צו בעהאַלטען זיין שטאַרק קענטיגע אויפרעגונג, האָט ער גענומען רויכערען אַ פּאַפּיראָס.

— עס גלויבט זיך נישט, עס גלויבט זיך נישט... — האָט ער ווייטער גערעדט — מיר איז קיין מאָל נישט איינגעפאַלען וועגען אַזאַ מעגליכקייט... און דערצו נאָך... איז דער מאַן גאָרנישט אַזוי שולדיג, ווי עס זעהט אויס פון אויבען אויף... פאַלש געוואָרען איז ער איהר עפּעס מאָדנע, גאָר אליין נישט וועלענדיג: איז געקומען ביי־נאַכט אַ פרעהלאַכער, עס ווילט זיך וועמען עס איז אַ לאַסטשע טהאָן און דאָס ווייב איז אין אינטערעסאַנטע אומשטענדען... און דאָ, דער טייפעל זאָל זי נעהמען, געהט דיר אַנטקעגען אַ דאַמע, וועלכע איז געקומען צו גאַסט אויף אַ טעג דריי, אַ פרוי אַ פּוסטע, אַ נאַרישע נישט קיין שעהנע. דאָס קען מען אייגענטליך גאָר נישט רעכענען פאַר קיין פעררעאַטה. די פרוי אליין האָט אויך אויף דעם אַזוי געקוקט.... און אין גיכען... דאָס מוחל געווען; דערנאָך האָט מען וועגען דעם שוין מעהר קיין מאָל נישט גערעדט...

— מענשען שטאַרבען נישט אָהן אַ אורזאַך — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— דאָס איז טאַקע אַזוי, געוויס, נור דאָך... איך קען נישט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז זי זאָל זיך האָבען פער'סם'ט. אָבער מערק־ווירדיג, ווי איז דאָס מיר ביז איצט אין קאָפּ נישט אריין, וועגען דער מעגליכקייט פון אַזאַ טויט!... און קיינער האָט נישט געטראַכט וועגען דעם! אַלע זיינען געווען פערוואונדערט, וואָס איהר נביאות איז

מקוים געװאָרען און דער געדאַנק װעגען אַזאַ מעגליכקײט... װעגען אַ זעלבסטמאָרד איז געװען אַזאַ װײטער־װײטער... און... עס קען ניִשט זײן, אַז זי זאָל זיך האָבען פער'סמ'ט! נײן!

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט זיך פערטראַכט. דער געדאַנק װעגען דער פרױ, װאָס איז אױף אַזאַ זאָנדערבאַרען אופן געשטאָרבען, האָט איהם ניט פערלאָזט אפילו אין דער צײט פון דער פּראָטאָקאָל־שרײבונג. פערשרײבענדיג, װאָס דער דאָקטאָר האָט איהם דיקטירט, האָט ער פינסטער בעװעגט מיט די ברעמען און זיך געריבען דעם שטערן.

— און זײנען דען פאַראַן אַזעלכע גיפטען, װעלכע טױטען אין אַ פערטעל שעה, ביסלאַכװײז און אָהן שום שמערצען? — האָט ער געפרעגט בײם דאָקטאָר, װען יענער האָט אױפגעעפענט דעם שאַרבען.

— יאָ, עס איז פאַראַן. מאָרפיאום, למשל.

— הם... מערקװירדיג... איך געדענק, אַז זי האָט בײ זיך געהאַלטען עטװאָס עהנליכעס... אָבער עס גלױבט זיך פאָרט נישט!

אױף צוריקװעגס האָט דער אונטערזוכונגס־ריכטער אױסגעזעהען זעהר פערמאַטערט, האָט נערװעז געביסען די װאָנצעס און גערעדט ניִשט װילענדיג, געצװאונגען.

— לאָמיר זיך אַביסעל דורכגעהן צופוס — האָט ער געבעטען דעם דאָקטאָר — עס האָט דערעסען צו זיצען אױף אײן אָרט.

אָבגעהענדיג אַ הונדערט טריט, איז דער אונטערזוכונגס־ריכטער, װי עס האָט זיך דעם דאָקטאָר אױסגעװיזען, גאָר אָבגעשװאַכט געװאָרען, װי ער װאָלט אַרױפגעקראָכען אױף גאָר אַ הױכער באַרג. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און, קוקענדיג אױף דעם דאָקטאָר מיט מאָדנע, װי שיכורע אױגען האָט ער געזאָגט:

— מײן גאָט, אױב אײער השערה איז ריכטיג, דאַן איז עס דאָך... איז עס דאָך גרױזאַם, אונמענשליך! האָט פער'סמ'ט זיך אַלײן, אום דערמיט צו בעשטראָפען אַן אַנדערען! איז דען די זינד אַזױ גרױס! אַך, מײן גאָט! און צו־װאָס האָט איהר מיר געשענקט דעם דאָזיגען פערפלוכטען געדאַנק? דאָקטאָר, צו װאָס?

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט אין פערצװײפלונג זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ און װײטער גערעדט:

— דאָס האָב איך אײך דערצעהלט װעגען מײן אײגען װײב,

וועגען זיך אליין. אַך, מיין גאָט! נו, בין איך שולדיג, האָב איך זי בעלייזדיגט, אָבער שוין־זשע איז לייכטער צו שטאַרבען, ווי צו פערגעבען! אָט דאָס איז טאַקע אויף אַן אמת ווייבערשע לאָגיק, אַ גרויזאַמע, אוּנבּרחמנות'דיגע לאָגיק! אַך, זי איז אויך ביים לעבען געווען גרויזאַם! אַצינד דערמאָן איך זיך! איצט איז עס פאַר מיר קלאָהר!

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט גערעדט און — דאָ גערדיקט מיט די פּלייצעס, דאָ זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ. ער האָט זיך דאָ געזעצט אין קאַוטש און, דאָ געגאַנגען צו פוס. דער נייער געדאַנק, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם נישט לאַנג מיטגעטהיילט, האָט קענטיג איהם צוטומעלט, פער'סמ'ט; ער האָט זיך פערלאָרען, איז שוואַך געוואָרען מיט דער נשמה און אַלע גלידער און, ווען זיי האָבען זיך אומגעקעהרט אין שטאָדט, האָט ער זיך געזעגענט מיט דעם דאָקטאָר, זיך אָבזאָגענדיג פון מיטאָג, כאָטש ער האָט נאָך נעכטען געגעבען דעם דאָקטאָר אַ וואָרט צו עסען מיטאָג מיט איהם צוזאַמען.

שונאים

אין אַ פינסטערען סעפטעמבער אבענד, אַ זייגער צעהן ביינאַכט, איז ביי דעם דאָקטאָר קורילאָוו אויסגעגאַנגען פון דיפטעריט זיין איינציגער זוהן, דער זעקס־יאָהריגער אַנדרעי.

בעת די דאָקטאָרשע האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף די קניע נעבען דער בעטעל פון איהר געשטאָרבענעם קינד און אַ געפיהל פון טיעפער, שאַרפער פערצווייפלונג האָט זי אין גאַנצען באַהערשט, האָט זיך אין פיהר־הויז דערהערט אַ שניידענדיג קלאַנג פונ'ם טיר־גלעקעל.

צוליעב דעם צופאל פון דיפטעריט האָט מען די דינערשאַפט נאָך פון אין דער פריה אַן אַוועקגעשיקט פון הויז. קירילאָוו, ווי ער איז געוועזן, אָהן אַ רעקעל, אין אַ צושפיליעטער וועסט, ניט אָבגעווישענדיג דעם נאַסען פנים און הענד, וועלכע זיינען צוברענט געוועזן פון קאַר־באָל, איז אליין אַוועק עפענען.

אין פיהר־הויז איז געוועזן פינסטער און אין דעם מענשען, וועל־כער איז אריין, האָט מען נור געקענט אונטערשיידען אַ מיטעלען וואוקס, אַ ווייס היטעל און אַ גרויסען, אונגעוועהנליך בלייכען פנים, אַזאַ בלייכען, אַז פון דער ערשיינונג פון דעם דאָזיגען פנים, האָט זיך געדאַכט, אַז אין פיהר־הויז איז העלער געוואָרען...

דער דאָקטאָר איז אין דער היים? — האָט געפרעגט דער אריינ־קומענדער.

— איך בין אין דער היים — האָט געענטפערט קירילאָוו — וואָס פערלאַנגט איהר?

— אַך, דאָס זייט איהר? עס פרעהט מיך זעהר! — האָט זיך דערפרעהט דער פרעמדער. און גענומען אין דער פינסטער זוכען דעם דאָקטאָר'ס האַנד, געפונען און שטאַרק געדריקט אין זיינעביידע הענד: — עס פרעהט מיך זעהר.... זעהר! מיר זיינען בעקאַנט... איך בין

— צבאָוין . . . האָט געהאַט דאָס פערגעניגען אייך צו טרעפען זומער ביי גנוטשעוו׳ן . . . עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איך האָב אייך געטראָפען אין דער היים... אום גאָטעס ווילען, זאָגט מיר נישט אָב צו פאָהרען גלייך מיט מיר... ביי מיר איז דאָס ווייב געפעהרליך קראַנק געוואָרען . . . מיין קאַרעטע איז אויך דאָ מיט מיר...

נאָך דעם קול און די בעוועגונגען פון דעם אריינקומענדען, איז קענטיג געווען, אַז ער געפינט זיך אין אַ זעהר אויפגערעגטען צושטאַנד. עפּעס אַזוי ווי אַ דערשראָקענער פון אַ פייער אָדער פון אַ משוגענעם הונד, האָט ער קוים איינגעהאַלטען דעם אָטהעם און גערעדט שנעל, מיט אַ ציטערענדיגען קול, און עטוואָס נישט געמאַכטעס, הערצליכעס, אָפענעס און קינדערשעס האָט געקלונגען אין זיינע רייד. ווי אַלע דערשראָקענע און צוטומעלטע מענשען, האָט ער גערעדט מיט קורצע, געהאַקטע פראַזען און האָט געברויכט אַ סך איבעריגע ווערטער, וועלכע האָבען זיך גאָר נישט געקלעבט צום ענין.

— איך האָב מורא געהאַט, איך זאָל אייך נישט טרעפען — האָט ער ווייטער גערעדט — בעת איך בין צו אייך געפאָהרען איז מיר דאָס הארץ צוריסען געוואָרען . . . טהוט זיך אָן און לאָמיר פאָהרען, אום גאָטעס ווילען שנעל... פּאַסירט האָט עס אויף דעם פאָלגענדען שטייגער. עס קומט צו מיר פּאָפּטשינסקי, אַלעקסאַנדער סעמיאָניטש, איהר קענט דאָך איהם?... האָבען מיר זיך צורעדט... דערנאָך זיך געזעצט טרינקען טהעע; פּלוצים טהוט דאָס ווייב אַ געשריי, כאַפּט זיך אָן פאַר׳ן הארצען און פאַלט אויף דעם ווענטעל פון שטול. מיר האָבען זי אַוועקגעטראָגען אויף דער בעט... און... איך האָב זי שוין געריבען מיט ספּיריטוס די שלייפען... וואַסער אויף איהר געשפּריצט... און גאָרנישט... ליעגט, ווי אַ טויטע... איך האָב מורא, אַז דאָס איז אַנערוויזם... לאָמיר גלייך פאָהרען... ביי איהר איז דער פאָטער אויך געשטאָרבען פון אַנעווריזם...

קירילאָוו האָט געהערט און געשוויגען, אַזוי ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו איהם.

ווען אבאגין האָט נאָך אַמאָל דערמאָנט וועגען פּאָפּטשינסקי׳ן און וועגען זיין ווייב׳ס פאָטער און האָט ווידער גענומען זוכען אין דער פינסטער זיין האַנד, האָט דער דאָקטאָר אַ טרייסעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט אַפּאַטיש, אויסציהענדיג יעדעס וואָרט:

— ענטשולדיגט, איך קען נישט פאָהרען... מיט א מינוט פינף צוריק איז ביי מיר... געשטאָרבען א זוהן...

— ווירקליך? — האָט אויסגעשטאַמעלט אבאָגין, אָבטרעטענדיג א טריט צוריק: — מיין גאָט, אין וואָס פאר א שלעכטער שעה, איך בין ארייגעפאַלען! א מערקווירדיג אונגליקליכער טאָג... מערקווירדיג! וואָס פאר אַן אונגליקליכען צופאַל... און ווי אומיסטנע דאַרף עס טרעפען גראָד היינט!

אבאָגין האָט זיך גענומען פאר'ן הענטעל פון דער טהיר און א בערטראַכטער אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט, קענטיג, זיך געשלאָגען מיט דער דעה און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן: אוועקגעהן אָדער ווייטער בעטען דעם דאָקטאָר.

— הערט אויס — האָט ער געזאָגט מיט היץ, אָנכאַפּענדיג קירילאָוו'ן פאר א ארבעל: — איך פערשטעה אייער לאַגע אויסגעצייכענט! איין גאָט זעהט, אז מיר איז שווער און איך שעהם זיך אויף צו בעאונרוהיגען אין אזא מינוט, אָבער וואָס זאָל איך טהאָן? זאָגט אליין, צו וועמען זאָל איך פאָהרען? אויסער אייך איז דאָך דאָ קיין אנדער דאָקטאָר נישטאָ. לאָמיר פאָהרען, ווי גאָט איז אייך ליעב, קוממ! נישט פאר זיך בעט איך... נישט איך בין קראַנק!

עס האָט איינגעטראָטען א שווייגען. קירילאָוו האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו אבאָגין'ען, איז געשטאַנען א ווייל א און לאַנגזאַם ארויס פון פיהר־הויז אין זאַאַל.

נאָך זיין נישט גלייכען, מאשינענמעסיגען גאנג, נאָך דער אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער ער האָט אין זאַאַל פעררריכט דעם קאָלפאַק אויף א לאַמפּ, וואָס האָט נישט געברענט און נאָך דעם ווי ער האָט אריינגעקוקט אין א דיקען בוך, וואָס איז געלעגען אויף דעם טיש. איז קענטיג געווען, אז אין דיזע מינוטען האָט ער נישט געהאַט נישט קיין פערלאַנגען, נישט קיין אבזיכטען, האָט וועגען קיין זאַך נישט געטראַכט און, וואהרשיינליך, שוין פערגעסען, אז ביי איהם אין פאָר־צימער ווארט א פרעמדער מענש.

די דונקעלהייט און שטילקייט פון זאַאַל האָבען קענטיג, איהם נאָך מעהר מטושטש געמאַכט. געהענדיג צו זיך אין קאַבינעט, האָט ער אויפגעהויבען די רעכטע פוס העכער, ווי עס איז נויטיג געווען, האָט געזוכט מיט די הענד די טהיר פּריטילקעס און אין דיזער צייט

האָט זיך אין זיין גאַנצער פיגור געפיהלט עפּעס א מין פערוואונדע־רונג, אזוי ווי ער וואָלט פערבלאָנדזשעט אויף א פרעמדער קוואַרטיר, אָדער ער וואָלט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען זיך אָנגע'שיכור'ט.

איבער איין וואַנט פון דעם קאַבינעט, איבער די שאַפעס מיט ביכער, האָט זיך געצויגען א ברייטער פאַס ליכט; צוזאַמען מיט דעם שווערען, שטיקענדען גערוך פון קאַרבאָל און עפיר האָט זיך דער דאַ־זיגער שיין געצויגען פון דער עטוואָס אָפענער טהיר, וועלכע האָט גע־פיהרט פון קאַבינעט אין שלאָפצימער...

דער דאָקטאָר האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף א פאָטעל נעבען טיש; א מינוט האָט ער פערשלאָפען געקוקט אין זיינע ביכער, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אוועק אין שלאָף־צימער.

דאָ, אינ'ם שלאָף־צימער, האָט געהערשט א טויטע שטילקייט. אַלעס ארום, יעדעס קלענסטע פּיצעלע האָט שטום דערצעהלט וועגען דעם שטורם, וועלכען מען האָט דאָ נור וואָס איבערגעלעבט, וועגען מיעדקייט און אויסגעמאַטערטקייט, און איצט האָט אַלעס גערוהט. א ליכטעל, וואָס איז געשטאַנען אויף א טאַבורעט צווישען א גאַנצע מאַסע פלעשלאַך, גלעזלאַך און קערבלאַך, און א גרויסער לאָמפּ אויף דער קאָמאָדע, האָבען העל בעלויכטען דאָס גאַנצע צימער.

אויף דער בעט, נעבען סאַמע פענסטער, איז געלעגען דאָס אינגעל מיט אָפענע אויגען און א פערוואונדערטען אויסדרוק אויפ'ן פּנים. ער האָט זיך נישט בעוועגט, נור זיינע אָפענע אויגען זיינען, דאַכט זיך, מיט יעדען אויגענבליק דונקעלער געוואָרען און אַלץ ווייטער און טיע־פער אינוועניג אין שאַרבען אריין...

בעהאַלטען דעם פּנים אין די פאַלדען פון ליילאַך, מיט די הענד אויפ'ן קערפּער'ל פון דעם טויטען־קינד, איז אויף די קניע פאַר'ן בעט די מאַמע געשטאַנען. אזוי ווי דאָס אינגעל אזוי האָט אויך זי זיך נישט גערירט, אָבער וויפיעל לעבעדיגע בעוועגונג האָט זיך גע־פיהלט אין די בויגעדיגקייט פון איהר קערפּער און אין איהרע הענד! צוגעפאַלען צו דער בעט איז זי מיט איהר גאַנצען קערפּער, מיט אַלע קרעפטען, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו צושטערען די רוהיגע און בעקוועמע פּאָזע, וועלכע זי האָט אויפ'ן סוף געפונען פאַר איהר אויס־געמאַטערטען גוף. קאָלדרעס, שמאַטעס, שיסלען, לוזשעס אויפ'ן פּאָל, שטעקלאַך און לעפלען צו־וואַרפענע אומעדום, א ווייסע פלאַש מיט

וואַפּנע־וואַסער, די לופט אליין, א שטיקענדע און א שווערע — אַלעס איז פערשטאָרבען, פערגליווערט געוואָרען און עס האָט זיך געדאכט, אַז אַלעס רוהט.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען דער ווייב, אריינגעשטעקט די הענד אין די הויזען־קעשענעס און, אָנגעבויגט דעם קאָפּ אויף א זייט, האָט ער אָנגעשטעלט זיין בליק אויפ'ן זוהן. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט גלייכגילטיגקייט, נור אָן די טראָפּענלאַך, וואָס האָבען געבליסטשעט אויף זיין באָרד, איז קענטיג געווען, אַז ער האָט נישט לאַנג געוויינט.

יענער אָבשטויסענדער שרעק, וועגען וועלכען מען דענקט, בעת מען רעדט וועגען טויט, האָט אין שלאָף־צימער געפעהלט. אין דער אַלגעמיינער בעשטירצונג, אין דער פּאָזע פון דער מוטער, אין דער גלייכגילטיגקייט פון דער דאָקטאָר'ס פּנים איז געלעגען עטוואָס צו־ציהענדעס, וואָס האָט געריסען ביים הארצען, אָט יענע עדעלע, קוים־באַמערקבאַרע שעהנקייט פון מענשליכען שמערץ, וועלכען מען וועט זיך נאָך נישט אזוי גיך אויסלערנען פערשטעהן און בעשרייבען און וועלכע עס קען איבערגעבען, דאכט זיך, נור איין מוזיק.

די שעהנקייט האָט זיך געפיהלט אפילו אין דער בייזער שטיל־קייט. קירילאָוו און זיין ווייב האָבען געשוויגען, ניט געוויינט, אזוי ווי, אויסער די שווערקייט פון זיין גרויסען בראָך, האָבען זיי אויך בע־גריפען דעם גאַנצען טרויער פון זייער לאַגע: אזוי ווי אַמאָל איז זייער יוגענד אַוועק, אזוי איז איצט, צוזאַמען מיט דעם דאָזיגען אינגעל אויף אייביג אַוועק זייער רעכט אויף צו האָבען קינדער! ... דער דאָקטאָר איז שוין 44 יאָהר אַלט, ער איז גרוי און קוקט אויס, ווי אַן אַלטער מאַן; זיין פאַרוועלקטע און קראַנקע פרוי איז 35 יאָהר. אַנדרע, איז נישט נאָר געווען זייער איינציג, נור אויך זייער לעצ־טעס קינד.

אַלס געגענזאַץ צו זיין פרוי האָט דער דאָקטאָר בעלאַנגט צו יע־נעם סאָרט נאַטורען, וועלכע פיהלען אין צייט פון אַן אונגליק א בע־דירפנים צו בעוועגען זיך.

געשטאַנען נעבען דער ווייב א מינוט פינף, איז ער, אויפהויבענ־דיג אין דער הויך די רעכטע פוס, ארויס פון שלאָף־צימער, איז דורכ־געגאַנגען א קליין צימערל, א העלפט פון וועלכען עס האָט פערנומען

אַ גרויסע, ברייטע זאַפע; פון דאָרט איז ער אריין אין קיך. געבלאָנ־דזשעט א ווײַלע ארום אויווען און ארום דער קעכינס בעטעל, האָט ער זיך איינגעבויגט און דורך דאָס קליין טירעל ארויס אין פאָרצימער.

דאָ האָט ער ווידער דערזעהען דאָס ווייס היטעלע און בלייך פּנים.

— ענדליך! — האָט זיך אַבגעזיפצט אבאָגין, און זיך אָנגע־נומען פאר'ן הענטעל פון טהיר: — לאָמיר פאָהרען, איך בעט אייך!

דער דאָקטאָר האָט זיך א טרייסעל געטהאָן, אויפגעהויבען אויף איהם די אויגען און זיך דערמאָנט...

— הערט אויס, איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, אז איך קען מיט אייך נישט פאָהרען! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר קומענדיג אביסעל צו זיך: — ווי מערקווירדיג!

— דאָקטאָר, איך בין נישט קיין שטיק האָלץ, איך פערשטעה אויסגעצייכענט אייער לאַגע... איך פיהל אייך מיט! — האָט געזאָגט אבאָגין מיט א בעטענדיגען קול — אָבער איך בעט דאָך נישט פאר זיך... מיין ווייב שטארבט! אז איהר וואָלט געהערט דעם געשריי, וואָלט געזעהן איהר פּנים, דאַן וואָלט איהר פערשטאַנען מיין איינגע־שפּארטקייט! מיין גאָט, און איך האָב געטראַכט, אז איהר זייט דאָס אוועק אָנטהאָן זיך! דאָקטאָר, די צייט איז טהייער! לאָמיר פאָהרען איך בעט אייך!

— איך קען נישט פאָהרען! האָט געזאָגט קירילאָוו, ציהענדיג די ווערטער און האָט שוין א טראָט געטהאָן צום זאַאל.

אבאָגין איז אוועק נאָך איהם און אָנגעכאַפּט איהם ביים ארבעל.

— ביי אייך האָט פּאסירט אַן אונגליק, איך פערשטעה, איך רוף אייך דאָך אָבער נישט צו א קראַנקען היילען די צייהן, ניט אלס עקספּערט, נור אום צו רעטען א מענשליך לעבען! — האָט ער ניט אויפגעהערט צו בעטען, ווי א בעטלער — דיעזעס לעבען איז העכער פון יעדען פּערזענליכען שמערץ! נו, איך בעט ביי אייך מוטהיגקייט, אַ העלדען־טהאַט! אין נאָמען פון מענשען־ליעבע!

— מענשען־ליעבע — איז א שטעקען מיט צוויי עקען — האָט צורייצט געענטפערט קירילאָוו — אין דעם נאָמען פון דערזעלבער

מענשען־ליעבע בעט איך אייך, איהר זאָלט מיך נישט אוועקנעהמען פון דאַנען. איהר זייט עפּעס אַ מערקווירדיגער מענש, אויף מיין וואָרט! איך שטעה קוים איין אויף די פיס און איהר סטראַשעט מיך מיט מענשען־ליעבע! איך טויג אַצינד נישט צו קיין שום זאַך... איך וועל בשום אופן נישט פאָהרען, און מיין ווייב האָב איך אויך נישט אויף וועמען איבערצולאָזען! ניין, ניין...

קירילאָוו האָט אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד און אָפּגערוקט זיך פון איהם הינטערווייַלעכץ.

— און... און בעט מיך נישט מעהר! — האָט ער גערעדט ווייטער צושראָקען — ענטשולדיגט מיר... נאָך דעם דרייצעהנטען באַנד פון די געזעצע בין איך מחויב צו פאָהרען, און איהר האָט אַ רעכט מיך צו שלעפּען פאַר די לאַצען... נו, גוט, שלעפּט, נור... איך בין נישט אים־שטאַנד... אפילו רעדען האָב איך קיין כוח נישט... ענטשולדיגט....

— אומזיסט רעדט איהר צו מיר מיט אַזאַ טאָן, דאָקטאָר — האָט געזאָגט אַבאָגין און איהם ווידער אָנגענומען פאַר'ן אַרבעל — דאָ איז נישט קיין פראַגע פון געזעץ! איך האָב קיין רעכט נישט אייך צו צווינגען מיט געוואַלט! ווילט איהר — פאָהרט, ווילט איהר נישט, דאַן זאָל אייך גאָט העלפען, איך ווענד זיך נישט צו אייך אין נאָמען פון געזעץ, נור צו אייער געפיהל, ווענד איך זיך, צו אייער האַרץ. עס שטאַרבט אַ יונגע פרוי! נור־וואָס, זאָגט איהר, איז ביי אייך גע־שטאָרבען אַ זוהן, ווער־זשע דען, אַז נישט איהר, קען פערשטעהן מיין שמערץ, מיין שרעק?...

אַבאָגינס קול האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג, אין דעם דאָזיגען ציטערען און אין זיין טאָן איז געווען אַ סך מעהר איבערציינגונגס קראַפט, ווי אין זיינע ווערטער. אַבאָגין האָט גערעדט, וואָס ער האָט געפיהלט, אָבער, מערקווירדיג, וואָס פאַר אַ פראַזען ער האָט נישט גערעדט, זיינען אַלע עפּעס אַרויסגעקומען ביי איהם אָהן טעם, אָהן נשמה און האָבען אַזוי ווי בעליידיגט די לופט פון דעם דאָקטאָר'ס וואוינונג און די יונגע פרוי, וועלכע איז געלעגען וואו עס איז אין אַ שטערבענדען צושטאַנד.

ער אַליין האָט עס געפיהלט, און דערפאַר מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל איהם נישט פערשטעהן, האָט ער זיך מיט אַלע קרעפטען גע־פּטאַרעט צוגעבען זיין קול ווייכקייט און צערטליכקייט, אום צו וויר־

קען מיט דער אָפענהערציגקייט פון טאָן, אויב נישט מיט ווערטער. בכלל ווירקט א פראַזע, ווי שעהן און טיעף זי זאָל נישט זיין, נור אויף גלייכגילטיגע מענשען, אָבער נישט אלע מאָל קען זי בעפריעדיגען די יעניגע, וועלכע זיינען גליקליך אָדער אונגליקליך, ווייל דער העכסטער אויסדרוק פון גליק אָדער אונגליק איז אָפטער פון אלץ דאָס שווייגען; פערליעבטע פערשטעהן איינס דאָס אנדערע בעסער, ווען זיי שווייגען, און א הייסע, ליידענשאַפטליכע רעדע אויפ'ן קבר פון א טויטען ריהרט נור די זייטיגע, פרעמדע מענשען, אָבער דער אלמנה און די קינדער פון דעם געשטאָרבענעם, קלינגט זי קאַלט און נישטיג.

קירילאָוו איז געשטאַנען און געשוויגען. ווען אבאָגין האָט גע־זאָגט נאָך עטליכע פראַזען וועגען דעם הויכען בערוף פון א דאָקטאָר, וועגען זעלבסט אויפאָפּפערונג און אזוי ווייטער, האָט דער דאָקטאָר פערדריסליך געפרעגט:

— איז ווייט צו פאָהרען?

— ארום 13—14 וויאָרסט. איך האָב אויסגעצייכענטע פערד, דאָקטאָר! איך גיעב אייך מיין עהרען וואָרט, אז איך וועל אייך צושטעלען הין און צוריק אין איין שטונדע. נור איין שטונדע!

די לעצטע ווערטער האָבען אויף דעם דאָקטאָר געווירקט שטאַר־קער, ווי אלע רייד וועגען מענשען ליעבע און דעם הויכען בערוף פון אן ארצט. ער האָט א טראַכט געטהאָן און געזאָגט מיט א זיפץ:

— גוט, לאָמיר פאָהרען!

ער איז שנעל און דאָס מאָל שוין מיט זיכערע טריט אוועק צו זיין קאַבינעט און אין א וויילע ארום האָט ער זיך צוריקגעהערט אין א לאַנגען ראָק. טרעטענדיג נעבען איהם און שאַרענדיג מיט די פיס, האָט דער דערפרעהטער אבאָגין איהם געהאָלפען אָנטהאָן דעם אויבער־ראָק און איז צוזאַמען מיט איהם ארויס פון הויז.

אין דרויסען איז געווען פינסטער, נור ליכטיגער, ווי אין פאָר־צימער. אין דער־פינסטער איז קלאָהר ארויסגעטראָטען דעם דאָקטאָר'ס הויכע, איינגעהויקערטע פיגור מיט דער לאַנגער, שמאָלער באָרד און דעם אָדלער־נאָז. ביי אבאָגין'ען האָט זיך איצט, אויסער זיין בלייכען פנים געזעהן אויך זיין גרויסער קאָפּ און א קליינע סטודענטישע היטעלע, וועלכע האָט קוים, צוגעדעקט דעם שפּיץ קאָפּ.

— גלויבט מיר, אייער גרויסמוטה איז ביי מיר זעהר אַנגעלעגט און איך וועל עס וויסען, ווי צו שעצען — האָט געשטאַמעלט אבאָגין, העלפענדיג דעם דאָקטאָר זיך זעצען אין קאַרעטע — מיר וועלען זיך א יאָג טהאָן שנעל. דו לוקא, הארציגער, פאָהר וואָס שנעלער! איך בעט דיך!

דער קוטשער איז געפאָהרען שנעל.

אין אָנהויב האָט זיך געצויגען א גאַנצער ראַנד קליינע געביידען, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום דעם שפּיטאָל הויף. אומעדום איז געווען פינסטער, נור טיעף אינעווייניג אויפ'ן הויף, האָט פון אימעצענס א פענסטער דורך דעם גערטעל זיך דורכגעריסען א העלער שיין און דריי פענסטער פון דעם אויבערשטען עטאַזש פון שפּיטאָל האָבען אויסגעזעהען בלאַסער, ווי די לופט.

דערנאָך איז די קאַרעטע אריינגעפאָהרען אין א געדיכטער פינסטערניש; דאָ האָט געשמעקט מיט פייכטקייט פון שוועמלאָך און עס האָט זיך געהערט דאָס שעפּצען זיך פון בוימער; די וואָראָנעס, אויפגעוועקטע פון דעם גערויש פון די רעדער, האָבען זיך גענומען בעוועגען צווישען די צווייגען און אויפגעהויבען א אונרוהיגען רחמנות'דיגען געשריי, אַזוי ווי זיי וואָלטען וויסען, אז ביים דאָקטאָר איז געשטאָרבען א זוהן, און ביי אבאָגין'ען איז קראַנק דאָס ווייב. נור אָט האָבען גענומען פאַרביי שוועבען איינציגע בוימער, געדיכטע בושעס; עס האָט א בליסטשע געטהאָן א קליין טייכעל אויף וועלכען עס זיינען געשלאָפען גרויסע, שווארצע שאָטענס — און די קאַרעטע האָט זיך גענומען טראָגען איבער א גלייכען פעלד. דער געשריי פון די וואָראָנעס האָט זיך שוין געהערט שוואַך, ווייט הינטער זיי און באַלד איז ער אין גאַנצען פערשטאָרבען.

כמעט די גאַנצע וועג האָבען קירילאָוו און אבאָגין געשוויגען. נור איין מאָל האָט אבאָגין טיעף א זיפץ געטהאָן און ארויסגערעדט:

— א שרעקליכער צושטאַנד! קיין מאָל האָסטו דיינע נאָהענטע אַזוי ניט ליעב, ווי אין דער צייט, בעת דיר שטעהט פאָר זיי צו פערליערען.

און בעת די קאַרעטע איז שטיל אריבערגעפאָהרען איבער'ן וואַסער, האָט קירילאָוו פּלוצים זיך א כאַפּ געטהאָן, אַזוי ווי איהם וואָלט

איבערגעשראָקען דאָס פלעסקען פון די וואסער, און האָט זיך גענומען דרעהען אויף זיין זייט.

— הערט אויס, לאָזט מיך אָב — האָט ער געזאָגט מיט בענקעניש — איך׳ל צו אייך שפעטער קומען. איך וועל נור שיקען דעם פעלדשער צו דער ווייב. זי איז דאָך דאָרט איינע אליין!

אבאָגין האָט געשוויגען. די קארעטע איז, טרייסלענדיג זיך און קלאפענדיג אָן די שטיינער, דורכגעפאָהרען דעם זאמדיגען ברעג און איז אוועק ווייטער.

קירילאָוו האָט זיך גענומען דרעהען אין אלע זייטען פאר אומעט און א קוק געטהאָן ארום זיך.

פון הינטען, דורך דעם בלאסען שיין פון די שטערן, האָט זיך געזעהען דער וועג און די ביי־ברעגיגע וואסער־פלאנצען, וועלכע זיינען פערשוואונדען אין דער פינסטערניש. רעכטס איז געלעגען א גלייכער פעלד, אזא גלייכער און גרענצלאָזער, ווי דער הימעל; פון ווייטען האָבען זיך דאָ און דאָרט געזעהען בלאסע פייערלאך. לינקס, גלייך מיט׳ן וועג, האָט זיך געצויגען א בערגעל, און איבער דעם דאָזיגען בערגעל איז אונבעוועגליך געשטאנען א גרויסע האלבע לבנה א רויטע, פערצויגענע אביסעלע פון נעבעל און ארומגערינגעלט מיט קליינינקע וואָלקענדלאך, וועלכע האָבען זי דאכט זיך, ארומגעקוקט פון אלע זייטען און געהיט, זי זאָל נישט אוועק.

אין דער גאנצער נאטור האָט זיך געפיהלט עטוואָס האָפנונגסלאָזעס, עטוואָס קראנקעס; די ערד האָט, ווי א געפאלענע פרוי, וועלכע זיצט איינע אליין אין א פינסטערען חדר און סטארעט זיך נישט צו טראכטען וועגען דער פערגאנגענהייט, זיך געמאטערט מיט די עראינערונגען וועגען פריהלינג און זומער. און האָט אפאטיש געווארט אויף דעם קאלטען ווינטער. וואָהין דו זאָלסט נישט א וואָרף טהאָן מיט אן אויג, אומעדום האָט זיך די נאטור אויסגעוויזען ווי א פינסטערע, אָהן א גרענעץ טיעפע און קאלטע גרוב, פון וועלכער, דאכט זיך, עס וועלען זיך שוין נישט ארויסרייסען נישט קירילאָוו, נישט אבאָגין, און נישט די רויטע האלבע לבנה...

וואָס נעהענטער די קארעטע איז צוגעקומען צו איהר ציעל, אלץ אונגעדולדיגער איז אבאָגין געוואָרען. ער האָט זיך בעוועגט, איז אלע ווילע אויפגעשפרונגען, האָט איבער דעם קוטשער׳ס פלייצע זיך

איינגעקוקט אין פאַראויס. און ווען די קאַרעטע האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען באַלקאָן, וועלכער איז פערדראַפּירט געווען מיט געפּאַסטען לייי־וואנד, און ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף די בעלויכטענע פענסטער פון צווייטען עטאַזש, האָט זיך געהערט, ווי זיין אָטהעם ציטערט.

— אויב עפּעס זאָל פּאַסירען, דאַן... וועל איך עס נישט אַרי־בערטראָגען — האָט ער געזאָגט, אַריינגעהענדיג מיט דעם דאָקטאָר אין פּאָרצימער און רייבענדיג זיך די הענד פאר אויפרעגונג: — אָבער עס הערט זיך נישט קיין טומעל, הייסט עס, אַז דערווייל איז נאָך אַלץ ווי געהעריג איז — האָט ער צוגעלייגט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט.

אינ׳ם פּאָרצימער האָט מען נישט געהערט נישט קיין שטימען, נישט קיין טריט און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס גאַנצע הויז שלאָפט, נישט קוקענדיג אויף די העלע בעלייכטונג. איצט ערשט האָבען אָבאָגין און דער דאָקטאָר, וועלכע זיינען ביז אַהער געווען אין דער פינסטער, געקענט אָנקוקען איינער דעם אַנדערען.

דער דאָקטאָר איז געווען הויך, איינגעהויקערט, אָנגעטהאָן נישט נאָר ריין און אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ מיאוסען. עטוואָס אונאַנגע־נעהם שאַרפעס, אונפריינדליכעס און בייזעס האָבען אויסגעדריקט זיינע דיקע, ווי ביי אַ נעגער, ליפּען, די אָדלער־נאָז און דער פערשלאָ־פענער, גלייכגילטיגער בליק. זיין נישט פערקאַמטער קאָפּ, די איינגע־פאַלענע שלייפען, די פאַר דער צייט גרוי געוואָרענע האָאָר אויף דער לאַנגער, שמאָלער באָרד, דורך וועלכער עס האָט זיך דורכגעזעהען די מאָרדע, די בלאַס־גרויע פאַרב פון דער הויט און די ניט געהובלעטע מאַניערען — דאָס אַלעס האָט דערצעהלט אַ לאַנגע געשיכטע פון ליידען, דורכגעלעבטער נויט, עלענדקייט און פון מיעדקייט מיט׳ן לע־בען און די מענשען... קוקענדיג אויף זיין אויסגעטריקענטער פיגור, האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דער דאָזיגער מענש זאָל האָבען אַ ווייב, אַז ער זאָל קענען וויינען נאָך אַ קינד.

אָבאָגין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט גאָר אַן אַנדער סאָרט מענ־שען. ער איז געווען אַ שטאַרקער, סאָלידער בלאָנדין מיט אַ גרויסען קאָפּ און גרויסע, אָבער ווייכע געזיכטסציגע, אָנגעטהאָן זעהר שעהן, נאָך דער לעצטער מאָדע. אין זיין שטעל, אין דעם פעסט פערשפּי־ליעטען ראָק, אין דעם גרויסען קאָפּ האָאָר און אינ׳ם פּנים האָט זיך

געפיהלט עטוואָס ערדלעס, שטאַרקעס; ער איז געגאַנגען, האַלטענדיג דעם קאָפּ גלייך און די ברוסט אויסגעשטעלט אין פאָראויס. געוועדט האָט ער מיט אַן אנגענעהמען באריטאָן און אין דער אַרט און ווייזע, ווי ער האָט אַראָבגענומען זיין היטעל, אָדער פעררוקט די האָאָר, האָט דורכגעשיינט אַ צאַרטע, כמעט ווייבערשע שעהנקייט. זאָגאַר די בלייכקייט און דער קינדערשער שרעק, מיט וועלכען ער האָט, אויסטהוענדיג זיך, געקוקט פון אויבען, איבער די טרעפּ, האָבען נישט קאַליע געמאַכט זיין שטעל און נישט פערמינדערט די זאַטקייט, געזונדקייט און די זיכערקייט, מיט וועלכע עס האָט געאָטהעמט זיין גאַנצע פיגור.

— מען זעהט און הערט קיינעם נישט — האָט ער געזאָגט, געהענדיג אויף די טרעפּ — קיין טומעל איז נישטאָ. הלואי, רבונו של עולם!

ער האָט אריינגעפיהרט דעם דאָקטאָר פונ'ם פאָרצימער אין אַ גרויסען זאַאַל, וואו עס איז געשטאַנען אַ שווארצע פּיאַנאָ און עס איז געהאַנגען אַ ענג־לייכטער אין אַ ווייסען איבערצוג; פון דאַנען זיינען זיי ביידע דורכגעגאַנגען און אין אַ קליין, אָבער זעהר בעקוועמען און שעהנעם גאַסט־צימער, פול מיט אנגענעהמער, ראָזאָווער האַלב־פינסטערניש.

— נו, איהר דאָקטאָר, זיצט דאָ אַ ווײַלע — האָט געזאָגט אבאָגין און איך... וועל באלד זיין צוריק. איך'ל געהן אַ קוק טהאָן און מעלדען.

קירילאָוו איז געבליבען אליין. דאָס רייכטהום פונ'ם גאַסט־צימער, די אנגענעהמע האַלב־פינסטערניש און זיין אייגענע געגענוואַרט אין אַ פרעמדען אונבעקאַנטען הויז, וואָס האָט געטראָגען דעם כאַראַקטער פון אַן אונגעוועהנליכען צופאַל, האָבען איהם, קענטיג, נישט גערוהרט. ער איז געזעסען אין אַ פאָטעל און בעטראַכט זיינע צוברענטע פון קאַרבאָל הענד. און נור, ווי פערבייגעהענדיג, האָט ער דערזעהען אַ העל־רויטען אבאַזשור, אַ קעסטעל פון אַ וויליאָנטשעל; און אַ קעהר געטהאָן זיך אין יענע זייט, וואו עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון אַ זייגער, האָט ער בעמערקט אַ אויסגעשטאָפּטען וואָלף, פונקט אַזאַ סאָלידען און זאַטען, ווי אבאָגין אליין.

עס איז געווען שטיל... ערגעץ־וואו אין די ווייטערדיגע צימערן

האָט עמיצער הויך אויפ'ן קול ארויסגעבראכט דעם קלאַנג „אַ!", עס האָט אַ קלונג געטהאָן אַ גלעזערנע טהיר, וואהרשיינליך פון אַ שאַפע, און ווידער איז אַלעס שטיל געוואָרען. אַבגעוואַרט אַ מינוט פינף, האָט קירילאָוו אויפגעהערט בעטראַכטען זיינע הענד און האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף דער טהיר, הינטער וועלכער אבאָגין איז פערשוואונדען.

אויפ'ן שוועל פון דער דאָזיגער טהיר איז געשטאַנען אבאָגין, אָבער נישט דער אייגענער, וועלכער איז נור וואָס ארויס. דער אויסדרוק פון זאטקייט און צאַרטער שעהנקייט איז פערשוואונדען פון איהם, דאָס פּנים זיינס, די הענד און די פּאָזע זיינען פערקרימט געוועזן און אָנגענומען אַ העסליכען אויסדרוק, ווי פון שרעק, אָדער עפּעס אַ שטאַרקען פיזישען וועהטאָג. זיין נאָז, די ליפּען, די וואָנצעס, אַלע שטריכען האָבען זיך בעוועגט און, עס האָט זיך געדאכט, אַז זיי סטאַרען זיך אָבצורייסען פון פּנים, בלויז די אויגען זיינע האָבען עפּעס אַזוי ווי געלאַכט פאר וועהטאָג...

אבאָגין האָט שווער און ברייט אַ טראָט געטהאָן אין מיטען פון גאַסט־צימער, זיך איינגעבויגט, אַ טרייסעל געטהאָן מיט די פויסטען און ארויסגעקרעכצט:

— זי האָט מיך בעטראָגען! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן — בעטראָגען! איז אוועק! זי איז קראַנק געוואָרען און מיך אוועקגעשיקט נאָך אַ דאָקטאָר, נור דערפאר, אַז זי זאָל קענען אנטלויפען מיט דעם ליז, מיט פאפטשינסקין! מיין גאָט!

אבאָגין האָט שווער אַ טראָט געטהאָן צום דאָקטאָר, אויסגעצויגען צו יענעם'ס פּנים זיינע ווייסע, ווייכע פויסטען און, טרייסלענדיג מיט זיי אין דער לופט, האָט ער ווייטער געקלאָגט:

— איז אוועק!! האָט מיך אָבגענארט! נו, צו־וואָס דער דאָזיגער ליגען! מיין גאָט! מיין גאָט! צו־וואָס דיעזע בעטריגישע העסליכע קאָמעדיע, דאָס דאָזיגע טייפעלש שפּיעל פון אַ שלאַנג? וואָס האָב איך איהר געטהאָן? איז אוועק!

טרעהרען האָבען זיך אַ גאָס געטהאָן ביי איהם פון די אויגען. ער האָט זיך איבערגעדרעהט אויף איין פוס און גענומען שפּרייזען איבער'ן גאַסט־צימער. אין זיין קורצען רעקעל, אין די מאָדערנע, שמאָלע הויזען, אין וועלכע די פיס האָבען אויסגעזעהען נישט נאָכ'ן

קערפער נאך דין, מיט זיין גרויסע קאפ האאר, איז ער איצט זעהר עהנליך געווען צו א לייב.

אויף דעם דאקטאר'ס גלייכגילטיגען פנים האט א שיין געטהאן די נייגעריגקייט. ער האט זיך אויפגעהויבען און בעטראכט אבאגין'ען.

— ערלויבט נור, וואו־זשע איז די קראנקע? — האט ער גע־פרעגט.

— די קראנקע! האט א געשריי געטהאן אבאגין, לאכענדיג און וויינענדיג און נאך אימער טרייסלענדיג מיט די פויסטען:—דאס איז נישט קיין קראנקע, נאר א פערשאלטענע! אזא געמיינהייט! א מיאוסערע לומפעריי וואלט דער שד אליין נישט אויסגעטראכט! האט מיך אוועקגעשיקט, אום צו קענען אנטלויפען, אנטלויפען מיט דעם ליץ, מיט דעם קאמעדיאנט, מיט דעם אלפאנס! אך, גאט מיינער, בעסער וואלט זי געשטארבען! איך'ל דאס נישט איבערטראגען! ניין, איך וועל עס נישט אריבערטראגען!

דער דאקטאר האט זיך אויסגעגלייכט. זיינע אויגען האבען גענוי־מען פינטלען און זיינען פערלאפען מיט טרעהרען. די שמאלע בארד האט זיך גענומען בעוועגען רעכטס און לינקס צוזאמען מיט דעם קינ־באק.

— ערלויבט נור, ווי איז עס? — האט ער געפרעגט, ארומקוי־קענדיג זיך מיט נייגעריגקייט — ביי מיר איז געשטארבען א קינד, דאס ווייב א פערזאומערטע איז איינע אליין אין א גאנץ הויז... אליין שטעה איך קוים אויף די פיס, בין דריי נעכט נישט געשלאפען... און וואס איז? מען צווינגט מיך צו שפיעלען א ראלע אין עפעס א שמוציגער קאמעדיע! איך . . . איך פערשטעה דאס נישט!

אבאגין האט פונאנדערגעעפענט איין פויסט, האט א שליידער געטהאן אויף דער פאדלאגע א צודריקטען צעטעלע און האט ארויפגע־טראטען אויף איהם, ווי אויף א שפין, וועלכען עס ווילט זיך דער־שטיקען, צוטרעטען.

— איך האב אויך נישט געזעהען... האב נישט פערשטאנען!

— האט ער גערעדט צווישען צוזאמענגעדריקטע צייהן, טרייסלענדיג פאר זיין פנים מיט איין פויסט און מיט אזא אויסדרוק, ווי מען וואלט איהם ארויפגעטראטען אויף א היהנער־אויג: — איך האב נישט בא־

מערקט, אז ער פאַהרט אהער יעדען טאָג, נישט באַמערקט, אז ער איז היינט געקומען אין א קאַרעטע! פאַרוואָס עפּעס אין א קאַרעטע? און איך האָב נישט געזעהן! גאָר נישט געזעהן! גראָבער קאָפּ!

— איך... איך פאַרשטעה נישט! — האָט געשטאַמעלט דער דאָקטאָר — וואָס טהוט זיך דאָ אזוינס? דאָס הייסט דאָך חוזק געמאַכט פון א מענשען, אויסגעלאַכט זיך פון מענשליכע ליידען! דאָס איז עפּעס אונערהערטעס, אונמעגליכעס... איך זעה דאָס צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען!..

מיט דער טעמפּער פערוואונדערונג פון א מענשען, וועלכער האָט נור וואָס גענומען פערשטעהן, אז מען האָט איהם שווער בעליידיגט, האָט דער דאָקטאָר א קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס, א מאַך גע־טהאָן מיט די הענד און, נישט וויסענדיג, וואָס צו ריידען, וואָס צו טהאָן, האָט ער א פערמאַטערטער, זיך אראָבגעלאָזט אין פאָטעל.

— נו, האָט זי מיך אויפגעהערט צו ליעבען, ליעבט זי אן אַנ־דערען— גוט! רעכט, זאָל זיין אזוי! אָבער צו־וואָס טויג דיר בע־טרוג, די פאַלשקייט, צו־וואָס דער לומפּיגער, בעטריגישער הינטער־וועג? — האָט מיט א וויינענדיגען קול גערעדט אבאָגין — צו־וואָס? און פאַרוואָס? וואָס האָב איך איהר געטהאָן? הערט אויס דאָקטאָר — האָט ער געזאָגט מיט היץ, צוגעהענדיג צו קירילאָוו'ן: — איהר זייט נישט ווילענדיג געוועזן אַן עדות פון מיין אונגליק, און איך וועל פון אייך נישט בעהאַלטען דעם אמת. איך שווער אייך, אז איך האָב די דאָזיגע פרוי געליעבט, געליעבט פרום, ווי א שקלאַף! פאַר איהר האָב איך אַלעס אויפגעאָפּפערט: האָב זיך צוקריגט מיט מיין משפחה האָב געוואָרפען מיין קאַריערע און די מוזיק, האָב איהר פערגעבען אַזעלכע זאַכען, וואָס איך וואָלט נישט געקענט פערגעבען מיין מאַ־מע'ן אָדער שוועסטער... איך האָב קיין איין מאָל אויף איהר קיין קרומען קוק נישט געטהאָן... האָב איהר נישט געגעבען קיין שום מעגליכקייט! היינט פאַרוואָס אזאַ פאַלשקייט? איך פאָדער נישט קיין ליעבע, אָבער פאַר וואָס אזאַ לומפּיגער בעטרוג? דו ליעבסט מיך נישט, טאָ זאָג אָפען, עהרליך, איבערהויפּט נאָך, אז דו ווייסט מיין בליק אויף אַזעלכע זאַכען...

מיט טרעהרען אין די אויגען, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קער־פּער, האָט אבאָגין אויפריכטיג אויסגעגאָסען פאַר דעם דאָקטאָר זיין

הארץ. ער האָט גערעדט מיט היץ, צודריקענדיגביידע הענד צום האר־צען, און האָט דערצעהלט די סודות פון זיין פאמיליע לעבען אָהן א שום אָבהאַלט, עפּעס אזוי ווי איהם וואָלט געפרעהט, וואָס ענדליך האָבען זיך די דאָזיגע סודות ארויסגעריסען פון זיין ברוסט. וואָלט ער אזוי אָבגערעדט א שטונדע, צוויי, וואָלט אויסגעגאָסען זיין צו־וועה־טאָגט הארץ און איהם וואָלט, אָהן שום ספק לייכטער געוואָרען.

ווער וויים, אפשר, ווען דער דאָקטאָר זאָל איהם אויסהערען, זאָל איהם מיטהעלפען, ווי א פריינד, קען זיין, אז ער וואָלט זיך צוגעוועהנט צו זיין אונגליק, וואָלט עס אָנגענומען פאר ליעב, נישט פּראָטעס־טירענדיג און נישט מאַכענדיג קיין אונויטיגע נארישקייטען . . . . עס האָט אָבער אַנדערש פּאסירט.

בעת אבאָגין האָט גערעדט, האָט דער בעליידיגטער דאָקטאָר זיך אַלע ווייַלע געענדערט. די גלייכגילטיגקייט און פערוואונדערונג אויף זיין פּנים האָבען ביסלעכוויז געלאָזען פּלאַץ פאר אַן אויס־דרוק פון א שטארקער בעליידיגונג, ענטריסטונג און כעס. די שטרי־כען פון זיין פּנים זיינען געוואָרען נאָך שארפער, הארטער, אונאָנ־גענעהמער.

ווען אבאָגין האָט צוגעטראָגען צו זיינע אויגען דאָס בילד פון א יונגער פרוי מיט א שעהנעם, אָבער טרוקענעם און אָהן אויסדרוק, ווי ביי א מאָנאַשקע, פּנים און האָט געפרעגט, צו קען מען, קוקענדיג אויף דאָס דאָזיגע פּנים גלויבען, אז עס איז פעהיג אויסצודריקען פאַלש־קייט, איז דער דאָקטאָר פּלוצים אויסגעשפּרונגען, האָט א בליץ געטהאָן מיט די אויגען און געזאָגט, גראָב אונטערשטרייכענדיג יעדעס וואָרט:

— צו־וואָס דערצעהלט איהר דאָס מיר אַלעס? איך וויל עס נישט הערען! איך וויל נישט! — האָט ער א געשריי געטהאָן און א זעץ געטהאָן מיט'ן פויסט אָן טיש: — איך וויל נישט וויסען אייערע לעבערליכע סודות, מעג זיי דער טייפעל נעהמען! איהר זאָלט נישט וואגען צו ריידען צו מיר וועגען אזעלכע העסליכע זאכען! וואָס טראַכט איהר זיך בין איך נאָך נישט גענוג בעליידיגט געוואָרען? אָדער מיינט איהר, אז איך בין עפּעס א לאָקעי, וועמען מען קען האַלטען אין איין בעליידיגען?

אבאָגין האָט אָבגעטראָטען פון קירילאָוו'ן און אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָאר פערוואונדערטע אויגען.

— צו־וואָס האָט איהר מיך אַהער געבראַכט? — האָט דער דאָק־טאָר ווייטער גערעדט, טרייסלענדיג מיט דער באָרד: — ווי באַלד, אז איהר האָט חתונה געהאַט פאר וואוילטאָג, ווערט משוגע פאר וואוילטאָג און שפּיעלט עפּעס אַזעלכע מעלאָדראַמען, טאָ וואָס געהט עס מיך אָן? וואָס פאר אַן עסק האָב איך מיט אייערע ראָמאַנען? לאָזט מיך צופריעדען! פאַרנעהמט זיך אייער צייט מיט דעם שפּיעלען די ראָלע פון אַ עדעלען גראָבען יונג, מאַכט אַן אָנשטעל מיט אייערע פרייע אידעען, שפּיעלט (דער דאָקטאָר האָט זיך אַ קרים געטהאָן אויפ'ן קעסטעל מיט'ן וויאָלאָנטשעל) שפּיעלט זיך אויף די קאָנטראַ־באַסען און טרובעס, טהוט וואָס איהר ווילט, אָבער וואַגט נישט צו פערשפּאָטען אַ צווייטע פּערזאָן! איהר קענט נישט האָבען קיין דרך ארץ פאַר מענשען, טאָ לאָזט זיי אָם וועניגסטען צופריעדען, בעפרייט זיי פון אייער אויפמערקזאַמקייט!

— ערלויבט נור, וואָס מיינט דאָס אַלעס? — האָט געפרעגט אבאָגין און איז רויט געוואָרען.

— דאָס מיינט, אז עס איז נידעריג און געמיין צו שפּיעלען זיך מיט מענשען אויף אזא אופן! איך בין אַ דאָקטאָר, איהר אָבער האַלט די דאָקטוירים און די ארבייטער בכלל, פון וועלכע עס שמעקט נישט מיט פּאַרפּיום און פּראָסטיטוציאָן, פאַר אייערע לאַקעיען און קנעכט. נו מילא, דאָס בין איך אייך שוין מוחל, דאָס איז אייער מיי־נונג, אָבער קיינער האָט אייך נישט געגעבען קיין רעכט צו מאַכען פון אַ ליידענדען מענשען, אַ פּאַיאַץ, אַ קלאָון!

— ווי וואַגט איהר עס מיר צו זאָגען? — האָט אבאָגין געפרעגט שטיל און זיין פּנים האָט זיך ווידער גענומען בעוועגען, אָבער דאָס מאָל שוין פאר כעס.

— נו, ווי אַזוי האָט איהר, וויסענדיג, אז ביי מיר האָט געטראָ־פען אזא אונגליק, געוואַגט מיך צו ברענגען אַהער, אויסצוהערען אייערע פּאַסקודנע מעשות? — האָט אַ געשריי געטהאָן דער דאָקטאָר און ווידער אַ זעץ געטהאָן מיט'ן פויסט איבער'ן טיש: — ווער האָט אייך געגעבען דאָס רעכט אַזוי חוזק צו מאַכען פון פרעמדען וועהטאָג, פרעמדע יסורים?

— איהר זייט פון זינען אראָפּ? — האָט אַ געשריי געטהאָן אבאָגין — דאָס איז נישט ערעל! איך בין אליין זעהר, זעהר אונגליק־לאך און... און...

— אונגליקלאך — האָט מיט פעראכטונג אַ לאַך געטהאָן דער דאָקטאָר — טשעפּעט נישט דיזען וואָרט, ער האָט מיט אייך קיין שייכות נישט. אויסוואורפען, וועלכע קענען נישט קריעגען קיין געלד צו פערשווענדען, מיינען, אַז זיי זיינען אויך אונגליקלאך... דער אָקס, וועמען עס דריקט, ווייל ער איז צו פעט, איז אויך אונגליקלאך. נישטיגע, קליינליכע מענשען!

— מיין העהר, איהר פערגעסט זיך! — האָט אַ קוויטש געטהאָן אבאָגין — פאַר אַזעלכע רייד... קומט קלעפּ! איהר פערשטעהט?

אבאָגין איז שנעל אריינגעקראָכען מיט די הענד אין אַ זייטיגער קעשענע, האָט פון דאָרט ארויסגעשלעפּט אַ טאַשען־בוך און, דערלאַנגט צוויי פּאַפּירלאַך, האָט ער זיי אַ וואָרף געטהאָן אויפ׳ן טיש.

— אָט, האָט איהר פאַר אייער וויזיט! — האָט ער געזאָגט, בעוועגענדיג מיט די נאָזלעכער — איך בעצאָהל אייך!

— וואגט נישט מיר פאָרצושלאָגען געלד! — האָט אַ געשריי געטהאָן דער דאָקטאָר און אָראָבגעוואָרפען פון טיש אויפ׳ן פּאָל דאָס פּאַפּיר געלד: — פאַר אַ בעליידיגונג בעצאָהלט מען נישט מיט געלד!

אבאָגין און דער דאָקטאָר זיינען געשטאַנען איינער געגען אַנדערן, פּנים אל פּנים, און האָבען פאַר כעס געהאַלטען אין איין בעליידיגען איינער דעם אַנדערען. דאכט זיך, אַז אין פערלויף פון זייער גאַנץ לעבען, נישט אפילו בעת זיי האָבען פון היץ גערעדט, האָבען זיי גע־זאָגט אַזוי פיעל נארישעס, אונגערעכטעס, ווי אין דעם דאָזיגען מאָ־מענט. אין ביידען פון זיי האָט איצט גערעדט דער עגאָאיזמוס פון אונ־גליקליכע מענשען. אונגליקליכע זיינען עגאָאיסטיש, שלעכט, אונגע־רעכט, האַרט און נאָך וועניגער פון נאַראָנים פערשטעהן זיי איינער דעם צווייטען. דער אונגליק פעראייניגט נישט די מענשען, פאַרקעהרט, ער צורייסט זיי, און אפילו דאָרט, וואו עס דאכט זיך, אַז די מענשען דארפען זיין פעראייניגט דורך דעם, וואָס זיי האָט געטראָפען איין און דערזעלבער אונגליק, גראַד דאָרט ווערען אָבגעטהאָן מעהר אונ־

נערעכטיגקייטען אין גרויזאַמקייטען, ווי אין אַ געוועהנליכען קרייז פון צופריעדענע מענשען.

— בעמיהט זיך מיך אַבצושיקען אהיים! — האָט אַ געשריי געטהאָן דער דאָקטאָר, שטיקענדיג זיך פאַר כעס.

אַבאָגין האָט שארף אַ קלונג געטהאָן. ווען קיינער האָט זיך נישט געוויזען אויף זיין רוף, האָט ער נאָך אַ מאָל אָנגעקלונגען און בייז אַ שליידער געטהאָן דעם גלעקעל אויפ׳ן פאָל; דאָס גלעקעל האָט זיך הייזעריג אָנגעקלאַפּט אָן קאָווער און האָט ארויסגעלאָזט אַ רחמנות׳־דיגען, שוואַכען קרעכץ. עס איז אריין אַ לאַקעי.

— וואו האָט איהר זיך אַלע בעהאַלטען, דער טייפעל זאָל אייך נעהמען?! — האָט זיך דער בעל הבית אויף איהם ארויפגעוואָרפען, דריקענדיג די פויסטען: — וואו ביזטו נור וואָס געווען? געה און הייס דערלאַנגען דיעזען הערר׳ן אַ קאַרעטע פאַר מיר זאָל מען איינשפּאַנען די קאַרעטע! ווארט אויס! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן, ווען דער לאַקעי האָט זיך אַ קעהר געטהאָן, ארויסצוגעהן: — מאָרגען זאָל קיינער פון אייערע פעררעטהער נישט בלייבען אינ׳ם הויז! אייער פוס זאָל דאָ מעהר נישט זיין! ארויס מיט אייך אַלעמען! איך דינג נייע! אויסוואורפען!..

ווארטענדיג אויף די קאַרעטען, האָבען אַבאָגין און דער דאָקטאָר געשוויגען. צו דעם ערשטען האָבען זיך שוין צוריקגעקעהרט אי דער אויסדרוק פון זאַטקייט, אי די צאַרטע שעהנקייט. ער האָט געשפּרייזט איבער דעם גאַסט־צימער גראַציעז, געטרייסעלט מיט׳ן קאָפּ און, קענטיג, עפּעס געפּלאַנעוועט. זיין כעס איז נאָך נישט אָבגעגאַנגען, נור ער האָט זיך געסטאַרעט צו מאַכען אַ מינע, ווי ער בעמערקט נישט זיין שונא... דער דאָקטאָר אָבער איז געשטאַנען, האָט זיך געהאַל־טען מיט איין האַנד פאַר אַ ברעג פונ׳ם טיש און געקוקט אויף אַבאָ־גין׳ען מיט יענער עטוואָס ציניש׳ער און נישט שעהנער פעראַכטונג, מיט וועלכער עס קענען נור קוקען צרות און עלענד, ווען זיי זעהען פאַר זיך זאַטקייט און שעהנהייט.

ווען דער דאָקטאָר האָט אין אַ ווײַלע ארום זיך געזעצט אין קאַרעטע און איז אַוועקגעפאָהרען, האָבען זיינע אויגען נאָך אַלץ גע־קוקט מיט פעראַכטונג. עס איז געווען פינסטער, אַ סך פינסטערער, ווי מיט אַ שעה צוריק. די רויטע האַלבע לבנה איז שוין פערשוואונדען

הינטערען בערגעל און די וואָלקענס, וואָס האָבען זי, ווי שומרים געהיט, זיינען אצינד געלעגען ארום די שטערען, ווי דונקעלע פלעקען.

א קאַרעטע מיט רויטע פייערן האָט גענומען קלאַפּען איבער'ן וועג און האָט אריבערגעיאָגט דעם דאָקטאָר. דאָס איז אַבאָגין געפאָהרען פּראָטעסטירען, מאַכען נארישקייטען...

דעם גאַנצען וועג האָט דער דאָקטאָר נישט געטראַכט נישט וועגען זיין ווייב און נישט וועגען זיין זוהן אנדרעי, נור וועגען אַבאָגין'ען און די מענשען, וועלכע האָבען געלעבט אין דעם הויז, וואָס ער האָט נור וואָס פערלאָזט.

זיינע געדאנקען זיינען געוועזען אונגערעכט און אונמענשליך גרויזאַם. ער האָט בעשולדיגט אי אַבאָגין'ען, אי זיין ווייב, אי פּאַפּטשינסקין, אין אַלע איבעריגע, וועלכע לעבען אין א ראָזאָווער האַלב־דונקעלהייט און שמעקען מיט פּארפיום, און דעם גאַנצען וועג האָט ער זיי געהאסט און פעראַכטעט מיט זיין גאַנצען הארצען, מיט זיין גאַנצער נשמה... און אין זיין קאָפּ האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט א פעסטע איבערצייגונג וועגען די דאָזיגע מענשען.

עס וועט פערגעהן א צייט, עס וועט אויך פערגעהן קירילאָוו'ס שמערץ, נור די דאָזיגע איבערצייגונג, אַן אונגערעכטע און הערצלאָזע, וועט קיין מאָל נישט פערגעהן און וועט ביים דאָקטאָר אין מוח בלייבען ביז'ן קבר...

די דאמע מיט'ן הינטעל

מען האָט גערעדט, אז אויפ'ן ברעג האָט זיך בעוויזען א נייע פּערזאָן: א דאמע מיט א הינטעל. דמיטרי דמיטריטש גוראָוו, וועלכער האָט אָבגעוואוינט אין יאַלטע שוין צוויי וואָכען און האָט זיך צוגעוועהנט צו דעם היגען לעבען, האָט זיך אויך גענומען אינטערעסירען מיט נייע מענשען. זיצענדיג ביי ווערנע'ן אין פּאַווילִיאָן, האָט ער געזעהן, ווי איבער'ן ברעג איז פאַרביינעגאַנגען א יונגע דאמע, פון מיטעלען וואוקס, א בלאָנדע אין א ברייטען הוט; הינטער איהר איז נאָכגעלאָפען א ווייס הינטעל.

— אויב זי געפינט זיך דאָ אָהן א מאַן און בעקאַנטע האָט געטראַכט גוראָוו — דאַן וואָלט נישט שאַדען מיט איהר בעקאַנט צו ווערען.

ער איז נאָך נישט געווען קיין פערציג יאָהר אַלט און האָט שוין געהאַט א צוועלף־יאָהריגע טאָכטער און צוויי זיהן גימנאַזיסטען. מען האָט איהם חתונה געמאַכט זעהר פריה, ווען ער איז נאָך געווען א סטודענט פון'ם צווייטען קורס און אַצינד האָט זיין ווייב אויסגעזעהען צוויי מאָל אַזוי אַלט, ווי ער. זי איז געווען א הויכע פרוי, מיט דונקעלע ברעמען, א גלייכע, א שטאָלצע, א סאָלידע און, ווי זי אַליין האָט זיך גערופען, א דיינקענדע... זי האָט א סך געלעזען און זיך בעטראַכט פאַר א זעהר ענטוויקעלטער פרוי, ער אָבער האָט זי ביי זיך אין הארצען געהאַלטען פאַר א קליינער חכמנות, פאַר א ענגהערציגער, נעשמאַקלאָזע פּערזאָן, האָט פאַר איהר מורא געהאַט און נישט ליעב געהאַט צו זיין אין דער היים. אונטריי איז ער איהר געווען שוין פון לאַנג אָן, איז איהר אָפט פאַלש געווען און דערפאַר, הפנים, האָט ער וועגען פרויען געהאַט זעהר א שלעכטע מיינונג און, ווען מען האָט אין זיין געגענוואַרט וועגען זיי גערעדט, האָט ער זיך וועגען זיי אויסגעדריקט קורץ און שאַרף:

— א ניעדריגע ראַסע !

איהם האָט זיך געדוכט, אז ער איז שוין גענוג אָנגעלערענט פון דער ביטערער ערפאַהרונג, אום צו מעגען זיי אָנרופען מיט די ערגסטע נעמען, און דאָך האָט ער אָהן דער דאָזיגער „נידעריגער ראַסע" נישט געקענט אויסקומען קיין צוויי טעג אפילו. אין דער געזעלשאַפט פון מענער איז איהם געוועזען לאַנגוויילינ, האָט זיך דאָרט געפיהלט נישט גוט. מיט זיי איז ער געוועזען נישט ריידעוודיג, קאַלט, נור ווען ער האָט זיך געפונען צווישען פרויען, האָט ער זיך געפיהלט פריי, געוואוסט וועגען וואָס מיט זיי צו רעדען און ווי זיך צו האַלטען; און זאָגאַר שווייגען מיט זיי איז איהם אויך לייכט געווען. אין זיין אויסערליכקייט, כאראַקטער און אין זיין גאַנצער נאַטור איז געוועזען עטוואָס צו ציהענדעס, עטוואָס וואָס מען קען נישט כאַפּען מיט דער אויג, וואָס האָט אָבער ארויסגערופען ביי די פרויען סימפאַטיע און זיי געצויגען צו איהם ; ער האָט דערפון געוואוסט, און איהם אליין האָט אויך עפּעס א קראַפט געצויגען צו זיי.

די ערפאַהרונג, די אויף־אַן־אמת ביטערע ערפאַהרונג האָט איהם שוין לאַנג אויסגעלערענט, אז יעדער נאָהענטער פערקעהר מיט א פרוי, וועלכער מאַכט פון אָנהויב אזוי אנגענעהם און אינטערעסאַנט דאָס לעבען און וועלכער איז, דאַכט זיך, נישט מעהר ווי א ליעבער און לייכטער צופאַל, ווערט סוף כל סוף פאַר דעם אנשטענדיגען מענשען א שווערע משא, און בעזאָנדערס פאַר די מאָסקווער, וועלכער זיינען שווערע און אונענטשלאָסענע מענשען ,וואקסט דער דאָזיגער ליעבער און לייכטער צופאַל אוים אין זעהר א פערדרעהטער, שווערער פראַגע און די לאַגע ווערט צום סוף זעהר א ביטערע. נור דאָך, ביי יעדער נייער באַגעגעניש מיט א אינטערעסאַנטער פרוי, פלעגט די דאָזיגע ערפאַהרונג עפּעס אין גאַנצען פון קאָפּ זיך ארויסגליטשען. און עס האָט זיך געוואָלט לעבען און אַלעס האָט אויסגעוויזען אזוי איינפאַך און אנגענעהם.

דארף זיך טרעפען, אז איין מאָל אין אבענד האָט ער געגעסען אין גאָרטען, און די דאַמע אין דער ברייטער הוט איז נישט איילענדיג זיך צוגעקומען און זיך געזעצט ביי א צווייטען טיש. איהר אויסדרוק, דער גאַנג, דאָס קלייד, די פריזור און אַלעס אין איהר האָבען איהם דערצעהלט, אז זי קומט פון אַן אנשטענדיגער געזעלשאַפט, איז פער־

הייראַט, אַז אין יאַלטע איז זי צום ערשטען מאָל און אַז זי איז אַליין און איהר איז דאָ אומעטיג... אין די מעשות, וואָס ווערען דערצעהלט וועגען דער אויסגעלאַסענהייט פון די היגע איינוואוינער, איז דאָ אַ סך ליגען, זיי ווערען מעהרסטען טהיילס אויסגעטראַכט פון מענשען, וואָס וואָלטען אַליין גערן געזינדיגט, ווען זיי וואָלטען נור געקענט. נור דאַך, ווען די דאַמע האָט זיך געזעצט ביים צווייטען טישעל, דריי טריט פון איהם, האָט ער זיך דערמאָהנט אָן די מעשות וועגען די לייכטע זיגען, אָן די שפּאַציר־רייזען אין די בערג, און איהם האָט פּלוצים באַהערשט אַ פערפיהרערישער געדאַנק וועגען אַ שנעלער און קורצער פערהעלטניס, וועגען אַ ראָמאַן מיט אַ אונבעקאַנטער פרוי, וועגען וועמען דו ווייסט גאַרנישט, נישט אפילו איהר נאָמען און פאַמיליע.

ער האָט פריינדליך אַ רוף געטהאָן צו זיך דעם הינטעל און, ווען יענער איז צוגעגאַנגען, האָט ער איהם אַ סטראַשע געטהאָן מיט אַ פינגער. דער הינטעל, שפּיץ האָט מען איהם גערופען, האָט אַ בורטשע געטהאָן. גוראָוו האָט איהם ווידער אַ סטראַשע געטהאָן.

די דאַמע האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן און גלייך אַראָבגעלאָזען די אויגען.

— ער בייסט זיך נישט — האָט זי געזאָגט און איז רויט געוואָרען.

— קען מען איהם געבען אַ ביין? — און ווען יענע האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף יא, האָט ער העפליך געפרעגט: — איהר זייט שוין לאַנג אין יאַלטע?

— פינף טעג.

— און איך דערשלעפּ דאָ שוין די צווייטע וואָך.

אַ ווייל[ע] האָבעןביידע געשוויגען.

— די צייט לויפט שנעל, און פון דעסטוועגען איז דאָ אַזוי לאַנגווייליג! — האָט זי געזאָגט, נישט קוקענדיג אויף איהם.

— דאָס איז נור אָנגענומען צו זאָגען, אַז דאָ איז לאַנגווייליג. אַן איינוואוינער וואוינט זיך דאָרט וואו עס איז ביי זיך אין אַ קליין שטעדטעלע און איהם איז נישט לאַנגווייליג, און אַז ער קומט אַהער, איז באַלד: „אַך, ווי אומעדיג! אַך, וויפיעל שטויב!" קענסט מיינען, ער איז פון גרענאַדע אַהער אַרונטערגעקומען.

זי האָט זיך צולאַכט. דער נאָך האָבען זיי זיך צוריק גענומען צום עסען און געשוויגען, ווי אונבעקאַנטע מענשען. נור נאָך מיטאָג זיינען זיי אוועק צוזאַמען — און עס האָט זיך ביי זיי פערבונדען א קאָמישער, לייכטער געשפרעך, ווי ביי פרייע צופריעדענע מענשען, וועמען עס איז אַלץ איינס, וואו זיי זאָלען נישט געהן און וועגען וואָס זיי זאָלען נישט רעדען. זיי האָבען שפאַצירט און גערעדט דערפון, אַז דער ים איז בעלויכטען אויף א מערקווירדיגען אופן; דאָס וואסער איז געווען ווייך און ווארעם, פון א דונקעל בלויען קאָליר, און איבער איהם האָט זיך פון דער לבנה געצויגען א גאָלדענער פאַס. זיי האָבען גערעדט וועגען דעם, אַז עס איז זעהר שטיקענד נאָך אַזא הייסען טאָג.

גוראָוו האָט דערצעהלט, אַז ער איז א מאָסקווער, פון פראָפע־סיאָן א פילאָלאָג, נור ער דיענט אין א באַנק; אַמאָל האָט ער זיך פּאַר־בערייטעט צו זינגען אין א פריוואַט־אָפערע, האָט עס אָבער שפּעטער נעוואָרפען, אַז אין מאָסקווע האָט ער צוויי אייגענע הייזער... און פון איהר האָט ער זיך דערוואוסט: אַז אויסגעוואַקסען איז זי אין פּעט־טערבורג, נור געהייראַט האָט זי אין דער שטאָדט ס., וואו זי וואוינט שוין צוויי יאָהר, אַז אין יאַלטע וועט זי פערבלייבען נאָך א מאָנאַט און דערנאָך קען זיין וועט נאָך איהר קומען צו פאָהרען דער מאַן, וועלכער וויל זיך אויך אַביסעל אָברוהען. זי האָט פאַר קיין פאַל נישט געקענט ערקלעהרען אין וואָס פאַר א דעפּאַרטאַמענט איהר מאַן דיענט און דאָס איז איהר אַליין געווען העכסט קאָמיש. און גוראָוו האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז מען רופט זי אַננאַ סערגעיעוונאַ.

דערנאָך, צוריק קומענדיג צו זיך אין נומער, האָט ער געטראַכט וועגען איהר. און אַז מאָרגען וועט זי זיך מיט איהם אודאי ווידער טרעפען. אַזוי מוז עס זיין.

זיך שלאָפען געלייגט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זי איז נאָך גאָר נישט לאַנג געווען א אינסטיטוטקע, האָט זיך געלערנט פּונקט אַזוי ווי עס לערנט זיך איצט זיין טאָכטער, האָט זיך דערמאָנט ווי וועניג דרייסקייט און פרייהייט עס איז פאַראַן אין איהר געלעכטער, אין דעם אַרט און ווייזע פון איהר רעדען מיט א פרעמדען מאַן... קענטיג, אַז זי איז צום ערשטען מאָל אַליין אין אַזא אומגעבונג, ווען מען נעהט איהר נאָך, מען קוקט אויף איהר, רעדט מיט איהר מיט א

געוויסער געהיימער אבזיכט, וועגען וועלכער זי מוז זיך אָנשטויסען. ער האָט זיך דערמאָנט אָן איהר דינער, שוואַכער האַלז, די שעהנע, גרויע אויגען.

— דאָך איז אין איהר פּאַראַן עטוואָס רחמנות'דיגעס, האָט ער א טראַכט געטהאָן און איז איינגעשלאָפען.

2.

עס איז אוועק א וואָך נאָך זייער בעקאַנשאַפט. עס איז געווען א יום טוב'דיגער טאָג. אין די צימערען איז געווען שטיקענד היים און אויף די גאַסען האָט זיך, ווי א שטורם, געטראָגען דער שטויב און האָט אַראָבגעריסען די היטלען פון די קעפּ. דעם גאַנצען טאָג האָט זיך שטאַרק געוואָלט טרינקען, און גוראָוו איז אָפט אריינגעגאַנגען אין פּאַוויליאָן און פאָרגעשלאָגען אננא סערגעיעוונא'ן דאָ סאָדא וואַסער און דאָ געפראָרענעס. עס איז נישט געווען זיך וואו אהינצוטהאָן.

פאַרנאַכט, ווען עס איז אביסעל שטילער געוואָרען, זיינען זיי אוועק צום וואַסער זעהן, ווי דער דאַמפּפער וועט אָנקומען. אויפ'ן ברעג האָבען שפּאַצירט א סך מענשען; מען האָט זיך צוזאַמענגע־קליעבען עפּעס אימעצען צו באַגעגענען און אָנגעגרייט בוקעטען. און דאָ האָט זיך שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען צוויי בעזונדערע שטריכען פון דעם יאַלטער עולם: די עלטערע דאַמען זיינען געווען אָנ־געטהאָן, ווי יונגע, עס זיינען געווען א סך גענעראַלען.

צוליעב א שטורם אויפ'ן ים איז דער דאַמפּפער אָנגעקומען שפּעט, ווען די זונן איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען; און איידער ער איז צוגעקומען צום ברעג, האָט ער זיך א לאַנגע צייט אַרומגעדרעהט ווייט פונ'ם ברעג.

אננא סערגעיעוונא האָט געקוקט אויפ'ן דאַמפּפער און די פּאַס־סאַזשירען דורך א לאָרנעט, אַזוי ווי זי וואָלט דאָרט געזוכט בעקאַנטע, און ווען זי האָט זיך געווענדעט צו גוראָוו'ן, האָבען איהרע אויגען גע־בליסטשעט. זי האָט א סך גערעדט, איהרע פראַגען זיינען געווען אָבגע־

האקטע און זי אליין האָט גלייך פערגעסען, וואָס זי האָט געפרעגט; דערנאָך האָט זי צווישען עולם פערלאָרען איהר לאָרנעט.

דער אויסגעפּוצטער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, מען האָט שוין מעהר קיין פּנים'ער נישט געקענט זעהען, דער ווינד איז אין גאַנצען שטיל געוואָרען, אָבער גוראָוו און אננא סערגעיעוונא זיינען נאָך געשטאַנען און האָבען עפּעס ווי געוואַרט, טאָמער וועט נאָך עמעצער פון'ם דאמפּפער אראָפּ. אננא סערגעיעוונא האָט שוין איצט געשוויגען און געשמעקט די בלומען, נישט קוקענדיג אויף גוראָוו'ן.

— דאָס וועטער איז געוואָרען פיעל בעסער האָט ער געזאָגט — וואו־זשע וועלען מיר אצינד געהן? טאָמער וואָלטען מיר ערגעץ געפאָהרען?

זי האָט גאָרנישט געענטפערט.

דאן האָט ער זי אויפמערקזאַם בעטראַכט און פּלוצים זי אַרומגע־נומען און אַ קוש געטהאָן אויף די ליפּען... אויף איהם האָט אָן אָטהעם געטהאָן מיט דעם גערוך און פייכטקייט פון בלומען און גלייך האָט ער זיך צושראָקען אַרומגעקוקט: צו האָט עס קיינער נישט געזע־הען?

— קומט צו אייך... — האָט ער אַרויסגערעדט שטיל.

און ביידע זיינען שנעל אַוועק.

ביי איהר אין נומער איז געווען שטיקענד־הייס, עס האָט גע־שמעקט מיט פּאַרפּיום, וועלכע זי האָט געקויפט אין אַ יאַפּאַנעזישער קראָם. קוקענדיג אויף איהר, האָט גוראָוו געטראַכט: וואָס פאַר אַ מאָדנע באַגעגענישען עס טרעפען זיך אין לעבען! פון דער פערגאַנ־גענהייט איז ביי איהם פערבליעבען אַן ערינערונג אָן זאָרגלאָזע, גוט־מוטהיגע פרויען, פרעהליכע פון ליעבע, וועלכע זיינען איהם דאַנקבאַר געוועזען פאַר דעם כאָטש קורצען גליק, וואָס ער האָט זיי פערשאַפט... און וועגען אַזעלכע, ווי למשל, זיין ווייב, וועלכע ליעבען אָהן אויפריכ־טיגקייט, מיט צופיעל העויות און אַ סך רייד, ווי דאָס וואָלט נישט גע־ווען קיין ליעבע, קיין ליידענשאַפט, נור עטוואָס העכערעס און וויכ־טיגעס. ווייטער האָט ער זיך דערמאָנט אָן אַ צוויי־דריי פרויען זעהר שעהנע, קאַלטע, ביי וועמען עס פלעגט זיך פּלוצים בעווייזען אַ טהירי־שער אויסדרוק אויף'ן פּנים, אַן עקשנות'דיגער פערלאַנג צו נעהמען גליק, אַרויסצורייסען פון לעבען מעהר, ווי עס קען געבען... דאָס זיי־

נען געוועהנליך געוועזען נישט גאָר קיין יונגע, קאַפּריזנע, נישט אַרומגע־טראַכטע, הערשזיכטיגע און נאַרישע פרויען. און ווען גוראָוו איז צו זיי אָבגעקיהלט געוואָרען, האָט זייער שעהנהייט אין איהם אַרויסגע־רופען אַ האַס און די שפּיצען אויף זייערע וועש האָבען זיך איהם דאַן אויסגעוויזען עהנליך צו די שטעכענדיגע שופּען פון פיש.

דאָ האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געפיהלט די אונדרייסטקייט און אונענטשלאָסענהייט פון דער אונערפאַהרענער יוגענד; און דער אַלגע־מיינער איינדרוק איז געוועזען פון אונבעקוועמליכקייט און פערלאָרענ־קייט, אַזוי ווי עמיצער וואָלט פּלוצים אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַננאַ סערגעיעוונאַ, די „דאַמע מיט'ן הינטעל" האָט זיך פערהאַלטען צו דעם, וואָס האָט פּאַסירט עפּעס גאָר בעזונדער ערנסט. עס האָט אויס־געזעהען, אַז זי קוקט אַצינד אויף זיך, ווי אויף אַ געפאַלענער, און דאָס איז געוועזען עפּעס מערקווירדיג און נישט אַם פּלאַץ. איהרע געזיכטס־ציגע האָבען זיך אויסגעצויגען און זיינען פערוועלקט געוואָרען און איבער די זייטען פון פּנים האָבען אומעדיג אַראָבגעהאַנגען לאַנגע האָאָר, זי איז געזעסען פערטראַכט אין אַ אומעדיגער פּאָזע, ווי אַ זינדערין אויף אַן אַלטען בילד.

— נישט גוט — האָט זי געזאָגט — איהר אַליין וועט דאָך מיך דער ערשטער איצט מעהר נישט אַכטען.

אין די צימער אויפ'ן טיש איז געלעגען אַ קאַוואָנע. גוראָוו האָט זיך אָבגעשניטען אַ פּענעץ און גענומען לאַנגזאַם עסען. עס איז אַוועק אודאי אַ האַלב שעה אין שווייגען.

אַננאַ סערגעיעוונאַ איז געוועזען זעהר ריהרענד, פון איהר האָט געווייהעט מיט דער ריינקייט פון אַן אַנשטענדיגער, נאַאיווער, נאָך װעניג דורכגעלעבטער פרוי; אַן איינציג ליכט, וואָס האָט געברענט אויפ'ן טיש, האָט קוים בעלייכטעט איהר פּנים, נור עס איז קענטיג געוועזען, אַז איהר איז נישט גוט אויפ'ן הארצען.

— פאַרוואָס זאָל איך עפּעס דיך אויפהערען צו אַכטען? האָט געפרעגט גוראָוו — דו ווייסט אַליין נישט, וואָס דו רעדסט.

— זאָל מיך גאָט מוחל זיין! — האָט זי געזאָגט און איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרעהרען — דאָס איז שרעק־ליך!

— דו פערענטפערסט זיך עפּעס!

— מיט וואָס קען איך זיך פערענטפערען? איך בין א שלעכטע, נידעריגע פרוי, איך פעראכטע זיך אליין און וועגען פערענטפערען זיך טראכט איך אפילו נישט. נישט דעם מאַן האָב איך בעטראָגען, נור זיך אליין. און נישט אצינד אליין, נור שוין פון לאַנג אָן בעטריג איך זיך. מיין מאַן, קען זיין, איז אַן עהרליכער, א גוטער מענש, נור ער איז פאָרט א לאַקעי! איך ווייס נישט, וואָס ער טהוט דאָרט, וואו ער דיענט, איך ווייס נור איין זאַך, אז ער איז א לאַקעי. ווען איך האָב מיט איהם געהייראטה, בין איך אַלט געווען צוואַנציג יאָהר, מיך האָט געמאַטערט די נייגעריגקייט, עס האָט זיך מיר געוואָלט עפּעס בעסערעס; עס איז דאָך דאָ וואו עס איז אַן אַנדער לעבען — האָב איך געטראכט. און לעבען האָט זיך געוואָלט! אוי, לעבען, לעבען... די נייגעריגקייט האָט מיך געברענט... איהר קענט מיך נישט פערשטעהן, נור, איך שווער אייך ביי גאָט, אז איך האָב שוין ביי מיין מאַן נישט געקענט מעהר אויסהאַלטען, איך האָב זיך שוין מעהר נישט געקענט באהערשען, אין מיר איז פערגאַנגען עפּעס אזוינס, אז קיין זאַך האָט מיך נישט געקענט צוריק האַלטען, איך האָב געזאָגט מיין מאַן, אז איך בין קראַנק, און בין אוועק אהער... און דאָ בין איך אַלץ ארומגעגאַנגען, ווי אין א טשאַד, ווי א פערריקטע... און אָט בין איך געפאַלען... בין געוואָרען א שמוציגע, העסליכע פרוי, וועלכער יעדערער קען פעראכטען.

גוראָוו'ן האָט שוין דערעסען זי אויסצוהערען, איהם האָט צורייצט דער נאאיווער טאָן, דער דאָזיגער קלאַפּען זיך „אל חטא", וועלכער איז געקומען אזוי אונערוואַרטעט און האָט זיך אזוי נישט געפּאַסט... ווען נישט די טרערען אין איהרע אויגען, וואָלט מען געקענט מיינען, אז זי שפּאַסט אָדער זי שפּיעלט אַזאַ ראָלע.

— איך פערשטעה נישט — האָט ער געזאָגט שטיל — וואָס זשע ווילסטו?

זי האָט בעהאַלטען דאָס פּנים ביי איהם אויף דער ברוסט און זיך צו איהם צוגעדריקט.

— גלויבט, גלויבט מיר, איך בעט אייך... — האָט זי גערעדט — איך האָב ליעב אַן עהרליך, ריין לעבען, די זינד איז מיר פערהאַסט, איך ווייס אליין נישט, וואָס איך טהו. פּראָסטע מענשען זאָגען: דער

שר האָט פערפיהרט. איך קען איצט וועגען זיך אויך זאָגען, אז אַ נישט גוטער האָט מיך פערפיהרט.

— געגוג, געגוג... — האָט ער געשטאַמעלט.

ער האָט איהר אריינגעקוקט אין די אונבעוועגליכע, צושראָקענע אויגען, זי געקושט, האָט גערעדט שטיל און לאַסטשענדיג, און זי האָט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט, און די פרעהליכקייט האָט זיך צו איהר צוריקגעקעהרט; ביידע האָבען גענומען לאַכען.

דערנאָך, ווען זיי זיינען ארויס, איז אויפ'ן ברעג נישט געווען קיין לעבעדיגער מענש, די שטאָדט מיט די קיפּאַריסען האָט אויסגעזעהען גאָר טויט, נור דער ים האָט נאָך גערוישט און זיך געקלאַפּט אָן ברעג; אַ קליין שיפעל האָט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס און אויף איהם האָט פערשלאָפען געצאַנקט אַ קליין לאַמטערנדעל.

זיי האָבען געפונען אַן איזוואָזטשיק און זיינען אַוועקגעפאָהרען אין אָרעאַנדע.

— נור וואָס אונטען, אינ'ם פאָרצימער, האָב איך זיך דערוואוסט דיין פאַמיליען־נאָמען — האָט ער געזאָגט — אויף אַ ברעטעל שטעהט דאָרט אָנגעשריעבען פאָן־דידעריטץ. דיין מאַן איז אַ דייטש?

— ניין, זיין זיידע, דאַכט זיך, איז געווען אַ דייטש, ער אליין איז אַ פּראַוואָסלאַוונער.

אין אָרעאַנדע זיינען זיי געזעסען אויף אַ באַנק, נישט ווייט פון קלויסטער, האָבען געקוקט אונטען, אויפ'ן ים און גשוויגען. דורך דעם אין־דער־פריהעדיגען טומאַן האָט מען קוים געקענט זעהען די שטאָדט, אויף די שפּיצען בערג זיינען אונבעוועגליך געהאַנגען ווייסע וואָלקענס. די צווייגען און בלעטער אויף די בוימער האָבען זיך נישט געריהרט און דער איינטאָניגער, הייזעריגער גערויש פון ים, וועלכער האָט זיך געטראָגען פון אונטען, האָט גערעדט וועגען רוהע, וועגען אייביגען שלאָף, וואָס ערוואַרטעט אונז. אָט אַזוי האָט דאָ אונטען גערוישט, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין יאַלטע, נישט קיין אָרעאַנדע, אַזוי רוישט עס אַצינד און עס וועט רוישען פּונקט אַזוי גלייכגילטיג און הייזעריג, ווען מיר וועלען שוין אויף דער וועלט נישט זיין. און אין דער דאָזיגער בעשטענדיגקייט, אין דער גלייכגילטיגקייט צו דעם לעבען און טויט פון יעדען איינציגען פון אונז ליגט פערבאָרגען דער שליסעל פון אונזער אייביגער רעטונג, פון דער אונאויפ־

הערליכער בעוועגונג פון דעם לעבען אויף דער ערד און דער אייביגער ענטוויקלונג צו דער פאָלקאָמענהייט.

זיצענדיג נעבען א יונגער פרוי, וועלכע האָט אין דעם פריה־מאָרגענדיגען שיין, אויסגעזעהען אזוי שעהן, א בערוהיגטער און פער'־כישופ'טער פון דער וואונדערבארער אומגעבונג. דעם ים, די בערג, די וואָלקענס, דעם גרענצלאָזען הימעל, האָט גוראָוו געטראַכט וועגען דעם ווי שעהן עס איז אַלץ אויף דיזער וועלט, אַלץ, אויסער דעם, וואָס מיר אליין טראַכטען און טהוען, ווען מיר פערגעסען וועגען די העכערע ציעלען פון דעם דאַזיין, און וועגען אונזער מענשליכער ווירדע.

עס איז צוגעקומען עפּעס א מענש — א וועכטער מסתמא — האָט אויף זיי א קוק געטהאָן און איז אוועק. און די דאָזיגע קלייניג־קייט האָט זיך זיי אויסגעוויזען אזוי געהיימניספול און אזוי שעהן. עס האָט זיך געזעהען, ווי א דאַמפּפער איז אָנגעקומען פון פעאָדאָסיאַ, א בעלויכטענער פון'ם מאָרגענשטערען, שוין אָהן פייערען.

— דער טהוי לעגט זיך אויפ'ם גראָז — האָט געזאָגט אננא סער־געיעוונא, נאָך א לאַנגען שווייגען.

— יאָ. עס איז צייט אהיים.

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט אין שטאָדט אריין.

און נאָכדעם האָבען זיי זיך יעדען נאָכמיטאָג געטראָפען אויפ'ן ברעג, האָבען צוזאמען געגעסען, געשפּאַצירט און זיך בעגייסטערט פאר דעם ים. זי האָט זיך בעקלאָגט, אז זי שלאָפט שלעכט, אז דאָס הארץ איהרס קלאַפּט אונרוהיג, און, געפּייניגט דאָ פון מורא, דאָ פון אייפערזוכט און דאָ פון דעם געדאנק, אז ער אַכטעט זי נישט גענוג, האָט זי איהם געשטעלט אימער איין און די זעלבע פראַגען. און אָפט אויפ'ן סקווער אָדער אינ'ם גאָרטען, ווען קיינער איז נישט געווען אַרום, פלעגט ער זי פּלוצים צוציהען און זי קושען היים, לײדענשאַפט־ליך. דאָס דאָזיגע לעדיג געהעריי, די קושען אין מיטען העלען טאָג, מיט דעם אַרומקוקען זיך און דער מורא, עמיצער זאָל זיי נישט דער־זעהען, די היץ, דער גערוך פונ'ם ים און דאָס שטענדיגע שמאַיען פאַר די אויגען פון לעדיגע, אויסגעפּוצטע, זאַטע מענשען, האָבען איהם עפּעס גאָר איבערגעמאַכט און ער האָט גערעדט צו אַננאַ סערגעיעוונאַ וועגען דעם, ווי שעהן, ווי רייצענדיג זי איז... ער איז געווען אונגע־דולדיג לײדענשאַפטליך, איז פון איהר נישט אָבגעטראָטען אויף איין

טריט און זי האָט זיך אָפּט פערטראַכט און אלץ געבעטען, ער זאָל זיך מודה זיין, אז ער רעספּעקטירט זי נישט, האָט זי נישט ליעב און זעהט אין איהר נור א פערדאָרבענע פרוי.

כמעט יעדען אבענד, ווען עס איז שפּעט געוואָרען, זיינען זיי ארויסגעפאָהרען ערגעץ־וואו הינטער דער שטאָדט, אין אָרעאַנדע, אָדער צום וואסער־פאַל; און דער שפּאַציר האָט זיך יעדעס מאָל איינגעגע־בען. פון די דאָזיגע שפּאַצירען האבען זיי אימער ארויסגעטראָגען זעהר שעהנע און שטארקע איינדריקע.

זיי האָבען געוואַרט, אז איהר מאַן זאָל קומען. נור פון איהם איז אָנגעקומען א בריעף, אין וועלכען ער האָט איהר מדיעה געווען, אז די אויגען זיינען ביי איהם זעהר קראַנק געוואָרען, און ער האָט זיך געבעטען ביי דער ווייב זי זאָל וואָס גיכער קומען אהיים. אננא סער־געיעוונא האָט זיך גענומען איילען.

— עס איז גוט, וואָס איך פאָהר אוועק — האָט זי געזאָגט צו גוראָוו'ן — דאָס איז א פינגער פון שיקזאַל.

זי איז אוועקגעפאָהרען אויף פערד און ער האָט זי בעגלייט. זיי זיינען געפאָהרען א גאַנצען טאָג. ווען זי האָט זיך אריינגעזעצט אין א וואַגאָן פון א שנעל־צוג און ווען עס האָט זיך דערהערט דער צווייטער קלונג, האָט זי געזאָגט:

— לאָזט מיר אייך נאָך אמאָל אָנקוקען... אָנקוקען גוט, צום לעצטען מאָל. אָט אזוי.

זי האָט נישט געוויינט, נור איז געווען אומעדיג, אזוי ווי קראַנק, און דאָס פּנים איהרס האָט געציטערט.

— איך וועל וועגען אייך טראַכטען... וועל אָלעם גערענקען...

— האָט זי גערעדט — און איהר בלייבט דאָ, זאָל אייך גאָט העלפען. נישט דערמאָנט מיך צום שלעכטען. מיר זעגענען זיך אַצינד אויף אי־מער, אזוי דאַרף, אזוי מוז עס זיין, ווייל מיר האָבען זיך גאָר פון אָנ־הויב אָן נישט געדאַרפט טרעפען. נו, זייט געזונד.

דער צוג איז שנעל אוועק, זיינע פייערן זיינען שנעל פערשוואונ־דען און אין א מינוט אָרום האָט זיך שוין נישט געהערט קיין גערויש, אזוי ווי אָלעם וואָלט זיך אומיסטנע צוזאַמענגערעדט וואָס גיכער צו צערשטערען דעם זיסען טרוים.

און בלייבענדיג אליין אויף דער פּלאַטפאָרמע און קוקענדיג אין

דער פינסטערער ווייטקייט, האָט גוראָוו געהערט דעם געשריי. פון די זומער־פייגעל און דעם הוזשען פון די טעלעגראַף דראָטען מיט אַזאַ גע־פיהל, ווי ער וואָלט זיך נור וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף. און ער האָט געטראַכט דערפון, אַז אָט איז אין זיין לעבען ווידער געווען אַ פּאַסי־רונג, נאָך איין צופעליגע באַגעגעניש און אצינד האָט עס זיך געענדיגט און עס איז נור פערבליבען אַן עראינערונג... ער איז געווען געריהרט, אומעטיג און האָט געפיהלט אַ לייכטע חרטה; די דאָזיגע יונגע פרוי, מיט וועלכען ער וועט זיך שוין מעהר קיין מאָל נישט טרעפען, איז דאָך מיט איהם נישט געווען גליקליך; ער איז געווען העפליך צו איהר, האָט זי בעהאַנדעלט מיט וואַרעמקייט, נור דאָך האָט זיך אין זיין טאָן געפיהלט אַ לייכטער שפּאָט, דער פערגרעבטער שטאָלץ און זי־בערקייט פון דעם גליקליכען מאַן, וועלכען איז נאָך דערצו צוויי מאָל אַזוי אַלט, ווי זי. די גאַנצע צייט האָט זי געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ גוטען, ערהאַבענעם, אונגעוועהנליכען מענשען; וואַהרשיינליך האָט ער זיך איהר אויסגעוויזען נישט אַזוי ווי ער איז געווען אין דער ווירקליכקייט, הייסט עס, אַז נישט ווילענדיג האָט ער זי גענאַרט...

דאָ אויף דער סטאַנציאָן האָט שוין געשמעקט מיט יעסען, דער אַבענד איז געווען אַ קיהלער.

— מיר איז שוין אויך צייט אַהיים, אין די קאַלטע מקומות — האָט געטראַכט גוראָוו, אוועקגעהענדיג פון פּלאַטפאָרמע: — שוין צייט!

3.

אין דער היים, אין מאָסקווע איז שוין אַלץ געווען ווינטערדיג, מען האָט געהייצט די אויוועגס, און אין דער פריה, ווען די קינדער האָבען זיך געקליבען אין גימנאַזיום, איז אין הויז געווען פינסטער און די ניאַנע האָט אויף אַ ווייל אָנגעצונדען פייער. עס האָבען זיך שוין אָנגעהויבען די פרעסט. ווען עס פאַלט ארוים דער ערשטער שנעע און מען פאָהרט צום ערשטען מאָל אויף אַ שליטעל איז אַנגענעהם צו זעהן די ווייסע ערד, די ווייסע דעכער, עס אָטהעמט זיך לייכט און

פריי און אין דער דאָזיגער צייט דערמאָנט מען זיך אָן די יונגע יאָה־רען. די אַלטע ליפּעס און בירקענ־בוימער, ווייסע פון שנעע, קריעגען עפּעס אַ בעזונדער גוטמוטהיג אויסזעהען, זיי ווערען מעהר נאָהענט צום האַרצען, ווי די קיפּאַריסען און פּאַלמען און נעבען זיי ווילט זיך שוין מעהר נישט טראַכטען וועגען די בערג און ים.

גוראָוו איז געווען אַ מאָסקווער, צוריק געקעהרט האָט ער זיך אין מאָסקווע אין אַ שעהנעם, קאַלטען טאָג און, ווען ער האָט אָנגעטהאָן דעם פּוטער און וואַרימע האַנדשוה און איז זיך דורכ־געגאַנגען איבער פּעטראָווקע, און ווען ער האָט שבת ביינאַכט דער־הערט דאָס קלינגען פון די גלאָקען, דאַן האָט די רייזע, וועלכע ער האָט נישט לאַנג צוריק געמאַכט אין די אַלע שעהנע פּלעצער, וואָס ער האָט געזעהען, פּערלאָרען ביי איהם יעדע בעדייטונג, יעדע רייץ. ביסלאַכ־ווייז האָט ער זיך אריינגעוואָרפען אין מאָסקווער לעבען, האָט מיט גרוים חשק געלעזען דריי צייטונגען אַ טאָג און האָט געזאָגט, אַז ער לעזט נישט די מאָסקווער צייטונגען אויס פּרינציפּ.

איהם האָט שוין ווידער געצויגען אין די רעסטאָראַנען, קלובען, אויף אונטערהאַלטונגען און יובילעען, און איהם האָט הנאה געטהאָן, וואָס צו איהם קומען בעריהמטע אַדוואָקאַטען און קינסטלער און וואָס אין דאָקטאָרשען קלוב שפּיעלט ער אין קאָרטען מיט דעם פּראָפעסאָר. אַצינד האָט ער שוין ווידער געקענט אויפעסען אַ גאַנצע פּאָרציאָן הערינג פון סקוואָוואָראָדע ארויס . . .

עס וועט אַוועק אַ מאָנאַט צייט און אַננאַ סערגעיעוונאַ, האָט זיך איהם געדאַכט, וועט אין זיין געדעכעניש זיך פערציהען מיט אַ נעבעל און וועט זיך איהם נור צייטענווייז חלום'ען מיט אַ ריהרענדען שמייכעל אויף די ליפּען, ווי עס האָבען זיך איהם גע'חלום'ט די אַנדערע. עס איז אָבער אַוועק מעהר ווי אַ מאָנאַט, עס איז אָנגעקומען דער מיטען ווינטער, און אין זיין געדעכעניש האָט זי נאָך אַלעס געלעבט אַזוי קלאָר אַקוראַט ווי ער וואָלט ערשט נעכטען זיך געזעגענט מיט איהר. און וואָס ווייטער האָבען זיך די עראינערונגען צוברענט אַלץ שטאַרקער. צו האָבען זיך דערטראָגען אין זיין קאַבינעט אין דער ביינאַכטיגער שטילקייט די שטימען פון די קינדער, וועלכע האָבען זייערע לעקציאָנען געמאַכט, צו ער האָט אַ ראָמאַנס געהערט, צו אין רעסטאָ־

ראָן האָט אַ אָרגאַן געשפּיעלט, אָדער אין קאַמין האָט דער שטורם געפּייפט, — אַלעס האָט אין זיין געדעכעניש געוועקט איהר בילד און די אַלע סצענען, וואָס ער האָט דורכגעלעבט מיט איהר: אי דאָס, וואָס איז געווען אויפ'ן ברעג, אי די פריהמאָרגענס מיט'ן טומאַן אויף די בערג, אי דעם דאַמפּפער פון פעאָדאָסיא, אי די קושען... ער איז אַ צייט לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער זיך אָן אַלעס, אַלעס דער־מאָנט, געשמייכעלט און דערנאָך זיינען זיינע ערשיינונגען איבער־געגאַנגען אין חלומות, און די פערגאַנגענהייט האָט זיך אין זיין פאַנ־טאַזיע צונויפגעמישט מיט דער צוקונפט. אננאַ סערגעיעוונאַ האָט זיך איהם נישט גע'חלום'ט, זי איז איהם אָבער אומעדום נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שטן, און האָט איהם נאָכגעשפּירט. ווי ער האָט נור צוגעמאַכט די אויגען, האָט ער זי גלייך געזעהען, ווי אַ לעבעדיגע, און זי האָט אויסגעוויזען שעהנער, צאַרטער, איינגער, ווי זי איז געווען; און ער אליין האָט זיך אויך אויסגעוויזען בעסער, ווי דאַן אין יאַלטע. אין די אָבענדען האָט זי אויף איהם געקוקט פון דער ביכער־שאַפען פונ'ם קאַמין, פון ווינקלען, ער האָט געהערט איהר אָטהעם, דעם לאַסטשענ־דיגען גערויש פון איהר קלייד. אין גאַס האָט ער נאָכגעקוקט די פרויען, האָט געזוכט, צו איז נישטאָ אַזאַ, וואָס איז ענליך צו איהר...

און עס האָט איהם שוין אַצינד געמאַטערט אַ שטאַרקער פערלאַנג, זיך מיט אימעצען צו טהיילען מיט זיינע ערשיינונגען. אָבער אין דער היים האָט מען נישט געטאָרט ריידען וועגען זיין ליעבע, און אויסער דער היים — איז נישט געווען מיט וועמען. ער וועט דאָך נישט געהן רעדען מיט זיינע קוואַרטיראַנטען אָדער אין באַנק מיט זיינע מיטאַר־בייטער. און וועגען וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדען? האָט ער דען דאַן געליעבט? איז דען געווען עטוואָס שעהנעס, פּאָעטישעס, בעלעה־רענדעס, אָדער כאָטש אינטערעסאַנטעס אין זיין פערהעלטניש מיט אננאַ סערגעיעוונאַ? און ער האָט זיך געמוזט בענוגענען דערמיט, וואָס ער האָט גערעדט אונבעשטימט וועגען ליעבע און פרויען בכלל, און קיינער האָט זיך נישט אָנגעשטויסען, וואָס דאָ טהוט זיך, וואָס אייגענטליך ער וויל ארויסברייגגען פון הארצען, און נור זיין ווייב האָט בעוועגט מיט איהרע דונקעלע ברעמען און געזאָגט:

— צו דיר, דמיטרי, פּאַסט זיך נישט די ראָלע פון אַ פאַט.

איין מאָל ביינאַכט, ארויסגעהענדיג פון דאָקטאָרשען קלוב מיט

זיין פארטנער, א בעאמטען, האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטען און געזאגט:

— ווען איהר זאלט וויסען מיט וואס פאר א רייצענדער פרוי איך האב זיך בעקענט אין יאלטע!

דער בעאמטער האט זיך געזעצט אין שליטען און איז אוועקגע־פאהרען, נור פלוצים האט ער זיך אומגעקעהרט אין א געשריי גע־טהאן:

— דמיטרי דימיטריטש!

— וואס איז?

— אנומעלט זייט איהר טאקע געווען גערעכט: דער שטער איז ווירקליך זעהר א געשמאקער פיש!

די דאזיגע ווערטער, אזעלכע געוועהנליכע, האבען עפעס פלוצים אויפגעבראכט גוראוו'ן, האבען זיך איהם אויסגעוויזען ערנידעריגענד אונריין. וואס פאר א ווילדע געוועהנהייטען, וואס פאר א מענשען! וואס פאר א אונזיניגע נעכט, וואס פאר אונאינטערעסאנטע, גרויע טעג! א צוהיצטעם קארטען־שפיעל, א פרעסען און שיכור'ן און שטענ־דיגע געשפרעכען וועגען איין און די זעלבע זאך. אונוויכטיגע געשעפ־טען און פוסטע רייד נעהמען אוועק דעם גרעסטען טהייל פון אונזער צייט, אונזערע בעסטע קרעפטען, און סוף־כל־סוף בלייבט עפעס אן אבגעפליקטעס, א זינלאזעס לעבען, עפעס א מין נארישע פוסטקייט... און אוועק, אנטלויפען קען מען נישט, ווי מען וואלט פערשפארט גע־ווען אין א משוגעים הויז אדער אין א געפענגניס.

גוראוו האט נישט געשלאפען די גאנצע נאכט, איז געווען ענט־ריסטעט, אויפגעבראכט און דעם גאנצען טאג אויף מארגען איז ער ארומגעגאנגען מיט א קאפ־וועהטאג. און אין די פאלגענדע נעכט האט ער אויך שלעכט געשלאפען, איז אלץ געזעסען אין בעט און געטראכט, אדער איז ארומגעגאנגען פון איין ווינקעל אין אנדערען. די קינדער האבען איהם דערעסען, די באנק איז איהם מיאוס געווארען, עס האט זיך אין ערגעץ נישט געוואלט געהן און וועגען קיין זאך נישט רע־דען.

אין דעצעמבער אויף די יום טובים האט ער זיך אויסגעקליעבען אין וועג און געזאגט דער ווייב, אז ער פאהרט קיין פעטערסבורג, בעזארגען א געוויסען יונגען מאן — און איז אוועק קיין ס. צו־וואס?

ער האָט אליין אויך אויף קלאָהר נישט געוואוסט. איהם האָט זיך גע־וואָלט זעהען מיט אננא סערגעיעווגא'ן, דורכריידען זיך, און באַשטע־לען אַ צוזאַמענטרעפען, אויב נור מעגליך.

געקומען איז ער אין ס. אין דער פריה און האָט פערנומען דעם בעסטען צימער אין גאַסט־הויז. אין דעם דאָזיגען צימער איז דער פאָל געווען בעשלאָגען מיט גרויען סאָלדאַטסקען געוואנט און אויף דעם טיש איז געשטאַנען אַ טינטער, אַ גרויער פון שטויב, מיט אַ רייי־טער אויף אַ פערד, ביי וועלכען עס איז געווען אויפגעהויבען איין האַנד מיט אַ הוט, און דער קאָפּ איז געווען אָבגעבראָכען. דער שווייצאַר האָט איהם געגעבען די נויטיגע אויסקינפטע: פאָן דידעריטץ וואָהנט אויף דער אַלטער גאָנטשאַראָווער גאַס, אין אַ אייגען הויז נישט ווייט פון גאַסט הויז. ער לעבט זיך שעהן, רייך, האָט זיינע אייגענע פערד, אַלע אין שטאָדט קענען איהם. דער שווייצאַר האָט אויסגערעדט דעם נאָמען אזוי: דרידריץ.

גוראָוו איז נישט איילענדיג זיך אוועק אויף דער אַלט־גאָנטשאַ־ראָווער גאַס און אויסגעפונען דאַס הויז. פּונקט אַנטקעגען הויז האָט זיך געצויגען אַ פּאַרקאַן, אַ גרויער, אַ לאַנגער מיט טשוועקעס פון אוי־בען.

„פון אזא מין פּאַרקאַן וועסטו שוין נישט אַנטלויפען" — האָט געטראַכט גוראָוו, קוקענדיג דאָ אויף די פענסטער, דאָ אויף דעם פּאַרקאַן.

ער האָט ארומגעטראַכט: — היינט איז אין דעפּאַרטאַמענט נישטאָ קיין זיצונג און דער מאַן איז אודאי, אין דערהיים. און עס וואָלט סיי־ווי־סיי נישט געהאַט קיין זינן אריינצוקומען אין הויז און איהר אַוועקשטעלען אין אַן אונאַנגענעהמער לאַגע. אויב ער זאָל שיקען אַ צעטעלע, קען עס נאָך אריינפאַלען צום מאַן אין די הענד און אי־בערפּיהרען דעם גאַנצען עסק. בעסער פון אַלץ איז זיך צו פערלאָזען אויף אַ צופאַל.

און ער איז אַלץ געגאַנגען איבער דער גאַס און ארום פּאַרקאַן און אָבגעוואַרט דעם דאָזיגען צופאַל. ער האָט געזעהען, ווי אַן אָרימאַן איז אריין אין די טויערען און איהם זיינען בעפאַלען די הינד... דערנאָך, אין אַ שעה ארום, האָט ער געהערט שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ, און די טענער, וואָס האָבען זיך צו איהם דערטראָגען, זיינען געווען

שוואכע, נישט קלאָהרע. דאָס האָט, וואהרשיינליך, אננא סערגעיעווגאַ געשפּיעלט.

די פּראָנט־טהיר האָט זיך פּלוצים געעפענט, פון איהר איז ארויס עפּעס אָן אַלטעטשקע און הינטער איהר איז געלאָפען דאָס בעקאַנט, ווייס הינטעל, שפּיץ. גוראָוו האָט געוואָלט אַ רוף טהאָן דאָס הינטעל, אָבער דאָס הארץ זיינס האָט פּלוצים גענומען קלאפּען אַזוי שטאַרק, און פאר אויפרעגונג האָט ער זיך נישט געקענט דערמאָנען ווי מען רופט שפּיצען.

ער איז געגאַנגען און אַלץ מעהר און מעהר געהאַסט דעם גרויען פּאַרקאַן, און אַ צורייצטער, האָט ער שוין געטראַכט, אַז אננא סער־געיעווגאַ האָט שוין אָן איהם מסתמא פערגעסען און, עס קען זיין, אַז זי לעבט איצט אַ טאָג מיט אַן אַנדערען. און דאָס איז זעהר נאַטיר־ליך פאַר אַ יונגער פרוי, וועלכע איז געצוואונגען פון פריה ביז נאַכט צו זעהען פאַר די אויגען דעם דאָזיגען פערפלוכטען פּאַרקאַן.

ער האָט זיך אומגעקעהרט צו זיך אין נומער און לאַנג געזעסען אויף דער זאָפע, נישט וויסענדיג וואָס צו טהאָן, דערנאָך האָט ער גע־געסען מיטאָג, דערנאָך לאַנג געשלאָפען.

— ווי נאַריש און אונרוהיג דאָס איז אַלעס — האָט ער געטראַכט, זיך אויפכאַפּענדיג און קוקענדיג אויף די דונקעלע פענסטער... אָט האָב איך זיך צוליעב עפּעס אויסגעשלאָפען. וואָס־זשע וועל איך אַצינד טהאָן ביינאַכט?

ער איז געזעסען אויף דער בעט, צוגעדעקט מיט אַ ביליגער, גרוי־ער, ווי פון אַ שפּיטאָל, קאָלדרע, און האָט מיט כעס זיך אַליין געררייצט:

— אָט האָסטו דיר אַ דאַמע מיט אַ הינטעל... אָט איז דיר אַ אינטערעסאַנטע באַגעגעניש... זיץ אַצינד דאָ און וואַרט.

נאָך אין דער פריה, אויף דעם וואָקזאַל, האָט זיך איהם אין די אויגען געוואָרפען אַן אפישע מיט גרויסען בוכשטאַמען: „עס ווערט אויפגעפיהרט צום ערשטען מאָל „געישאַ״ ער האָט זיך אָן דעם דער־מאָנט און איז אוועק אין טהעאַטער.

— זעהר מעגליך, אַז זי איז אָנוועזענד אויף די ערשטע פאָר־שטעלונגען — האָט ער געטראַכט.

דאָס טהעאַטער איז געווען פול. און דאָ, ווי אין כמעט אַלע קלע־

נערע טהעאַטערס, איז געווען אַ טומאַן ביז צום סופיט, עס האָט אונרוהיג זיך געטומעלט די גאַליאָרקע; אין דער ערשטער רייהע זייי נען, פאַר דעם אָנפאַנג פון דער פאָרשטעלונג, געשטאַנען די אָרטיגע פּראַנטען, מיט די הענד פערלעגט אויף הינטען; און דאָ, אין דעם גובערנאַטאָרס לאָזשע, איז אויף דעם ערשטען פּלאַץ געזעסען דעם גובערנאַטאָר'ס טאָכטער אין אַ בוא און דער גובערנאַטאָר אליין האָט זיך בעהאַלטען הינטער די פּאָרטיערען און עס האָבען זיך נור געזעהען זיינע הענד. דער פאָרהאַנג איבער דער ביהנע האָט זיך געוויגט, דער אָרקעסטער האָט זיך לאַנג, לאַנג געטסטראָיעט. די גאַנצע צייט איז גע־גאַנגען דאָס פּובליקום און זיך אויסגעזעצט אויף די פּלעצער. מיט הונגעריגע אויגען האָט גוראָוו געקוקט אויף דעם עולם און געזוכט...

עס איז אויך אריינגעקומען אַננאַ סערגעיעוונאַ. זי האָט זיך געזעצט אין דער דריטער רייהע, און ווען גוראָוו האָט אויף איהר אַ קוק געטהאָן, האָט איהם דאָס הארץ פּאַרקוועטשט, און ער האָט קלאָהר בעגריפען, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז אַצינד נישטאָ אַ מענש, וואָס זאָל איהם זיין נעהענטער, טהייערער און וויכטיגער פון איהר. זי, וועלכע האָט זיך פערלאָרען צווישען דעם קליין שטעדטעלדיגען עולם, די דאָזיגע קליינינקע, גאַנץ אונוויכטיגע פרוי מיט דער וואולגאַ־רער לאָרנעטקע אין די הענד, האָט אַצינד אָנגעפילט זיין גאַנץ לעבען, איז געווען זיין פרייד און זיין לייד, דאָס איינציגע גליק, אויף וועלכע ער האָט אַצינד געהאָפּט. און אונטער די קלאַנגען פון דעם שלעכטען אָרקעסטער, דעם אומגעלומפּערטען ריפּען פון פידלען, האָט ער גע־טראַכט דערפון, ווי שעהן זי איז. האָט געטראַכט און געטרוימט.

צוזאַמען מיט אַננאַ סערגעיעוונאַ איז אריין אַ יונגער מאַן, זעהר אַ הויכער, אַביסעל אַן איינגעבויגטער, מיט קליינע באַקען־באָרדען און זיך געזעצט נעבען איהר. ער האָט צו יעדער טריט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און, עס האָט זיך געדאכט, אַז ער האַלט זיך אין איין פערנייגען. דאָס איז, וואהרשיינליך, געווען דער מאַן, וועמען זי האָט אין יאַלטע, אין אַ פערביטערטער מינוט אָנגערופען לאַקעי. און, ווירקליך, אין זיין לאַנגער פיגור, אין די באַקען־באָרדען, און דעם קליינעם פּליך אויפ'ן קאָפּ איז געווען עטוואָס בעשיידענעס לאַקעיאישעס. ער האָט געשמיי־כעלט זיס, און זיין קנאָפּ־לאָך האָט געבליסטשעט עפּעס אַ וויסענ־שאַפטליכער צייכען, ווי אַ לאַקעיאישער נומער.

אין דעם ערשטען אַנטראַקט איז דער מאַן אװעק רױכערען, זי איז געבליעבען אויף איהר אָרט. גוראָװ, װעלכער איז אויך געזעסען אין פּאַרטער, איז צוגעגאַנגען צו איהר און מיט אַ ציטערענדען קול, שמייכלענדיג געצװאונגען, האָט ער געזאָגט:

— װאָס מאַכט איהר.

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און איז בלייך געװאָרען, דערנאָך האָט זי נאָך אַמאָל אַ קוק געטהאָן מיט שרעק, נישט גלױ־בענדיג איהרע אויגען און האָט שטאַרק צוזאַמענגעדריקט דעם פעכער און די לאָרנעטקע אין איהרע הענד, עס איז קענטיג געװען, אַז זי קעמפּפט מיט זיך, זי זאָל נישט חלש'ען.

ביידע האָבען געשװיעגען. זי איז געזעסען, ער איז געשטאַ־נען אַ דערשראָקענער פון איהר אױפרעגונג און זיך נישט געװאַגט צו זעצען נעבען איהר.

— נור אָט האָבען גענומען שפּיעלען די פליטען, ריפּען די פיד־לען, עס איז פּלוצים געװאָרען מורא'דיג און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקען אויף זיי.

זי איז אױפגעשטאַנען, איז שנעל אַװעק צום ארױסגאַנג; ער— נאָך איהר, און ביידע זיינען געגאַנגען אָהן טאָלק איבער קאַרידאָרען, איבער די טרעפּ, דאָ זיך אױפהױבענדיג און דאָ זיך אַראָבלאָזענדיג... און פאַר זייערע אויגען האָבען געשװעבט פערשיעדענע מענשען אָנגע־טהאָן אַלס ריכטער, לעהרער און מיליטאַריסטען, און זיי אַלע האָבען געטראָגען עפּעס אַזעלכע צייכענס, װי מעדאַליען. עס האָבען זיך פערבייגעטראָגען דאַמען, פוטערס אויף הייגערס, עס האָט געבלאָזען אַ צוג־װינד, אָנפילענדיג די לופט מיט דעם אָבפאַל פון סיגאַרען און פּאַפּיראָסען. און גוראָװ, ביי װעמען דאָס הארץ האָט שטאַרק גע־קלאַפּט, האָט געטראַכט:

— אָך, מיין גאָט! צו־װאָס זיינען דאָ די דאָזיגע אַלע מענשען, דער אָרקעסטער...

און אין דיעזער מינוט האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט, װי דאַן, װען ער האָט בעגלייט אַננאַ סערגעיעװנאַ אויף דער סטאַנציאָן, האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז אַלעס איז געענדיגט, און זיי װעלען זיך שוין מעהר קיין מאָל נישט זעהען. אָבער װי װייט, זעהר װייט עס איז נאָך צו אָן ענד!...

אויף א שמאָלען פינסטערען טרעפּ, וואו עס איז געווען אָנגע־שריבען „דער אריינגאנג אין אמפיטהעאטער", האָט זי זיך אָבגע־שטעלט.

— ווי איהר האָט מיך דערשראָקען! — האָט זי געזאָגט נאָך אַלץ א בלייכע און צומישטע, אָטהעמענדיג שווער: — אָך, ווי איהר האָט מיך דערשראָקען! איך בין קוים א לעבעדיגע. צו־וואָס זייט איהר געקומען? צו־וואָס?

— אָבער פערשטעהט דאָך... אננא, פערשטעהט דאָך... — האָט ער ארויסגערעדט מיט א האַלבען קול און איילענדיג זיך: — איך בעט אייך, פערשטעהט...

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט שרעק, מיט געבעט, מיט ליעבע, געקוקט שטאר, ווי זי וואָלט וועלען וואָס שטארקער איינהאַלטען זיינע שטריכען אין איהר געדעכעניש.

— איך לייד אזוי! — האָט זי ווייטער גערעדט, ניט הערענדיג איהם: — איך האָב די גאנצע צייט נור פון אייך געטראכט און גע־לעבט נור מיט די געדאנקען וועגען אייך. און מיר האָט זיך געוואָלט פארגעסען, פארגעסען... אָבער צו־וואָס, צו־וואָס זייט איהר גע־קומען?

אביסעל העכער, אויף דער פּלאַטפאָרמע, זיינען געשטאנען צוויי גימאַזיסטען, האָבען גערויכערט און אראָבגעקוקט אונטען, אָבער גוראָוו'ן איז איצט געווען אַלץ איינס, ער האָט צוגעצויגען אננא סערגעיעווגא'ן צו זיך און גענומען קושען איהר פּנים, די באַקען, די הענד.

איבער די טרעפּ פון אונטען ארויף איז עמיצער געגאנגען.

— איהר מוזט אוועקפאָהרען... — האָט ווייטער גערעדט אננא סערגעיעווגא שטיל — איהר הערט, דמיטרי דמיטריטש? איך וועל קומען צו אייך אין מאָסקווע. איך בין קיין מאָל נישט געווען גליקליך, אָבער אצינד בין איך אונגליקליך, און קיין מאָל, קיין מאָל וועל איך שוין נישט זיין גליקליך, קיין מאָל ניט! נישט צווינגט מיך צו ליידען נאָך מעהר! איך שווער, איך'ל קומען צו פאָהרען אין מאָסק־ווע. און איצט לאָמיר זיך צו שיידען! מיין ליעבער, מיין גוטער, מיין טהייערער, מיר מוזען זיך שיידען!

זי האָט איהם אַ דריק געטהאָן די האַנד און גענומען שנעל אַראָבגעהן אונטען, זיך אַלע ווײלע אַרומקוקענדיג אויף איהם, און אָן איהרע אויגען איז קענטיג געווען, אַז זי איז אין דער אמת׳ן נישט געווען גליקליך.

גוראָוו איז געשטאַנען אַ ווײלע, האָט זיך צוגעהערט צו איהרע טריט, דערנאָך, ווען אַלעס איז שטיל געוואָרען, האָט ער אויפגעזוכט זיין הײנגער, אַראָבגענומען די קלײדער און איז אַוועק פון דעם טהעאַטער.

4.

און אַננאַ סערגעיעוונאַ האָט גענומען פאָהרען צו איהם אין מאָסקווע. אײן מאָל אין צוויי־דריי מאָנאַטען איז זי אַוועקגעפאָהרען פון ס. און געזאָגט דעם מאַן, אַז זי פאָהרט צום פּראָפעסאָר זיך בעראַטהען וועגען איהר פרויען־קראַנקהייט, און דער מאַן האָט יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט.

געקומען אין מאָסקווע, האָט זי זיך אָבגעשטעלט אין „סלאַוויאַנישען באַזאַר״ און גלייך געשיקט צו גוראָוו׳ן אַ מאַן אין אַ רויטער היטעל. גוראָוו פלעגט קומען צו איהר און קיינער אין מאָסקווע האָט וועגען דעם נישט געוואוסט.

אײן מאָל אין אַ ווינטערדיגען אין דער־פריה איז ער געגאַנגען צו איהר (דער מאַן אין־דעם רויטען היטעל איז בײ איהם נעכטען געווען, אָבער ער האָט איהם נישט געטראָפען אין דער היים). מיט איהם איז געגאַנגען זיין טאָכטער, וועמען עס האָט זיך איהם געוואָלט בעגלייטען אין גימנאַזיום, וואָס האָט זיך געפונען אויפ׳ן וועג. עס האָט געשאָטען אַ גרויסער, נאַסער שנעע.

— אַצינד איז דריי גראַדוס וואַרעמקייט און פון דעסטוועגען געהט אַ שנעע — האָט גערעדט גוראָוו צו זיין טאָכטער — אָבער די וואַרעמקייט איז נאָר אויף דער אָבערפלעכע פון דער ערד, אין די העכערע שיכטען פון דער לופט איז שוין גאָר אַן אַנדער טעמפּעראַטור.

— פּאַפּאַ, און פאַרוואָס זיינען ווינטער נישטאָ קיין דונערן?
ער האָט איהר דאָס אויך ערקלעהרט. ער האָט גערעדט און געטראַכט וועגען דעם, אַז אָט געהט ער זיך טרעפען מיט אַ פרוי, און קיין איין לעבעדיגער מענש וויים דערפון נישט און וועט, וואהרשיינליך, קיין מאָל נישט וויסען. ער האָט איצט געפיהרט צוויי לעבענס: איינס אָן אָפענעס, וועלכעס עס האָבען געזעהען אַלע, וועמען דאָס איז נויטיג געווען, פול מיט אויסערליכער וואָרהייט און בעטרוג, עהנליך, ווי צוויי טראָפּענס וואַסער, אויף דעם לעבען פון זיינע בעקאַנטע און פריינד, און דאָס אַנדערע — אַ געהיימע, אַ פערשטעלטע... און די אומשטענדען האָבען זיך עפּעס אַזוי מערקווירדיג צוזאַמענגעשטעלט, אַז אַלעס, וואָס פאַר איהם איז געווען וויכטיג, אינטערעסאַנט, נויטיג, אין וואָס ער איז געווען אויפריכטיג און זיך אַליין נישט אָבגענאַרט, אין וואָס עס איז בעשטאַנען דער הויפּט קרן, דער צוועק פון זיין לע־בען, דאָס אַלעס איז פאַרגעקומען אין געהיים פון אַלעמען, אָבער אַלעס אַנדערע, וואָס איז אייגענטליך געווען ליגען, בעטרוג, אַ הייטעל, אין וועלכען ער האָט זיך בעהאַלטען, אום צו פערשטעלען דעם אמת, ווי למשל, זיין שטעלע אין דער באַנק, די דעבאַטען אינ'ם קלוב, זיינע טענות וועגען דער „נידעריגער ראַסע" דאָס געהן מיט דער ווייב אויף די יובילעיען — דאָס אַלעס איז געטהאָן געוואָרען אָפען, פראַנק און פריי. און נאָך זיך נאָך האָט ער זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ מיינונג וועגען אַנדערע מענשען. ער האָט נישט געגלויבט אין דעם וואָס ער האָט געזעהען און שטענדיג פערדעכטיגט, אַז ביי יעדען מענשען איז דאָס אמת'ע, דאָס אינטערעסאַנטע לעבען פערדעקט מיט אַ שלייער פון אַ טיעפען געהיימניס, ווי מיט דעם שלייער פון דער נאַכט.

יעדער פערזענליכער עקזיסטענץ האַלט זיך אויף אַ געהיימניס, און טהיילווייז דערפאַר, קען זיין, זאָרגט עס דער קולטורעלער מענש אַזוי נערוועז, אַז דאָס פערזענליכע געהיימניס זאָל רעספּעקטירט ווערען.

בעגלייט די טאָכטער אין גימנאַזיאום, איז גוראָוו אַוועק אין „סלאַוויאַנישען באַזאר". ער האָט אונטען אויסגעטהאָן דעם פוטער, איז ארויף אויבען און שטיל אָנגעקלאַפּט אין טהיר. אַננאַ סערגע־יעוונאַ, אָנגעטהאָן אין דעם גרויען קלייד, וואָס ער האָט ליעב געהאַט, אַ פערמאַטערטע פונ'ם וועג און פון ערוואַרטען, האָט איהם ערוואַר־טעט נאָך פון נעכטען אָבענד אָן; זי איז געווען בלייך, האָט געקוקט

אויף איהם און ניט געשמייכעלט, און קוים איז ער אין צימער אריין, האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן און איז צוגעפאַלען צו זיין ברוסט. און זייער קוש איז געווען אַ לאַנגער, אַן אויסגעצויגענער, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען זיך יאָהרען גאַנצע נישט געזעהן.

— נו, וואָס מאַכסטו? — האָט ער געפרעגט — וואָס עפּעס נייעס?

— וואַרט, איך וועל דיר באַלד דערצעהלען... איך קען ניט.

זי האָט ניט געקענט ריידען, דען זי האָט געוויינט, האָט זיך פון איהם אָפּגעקעהרט און צוגעדריקט דאָס טיכעל צו די אויגען.

— נו, זאָל זי זיך אויסוויינען און איך'ל זיך דערווייל צוזעצען

— האָט ער אַ טראַכט געטהאָן און זיך געזעצט אויף אַ פאָטעל.

דערנאָך האָט ער אָנגעקלונגען און בעשטעלט טהעע; און דערנאָך, בעת ער האָט דעם טהעע געטרונקען, איז זי די גאַנצע צייט געשטאַנען אָפּגעקעהרט פון איהם מיט'ן פּנים צום פענסטער... זי האָט געוויינט פאַר אויפרעגונג, טראַכטענדיג מיט וועהטאָג, ווי טרויעריג דאָס איז, וואָס זיי מוזען זיך בעהאַלטען, פאַר לייטען, ווי גנבים! איז דען זייער לעבען ניט פערביטערט?

— נו, גענוג שוין דיר! — האָט ער געזאָגט.

פאַר איהם איז קלאָהר געווען, אַז זייער ליעבע וועט זיך נאָך ניט אַזוי גיך ענדיגען, ווער ווייס ווען. אַננאַ סערגעיעוונאַ האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צוגעבונדען צו איהם, האָט איהם פערגעטערט, און עס וואָלט דום און נאַריש געווען צו זאָגען איהר, אַז עס מוז זיך אַמאָל ענדיגען, און זי וואָלט עס ניט געגלויבט אויך.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט זי אָנגענומען ביי די אַקסלען, אום זי אַ לאַסצע טהאָן, אַ שפּאַס טהאָן מיט איהר, און אין דיזער צייט האָט ער זיך דערזעהען אינ'ם שפּיעגעל.

זיין קאָפּ האָט אָנגעהויבען גרוי צו ווערען, און ער האָט זיך פערוואונדערט, וואָס פאַר די לעצטע יאָהרען איז ער אַזוי אַלט און ניט שעהן געוואָרען. די אַקסלען, אויף וועלכע זיינע הענד זיינען געלעגען, זיינען געווען וואַרעם און האָבען אויפגעציטערט. ער האָט דערפיהלט רחמנות צו דעם דאָזיגען לעבען, וואָס איז נאָך געווען אַזוי וואַרעם און שעהן און וואָס וועט, מסתמא, אויך אין גיכען פערוועלקט ווערען ווי זיין לעבען. פאַרוואָס ליעבט זי איהם אַזוי? ער האָט זיך תמיד

אויסגעוויזען די פרויען ניט אַזאַ, ווי ער איז געווען אין אמת'ן, און געליעבט האָבען זיי אין איהם ניט איהם אליין, נור דעם מענשען, וואָס זייער פאַנטאַזיע האָט געשאַפען און וועלכען זיי האָבען אַזוי גיריג געזוכט אין זייער לעבען; און שפּעטער, אַז זיי האָבען איינגע־זעהען זייער טעות, האָבען זיי איהם נאָך אַלץ געליעבט. און קיינע פון די פרויען איז מיט איהם ניט גליקלאַך געווען. די צייט איז גע־גאַנגען. ער האָט זיך בעקאַנט, צונויפגעקומען זיך, צושיידט זיך, האָט אָבער קיין מאָל ניט געליעבט, אַלעס איז געווען, אַלעס, נור ניט קיין ליעבע.

ערשט איצט נור, בעת דער קאָפּ זיינער האָט מיט'ן גרויען אָנגע־הויבען זיך גענומען פערציהען, האָט ער צום ערשטען מאָל זיך פערליעבט, פערליעבט, ווי געהעריג איז, אויף אַן אמת — צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען.

אַננאַ סערגעיעוונאַ און ער האָבען געליעבט איינער דעם אַנדע־רען, ווי זעהר נאָהענטע, אייגענע מענשען, ווי מאַן און פרוי, ווי צערטליכע פריינד; עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אַז די פאַרזעהונג אַליין האָט זיי בעשאַפען איינער פאַר'ן אַנדער'ן און עס איז אונפער־שטענדליך געווען, וואָס ער האָט אַנאַנדער פרוי און זי — אַנאַנדער מאַן; און אַקוראַט ווי זיי וואָלטען געווען צוויי דורכפליהענדיגע פויגלען, אַ זכר און אַ נקבה, וואָס מען האָט געכאַפּט און זיי געצוואונ־גען צו לעבען אין בעזונדערע שטייגלאַך. זיי האָבען פערגעבען איינער דעם אַנדערען דאָס, מיט וואָס זיי האָבען זיך געשעהמט אין זייער פערגאַנגענהייט, פערגעבען אַלעס אין דער געגענוואַרט און האָבען ביי־דע געפיהלט, אַז זייער לעבען האָט זיי ביידען בעטראָגען.

פריהער אין שווערע מינוטען האָט ער זיך געזוכט צו בערוהיגען מיט פערשיעדענע איינריידענישען, וועלכע איז איהם נור אויפ'ן זי־נען אַרויף, איצט אָבער זיינען די איינריידענישען איהם אינ'ם קאָפּ מעהר ניט געקראָכען, ער האָט געפיהלט אַ טיעפען רחמנות, עס האָט זיך איהם געוואָלט זיין אויפריכטיג, הערצליך, צאַרט...

— נו, הער אויף, מיין גוטע — האָט ער גערעדט — נו, גענוג דיר צו וויינען... איצט קום, מיר וועלען אַ שמועס טהאָן, אַ טראַכט טהאָן...

און דערנאָך האָבען זיי זיך לאַנג — לאַנג עצות געהאַלטען, גע־

רעדט וועגען דעם, ווי צו בעפרייען זיך פון דעם מוזען זיך בעהאַלטען, בעטריגען, וואוינען אין פערשיעדענע שטעדט, ניט זעהען זיך לאַנג. ווי צו בעפרייען זיך פון די שווערע, אונערטרעגליכע קייטען?

— ווי? ווי? — האָט ער געפרעגט, אַנכאַפּענדיג זיך פאר'ן קאָפּ: — ווי?

און עס האָט זיך געדאכט, אז נאָך א קורצע צייט און די לייזונג וועט געפונען ווערען, און דעמאָלט וועט זיך אָנהויבען א נייע, שעהן לעבען; און ביידען איז אין דער זעלבער צייט קלאָהר געווען, אז ביז יענער צייט איז נאָך ווייט — ווייט און אז דאָס שווערסטע און פער־פּלאָנטערסטע הויבט זיך ערשט אָן...

א צרה

דער שניצער גריגאָרי פּעטראָוו, וועלכער האָט א שם פאר א קינסטלער אין זיין פאך, אָבער אויך פאר דעם גרעסטען טויגעניכטס אין זיין דאָרף, פיהרט זיין קראַנק ווייב אין דאָרפישען שפּיטאָל.

פון זיין דאָרף ביז'ן שפּיטאָל מוז ער א וויאָרסט דרייסיג דורכפאָהרען. דער וועג איז שרעקליך אפילו פאר דעם פּאָסט-פוהרמאן, ניט נור פאר אזא פערשלאָפענעם נפש, ווי דער שניצער גריגאָרי איז. א שניידערנדיגער, פראָסטיגער ווינד שמייסט איהם אנטקעגען אין פּנים אריין. אין דער לופטען פון אלע זייטען דרעהען זיך גאַנצע וואָלקענס פון שנעעלאך, אזוי אז עס איז שווער צו אונטערשיידען, צו דער שנעע פאלט פונ'ם הימעל, אָדער ער הויבט זיך פון דער ערד. מחמת דעם שנעע-נעבעל זעהט מען ניט ניט די פעלדער, ניט די סליפּעס פונ'ם טעלעגראף און ניט דעם וואלד, און בעת אויף גריגאָרי'ן לויפט אָן דער ווינד מיט גרעסערען אימפּעט, דאן קען ער, גריגאָרי הייסט עס, אפילו דעם געשפּאן פונ'ם פערד אויך נישט זעהן.

א שוואכע מאָגערע קליאטשע שלעפּט קוים-קוים דעם שליטען. מיט די לעצטע כוחות שלעפּט זי ארויס איהרע פיס פון דעם טיעפען שנעע און טרייסעלט מיט'ן קאָפּ.

דער שניצער איילט זיך. ער שפּרינגט אונרוהיג אונטער אויף זיין זיץ און שמייסט נאָכאנאנד דער קליאטשע איבער'ן רוקען.

— דו, מאַטרענא, וויין נישט... — מורמעלט ער — לייד נאָך אביסעלע... גאָט וועט געבען, מיר וועלען קומען אין שפּיטאָל און אין א הרף עין וועסטו דאָס... געהאָלפען ווערען... פּאוועל איוואַנימש וועט דיר געבען טראָפּענס, צו ער וועט הייסען דיר בלוט לאָזען, אָדער זיין גנאד וועט דיך מיט ספּירט אויסרייבען, וועט עס דיר דאָס...

אָפּציהען פון די זייטען... פּאוועל איוואַניטש וועט זיך שוין אַ סטאַ־רעווע טהאָן... אַ גוטער מענש, אַ פריינדליכער, זאָל איהם גאָט גע־זונד שענקען... באַלד, ווי מיר וועלען קומען אַהין, וועט ער צוערשט ארויסשפּרינגען פון זיין הויז און וועט נעהמען זידלען. „וואָרום זייט איהר ניט געקומען אין צייט? בין איך דען אַ הונד, וואָס איך זאָל זיך מיט אייך עסק׳ען דעם גאַנצען טאָג, שדים? וואָרום ביזטו ניט געקומען אין דער־פריה? אַוועק! דיין סליאַד זאָל דאָ ניט זיין! קום מאָרגען!” און איך וועל איהם אַ זאָג טהאָן: „הערר דאָקטאָר! פּאוועל איוואַניטש! אייער וואויל געבורט!” טהו זיך אַ ריהר דו, נבלה, פּלאַצען זאָלסטו! העיא־א!

דער שניצער טהוט אַ שמיץ די קליאַטשע און, נישט קוקענדיג אויף זיין אַלטינקע, הויבט ער אָן ווייטער צו מורמלען:

— אייער וואויל געבורט, פּריץ׳ל! איך זאָג אייך דעם ריכטי־גען אמת, ווי פאַר גאָט זאָג איך אייך... איך שווער אייך, אַז איך בין ארויסגעפאָהרען מיט בעגינען, נור גאָט האָט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַזאַ שטורם... ווי אַזוי האָב אָך געקענט קומען אין צייט? איהר זעהט דאָך אַליין... אַן אַנשטענדיגער פערד וואָלט קוים דער־קראָכען, הײַנט אַז מען פאָהרט נאָך אויף אַזאַ צרה, ווי די... איהר זעהט דאָך, וואָס פאַר אַ קליאַטשע? אַ חרפּה ממש! פּאוועל איוואַ־ניטש וועט זיך אָנבלאָזען און וועט זיך צושרייען: „מיר קענען אייך! אַלע מאָל קומט איהר מיט תירוצים! איבערהויפּט דו, גרישקאַ! איך קאָן דיך שוין לאַנג! נישקשה, מסתמא אַ מאָל פינף ביזטו פערפאָהרען אין אַ שענק!” און איך וועל איהם ענטפערען: „וואָס רעדט איהר, פּריץ׳ל, בין איך עפּעס חלילה, אַ מערדער, וואָס? אָדער ניט קיין קריסט, וואָס? וואָס הייסט, איך וועל פערפאָהרען אין אַ שענק, אַז מיין אַלטע שטאַרבט? זאָלען זיי אויסגעריסען ווערען, אַלע שענקען!”

— וועל איך זאָגען. דעמאָלט וועט פּאוועל איוואַניטש הייסען, מען זאָל דיך אריינגעהמען אינ׳ם שפּיטאָל. און איך וועל זיך אַ וואָרף טהאָן איהם צו די פיס... „פּאוועל איוואַניטש! פּריץ׳ל! מיר דאַנ־קען אייך אונטערטהעניגסט! זייט אונז מוחל, די נאַרען, די פערשאָל־טענע! אונז, פּויערים, האָט מען געדאַרפט געבען אין האַלז און נאַקען און איהר זייט זיך מטריח פאַר אונזערטוועגען און שמוצט אייערע פיסלאַך אינ׳ם שנעע!” און פּאוועל איוואַניטש וועט אַ קוק טהאָן

אויף מיר מיט אזוינע אויגען, אַקוראַט ווי ער וואָלט מיך שלאָגען גע־וואָלט, און וועט א זאָג טהאָן: „איידער צו וואַרפען זיך מיר צו די פיס, וואָלסטו בעסער, הולטאַי דו, קיין שנאַפּס ניט געזויפט און איבער 'יין אַלטער רחמנות געהאַט. שמייסען דאַרף מען דיך!" וועל איך זאָגען: „אמת, פאַוועל איוואַנטיש, שמייסען האָט מען מיך געדאַרפט, אמת! און ווי זאָל מען ניט פאַלען צו אייערע פיסעלאַך, ווען איהר זייט אונז א וואָהלטהעטער, א לייבליכער טאַטע? אייער וואויל גע־בורטה! דאָס איז דער הייליגער אמת... ווי פאַר גאָט זאָג איך דאָס... שפּייט מיר אָן פולע אויגען, אויב דאָס איז ניט אמת, אויב איך וועל אייך אָפּנאַרען: ווי נור מיין מאַטרענאַ וועט געזונד ווערען, ווי נור זי וועט ווידער שטעהן אויף איהרע פיס, אזוי וועל איך פאַר אייך מאַכען, וואָס נור איהר אליין וועט וועלען! א פּושקעלע פאַר סי־גאַרען פון קאַרע... ביקעלאַך פאַר קראָקעט, קעגלען קען איך אויס־שניצען אמת'ע אויסלענדישע... איך וועל אַלעס פאַר אייך מאַ־כען! און קיין קאָפּיקע פון אייך נישט נעהמען! אין מאָסקווע וואָלט איהר פאַר אזא סיגאַר־פּושקעלע א פיער רובעל בעצאָהלט און מיר קיין איין קאָפּיקע". דער דאָקטאָר וועט זיך צולאַכען און זאָגען: „נו, גוט, גוט.... איך פיהל דיר מיט! א שאָד נור, וואָס דו ביזט א שיכור..." איך, אַלטע, פערשטעהע שוין, ווי צו קנעלען מיט פּריצים. נישטאָ אזא פּריץ, מיט וועלכען איך זאָל נישט וויסען, ווי צו ריידען. מיר זאָלען נור נישט, חלילה, דעם וועג פערלירען. ווי עס דרעהט אַבי־סעל! די אויגען אין גאַנצען פערליעפּעט!

און דער שניצער פּלאַפּעלט אָהן א סוף. ער פּלאַפּעלט מיט דער צונג, ניט וויסענדיג אליין וואָס, אום כאָטש פּיעל ניט איז צו דערשטיקען דעם שווערען געפיהל, וואָס מוטשעט איהם. ווערטער אויף דער צונג זיינען פאַראַן א סך, נור געדאַנקען און פראַגען אין זיין מוח זיינען נאָך פאַראַן מעהר.

דאָס אונגליק האָט איהם געטראָפען פלוצים, גאַר אונגעריכטער־הייט, און איצט קען ער אַלץ צו זיך נישט קומען, קען עס נישט מיט'ן קאָפּ בענעהמען.

ביז אָהער האָט ער זיך געלעבט אָהן זאָרגען, אזוי ווי אין א שיכור'ן דרעמיל, נישט געוואוסט ניט פון קיין צרות און ניט פון קיין פרייד, און מיט אַמאָל אזוי פיעל זאָרג און יסורים. דער זאָרגלאָזער

פוילענצער און שיכור האט מיט אמאל, מיר נישט דיר נישט, זיך דער־פיהלט אין דער לאגע פון א מענשען, וואס האט דאגות אויפ'ן קאפ, וואס איז פערנומען, וואס דארף זיך איילען און זאגאר שטרייטען גע־גען דער נאטור.

דער שניצער גערענקט, אז די זארג האבען זיך אנגעהויבען זייט נעכטען ביינאכט. אז ער איז געקומען נעכטען ביינאכט אהיים, אונ־טערגעשנאפסקעט, ווי געוועהנליך, און גענומען זיך זידלען און סטראשען מיט די פויסטען, אויך ווי געוועהנליך, האט זיין אלטע אויף איהם אזא בליק געווארפען, וואס אזא האט ער נאך ביי איהר קיינמאל ניט געזעהען. אלע מאל איז איהר בליק געווען א ליידענדער און א הכנעה'דיגער, ווי ביי א הונד, וואס שלאגען שלאגט מען איהם פיעל און עסען גיט מען איהם א קדחת, נעכטען אבער איז איהר בליק געווען א שטרענגער און א פערגליווערטער, ווי דער בליק ביי די היי־ליגע אויף די בילדער, אדער ביי גוסס'ע אט פון דעם דאזיגען מאר־גען, ניט גוטען בליק האבען זיך די זארגען אנגעהויבען. דער צוטו־מעלטער שניצער האט אויסגעקליאנטשעט ביי זיינעם א שכן די קליא־טשע צו אנטלייהען און איצט פיהרט ער זיין אלטע אין שפיטאל און האפט, אז פאוועל איוואניטש וועט מיט פראשקעס און זאלבען צוריק געבען זיין אלטער איהר פריהערדיגען בליק.

— דו, מאטרענקא, דאס... — מורמעלט ער — אויב פאוועל איוואניטש טהוט דיך א פרעג, צו איך האב דיך געשלאגען, ענטפער: חלילה וחס! און איך וועל דיך טאקי מעהר קיינמאל נישט שלאגען. אט איך שווער דיר. האב איך דען, חלילה, דיך געשלאגען, ווייל איך בין בייז געווען אויף דיר? ווייס איך, געשלאגען דיך גלאט אזוי, אבער ניט, חלילה, ווייל איך בין בייז געווען אויף דיר. דו זעהסט דאך אליין, ווער האט רחמנות אויף דיר? איך טאקי. די אנדערע הארט ניט פאר דיר, איך אבער פיהר דיך... סטארעווע זיך... אי־אי, ווי עס דרעהט אביסעל! מיר זאלען נור פונ'ם וועג ניט אראב... עס טהוט נאך אלץ וועה אין זייט? מאטרענא, וואס שווייגסטו? איך פרעג דיך: עס טהוט נאך אלץ וועה אינ'ם זייט?

מאדנע, עס דאכט זיך איהם, אז אויף דער אלטער'ס פנים צור־געהט ניט דער שנעע, מאדנע, וואס דער פנים אליין האט זיך עפעס ניט־געוועהנליך אויסגעצויגען, האט זיך בעדעקט מיט א בלייך־גרויען,

שמוציג־וועקסענעם קאָליר און איז געוואָרען אזוי ערנסט, אזוי שטרענג.

— נו, א בהמה! — מורמעלט דער שניצער — איך רייד צו דיר ערענסט, ווי פאר גאָט... און דו, דאָס נו, א בהמה! אָט דערפאר קען איך נאָך באַלד חרטה קריגען און דיך ניט פיהרען צו פאוועל אי־וואַניטש'ן!

דער שניצער לאָזט ארויס די לייצעס פון די הענד און פערטראַכט זיך. אומקוקען זיך אויף דער אַלטער האָט ער קיין מוטה ניט — מורא'־דיג! פרעגען ביי איהר און נישט קריגען קיין ענטפער איז אויך מורא'דיג. צום סוף, אום צו דערגעהן, וואָס איז מיט איהר פאר א מעשה, טאַפּט ער אָן, נישט אומקוקענדיג זיך, איהר קאַלטע האנד. די אויפגעהויבענע האנד פאַלט, ווי א הילצערנע.

— הפנים געשטאָרבען — טראַכט ער — אָט איז דיר א חתונה'קע!

און דער שניצער צו־וויינט זיך. ניט אזוי אויס רחמנות, ווי אויס פערדרוס. ער טראַכט: ווי גיך דאָס אַלעס מאַכט זיך אויף דער וועלט! ער האָט נאָך נישט צייט געהאט אָנצוואַכען זיך, ווי געהעריג, איז שוין אחר המעשה. ער האָט נאָך קיין צייט געהאט א לעב צו טהאָן מיט זיין אַלטער אויף א ריכטיגען שטייגער, אויסצורויידען זיך פאר איהר, רחמנות האָבען איבער איהר, איז נא דיר, איז זי גאָר גע־שטאָרבען. פערציג יאָהר האָט ער מיט איהר אָפּגעלעבט, אָבער די אַלע יאָהרען זיינען דאָך אריבער, ווי אין א נעבעל. מחמת שיכרות, געשלעג און נויטה האָט ער דאָך גאָר ניט געפיהלט, אז ער לעבט מיט איהר. און גראָד ווי אויף צו להכעיס, איז די אַלטע געשטאָרבען פונקט דע־מאָלט, אז ער האָט גענומען פיהלען, אז ער האָט רחמנות איבער איהר, אז ער קען אָהן איהר ניט לעבען, אז ער איז מור'דיג שולדיג געגען איהר.

— זי איז דאָך בעטלען געגאַנגען! — דערמאָנט ער זיך — איך אליין פלעג זי דאָך שיקען בעטלען ביי לייטען א שטיקעלע ברויט. א חתונה'קע! אזא בהמה, האָט געדאַרפט לעבען נאָך א יאָהר צעהן, א ניט מיינט זי, אז איך בין אין אמת'ן אזא... הייליגע מאַמע, וואָהין פאָהר איך צום טייפעל? איצט דאַרף מען זי פיהרען ניט היילען, נור בעגראָבען. קירעווע זיך אוים!

דער שניצער קירעוועט זיך אוים צוריק און שמייסט די קליאַ־טשע מיט אַלע קרעפטען. דער וועג ווערט מיט יעדער שטונדע אַלץ ערגער און ערגער. דעם געשפּאַן זעהט מען איצט אין גאַנצען ניט. צייטענווייז פאָהרט ארויף דער שליטען אויף א יונגער יאָלקע, אַ דונקעלע זאַך טהוט אַ קראַץ דעם שניצער איבער די הענד, פליהט פערביי די אויגען און ווידער רוקט זיך אָן אַ ווייסע, דרעהענדיגע וואַנט.

— ווי איך וואָלט וועלען אָנהויבען צו לעבען פון דעם סאַמען אָנ־פאַנג — טראַכט דער שניצער.

ער דערמאָנט זיך, אַז מאַטרענא איז מיט פערציג יאָהר צוריק געוועזען אַ יונגע, אַ שעהנע, אַ פרעהליכע, פון אַ רייכען הויז. מען האָט זי אויסגעגעבען פאַר איהם, ווייל מען האָט געמיינט, אַז מיט אַזאַ קינסטלער אַ שניצער, ווי ער, וועט זי לעבען גליקלאַך. און זי וואָלט מיט איהם געוועזען גליקלאַך אויך, ווען ניט זיין שיכור'ן. באַלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך אָן אָנגעשנאַפּסקעטער אוועקגעלייגט אויף דער אויווען און האָט זיך ביז היינט ניט אויסגעניכטערט. די חתונה גע־דענקט ער, אָבער נאָך דער חתונה, כאָטש דער'הרג'עט איהם, געדענקט ער ניט, חוץ סיידען דאָס, אַז ער האָט געשיכורט, געשלאָפען, געזי־דעלט און געשלאָגען זיך. אַזוי זיינען געגאַנגען פערלאָרען פערציג יאָהר.

די ווייסע שנעע־וואָלקענס ווערען ביסלעכווייז גרוי, די נאַכט פאַלט צו.

— וואָהין פאָהר איך? — טהוט זיך אַ כאַפּ דער שניצער — מען דאַרף בעגראָבען, און איך פאָהר אין שפּיטאָל... איך בין משוגע, וואָס?

דער שניצער קירעוועט אוים ווידער די קליאַטשע און שמייסט זי. די קליאַטשע שטרענגט אָן איהרע לעצטע כוחות און, סאָפּענדיג מיט די נאָז־לעכער, לאָזט זי זיך לויפען שנעלער. דער שניצער האַקט איהר מיט דער בייטש איבער'ן רוקען, האַקט און האַקט... אהינטער הערט זיך עפּעס אַ קלאַפּען און ער, כאָטש ער קוקט זיך ניט אום, ווייס אַז דאָס קלאַפּט אַזוי דער קאָפּ פון דער טויטער אָן דעם שליטען. און אין דער לופטען ווערט אַלץ פינסטערער און פינסטערער, דער ווינד ווערט אַלץ קאַלטער און שניידענדיגער...

— אָנהויבען צו לעבען ווידער פון דעם סאַמען אָנהויב — טראַכט דער שניצער — נייע געצייג קויפען, בעשטעלונגען אָננעהמען... דאָס גאַנצע געלד דער אַלטער אָפּגעבען... יאָ!

און פּלוצים פערלירט ער די לייצעס, זוכט זיי, וויל זיי אויפהויבען און קען ניט; די הענד ארבייטען ניט...

— אַלץ איינס — טראַכט ער — די קליאַטשע וועט אליין דעם וועג טרעפען... כאַפּען דערוויילע א דרעמיל... ביז דער לויה אויסשלאָפען זיך...

דער שניצער פערמאַכט די אויגען און דרעמילט. אין א ווײַלע ארום הערט ער, אז די קליאַטשע איז שטעהן געבליבען. ער עפענט די אויגען און דערזעהט פאַר זיך עפּעס דונקעלעס, א הויז צו א קופּע...

ער וואָלט ארויסגעקראָכען פון'ם שליטען און א קוק געטהאָן, וואָרום די קליאַטשע איז שטעהן געבליבען, אָבער איבער'ן גאַנצען גוף איז צוגאָסען אזא שווערע פוילקייט, אז בעסער דערפראָרען צו ווערען, איידער א ריהר צו טהאָן זיך פון דעם אָרט.

און ער שלאָפט איין רוהיג.

ער כאַפּט זיך אויף אין א גרויסען צימער מיט געפארבטע ווענד. פון די פענסטער שטראָמט א העלער שיין פון דער זונן.

דער שניצער זעהט פאַר זיך מענשען און די ערשטע זאַך וויל ער זיך ארויסווייזען פאַר א סטאַטיק, א מענשען מיט שכל.

— מען האָט געדאַרפט בעשטעלען א גאָטעס־דיענסט פאַר דער פערשטאָרבענער, ברידערלאַך! — מאַכט ער — מען האָט געדאַרפט נאָכ'ן גלח שיקען...

— נו, גוט, גוט! ליעג־זשע! — ברעכט איהם אונטער עמיצענ'ס קול.

— טאַטעלאַך! פּאַוועל איוואַניטש! — וואונדערט זיך דער שניצער, דערזעהענדיג פאַר זיך דעם דאָקטאָר: — וואָהלטהעטער מיינער! אייער וואויל געבורט!

ער וויל אויפשפּרינגען און א וואָרף טהאָן זיך דעם דאָקטאָר צו די פיס, פיהלט אָבער, אז הענד און פיס פאָלגען איהם ניט.

— אייער וואוילגעבורט! וואו זיינען מיינע פיס? וואו זיינע מיינע הענד?

— זענגען זיך מיט דיינע הענד און פיס... אָפּגעפּראָרען!...
נו, נו... וואָס ווייַנסטו? האָסט געלעבט א זעקס צעהנדליג יאָהר — גענוג!

— א צרה! אייער וואויל געבורט, עס איז דאָך א צרה! זייט מיר מוחל, פּריץ'ל!... נאָך א פינף־זעקס יאָהרעלאך...

— צו־וואָס?

— די קליאַטשע איז דאָך א פרעמדע, מען מוז זי אָפּפיהרען... די אַלטע מקבר זיין... און ווי גיך דאָס אַלעס מאַכט זיך אויף דער וועלט! אייער וואויל געבורט! פּריץ'ל! איוואַן סטעפּאַניטש! א פּוש־קעלע פּאַר סיגאַרען פון דער בעסטע קאָרע! א קראָקעטיק'ל וועל איך פּאַר אייך אויסשניצען...

דער דאָקטאָר טהוט א מאַך מיט דער האַנד און געהט ארויס.
עס איז נאָכ'ן שניצער!...

וויבער

אין דער דאָרף רייבוזש, פונקט געגענאיבער א קלויסטער שטעהט א צוויי־שטאָקיג הויז אויף א שטיינערנעם פונדאמענט און מיט אַן אייזערנעם דאך. אויף דעם ערשטען שטאָק וואוינט מיט זיין הויזגעזינד דער בעל הבית אליין פונ'ם הויז, פיליפ איוואנאָוו קאשין, אָדער „דיוּ־דיאַ", ווי זיין צונעמעניש איז. דער אויבערשטער שטאָק, וואו זומער ווערט מען דערשטיקט פאר היטץ און ווינטער — דערפראָרען פאר קעלט — איז א גאסט־הויז, וואו עס שטעהן איין דורכרייזענדע בע־אַמטע, סוחרים און גוטס־בעזיצער.

דיודיא האלט אין פאכט פעלדער, האלט א שענק אויפ'ן גרויסען שליאך, האנדעלט אי מיט דיעגעכץ, אי מיט האָניג, אי מיט פיה, אי מיט פויגלען, און האָט שוין אָפגעלייגט אַן אכט טויזענדער, וואָס ליע־גען ביי איהם אין דער שטאָדטישער באַנק.

זיין עלסטער זוהן פיאָדער ארבייט אויף א פאבריק אלס עלסטער מעכאניק און איז, ווי די פויערים זאָגען, ווייט אוועק בארג ארויף, אזש מיט דער האנד איהם נישט צו דערגרייכען; פיאָדער'ס ווייב, סאָפיא, א מיאוס'ע און קרענקליכע פרוי, וואוינט מיט'ן שווער אין הויז, זי האָלט כסדר אין איין קלאָגען און יעדען זונטאָג פאָהרט זי אין שפיטאָל זיך היילען.

דער צווייטער זוהן דיודיא'ס, דער הארבאטער אליעשקא, וואוינט מיט'ן פאָטער. ניט לאַנג האָט ער חתונה געהאט מיט ווארוואַרא'ן, א טאָכטער פון אָרימע עלטערן. די דאָזיגע ווארוואַרא איז א שעהנע, געזונדע, יונגע פרוי, א גרויסע פראנטיכע. אז געסט קומען, בעאַמטע, צו סוחרים, ווילען זיי ניט אנדערש, אז נור ווארוואַרא זאָל זיי דעם סאַמאָוואַר דערלאַנגען און די בעט אויסבעטען.

אין איין שעהנעם פאַרנאַכט אין מאָנאַט יוני, בעת די זונן איז

פערגאַנגנען און אין דער לופטען האָט געשמעקט מיט הייה און וואַרי־מען מילך, איז צו דיודיא'ן אויפ'ן הויף אַרויפגעפאָהרען אַ פּשוטער וואָגען, אויף וועלכען עס זיינען געזעסען דריי פּאַרשוינען: אַ מאַן אַ יאָהר דרייסיג, אין אַ לייווענדענעם אַנצוג, נעבען איהם אַן אינגעל אַ יאָהר אַכט, אין אַ לאַנגען שווארצען ראָק מיט גרויסע ביינערנע קנעפּ, און דער פוהרמאַן, אַ יונגער בחור אין אַ רויטען העמד.

דער בחור האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי אַרויסגעפיהרט אין דרויסען, אָפּקיהלען זיך. דער דורכרייזענדער האָט זיך איינגעוואַ־שען, איבערגע'צלם'ט זיך געגען קלויסטער, דערנאָך האָט ער אויסגע־שפּרייט נעבען וואָגען אַ לייוונד און זיך געזעצט מיט'ן אינגעל עסען; ער האָט געגעסען לאַנגזאַם, מעשה סטאַטיק, און דיודיא, וואָס האָט שוין אויף זיין לעבען געזעהן פיעל דורכרייזענדע, האָט באַלד דערקענט נאָך זיין האַלטען זיך און מאַנירען, אַז ער איז אַ מאַן אַ טיכטיגער, אַן ערענסטער, וועלכער ווייס זיין אייגענע ווערדע.

דיודיא איז געזעסען אויפ'ן גאַניק אין איין וועסט, אָהן אַ היטעל און געוואַרט, אַז דער גאַסט זאָל פערפיהרען אַ געשפּרעך. ער איז גע־וואוינט געווען, אַז די דורכרייזענדע זאָלען אין די אַבענדען, איידער זיי געהען שלאָפען, דערצעהלען פערשיעדענע געשיכטעס, און ער האָט ליעב געהאַט צו הערען די דאָזיגע געשיכטעס.

זיין אַלטע אַפּאַנאַסיעווא און זיין שנור סאָפיא האָבען געמאַלקען די קיה אונטער'ן וועטער־דאַך; די צווייטע שנור וואַרוואַראַ איז גע־זעסען ביי אַן אָפענעם פענסטער אויפ'ן צווייטען שטאָק און האָט געקנאַקט „פּאָדסאָלנעס".

— דאָס אינגעל איז מסתמא דיינס? — האָט דיודיא זיך געווענ־דעט צום גאַסט.

— ניין, אַ יתום'ל... האָב איהם צו זיך צוגעשריעבען... גע־וואָלט אַ מצוה פערדיענען, די נשמה רעטען.

זיי האָבען זיך צורעדט. דער דורכרייזענדער הפּנים האָט גאָר ניט פיינד געהאַט צו ריידען און דיודיא האָט זיך באַלד דערוואוסט פון זיינע רייד, אַז ער איז אַ שטאָדט־מענש, אַ בעל הבית פון אַ הויז, אַז מען רופט איהם מאַטוועי סאַוויטש, פאָהרט אָנקוקען די סעדער, וואָס ער האַלט ביי די דייטשע קאָלאָניסטען, און אַז דעם אינגעל'ס נאָמען איז קוזקאַ.

דער אבענד איז געווען אַ הייסער און אַ שטיקענדער. שלאָפען האָט זיך קיינעם ניט געוואָלט.

ווען עס איז געוואָרען פינסטער און אויפ'ן הימעל האָבען זיך וואו־נים־וואו בעוויזען שטערענדלאַך, האָט מאַטוועי סאַוויטש אָנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי אַזוי ער האָט צוגענומען צו זיך קוזקאַ'ן. אַפאַנאַ־סיעווא און סאָפּיא זיינען געשטאַנען פון ווייטען און האָבען זיך צוגע־הערט, און קוזקאַ איז אַוועק צו די טויערען.

— דאָס איז, זיידוניו, אַ לאַנגע געשיכטע — האָט דער דורכ־רייזענדער דערצעהלט — און אַז איך זאָל דערצעהלען אַלעס כסדר, ווי דאָס איז געווען, וואָלט איך אין איין נאַכט עס ניט אויסדער־צעהלט.

מיט צעהן יאָהר צוריק האָט אויף אונזער גאַס, פּונקט אין דעם צווייטען הויז פון מיינעם, אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו עס שטעהט איצט אַ פאַבריק פון אויל און ליכט, געוואוינט די אלמנה מאַרפאַ סי־מאָנאָוונאַ קאַפּלוצעווואַ. די אַלטע האָט געהאַט צוויי זיהן: איינער איז געווען אַ קאָנדוקטאָר אויפ'ן אייזענבאהן, און דער צווייטער, וואַסיאַ, אין מיינע יאָהרען האָט געוואוינט מיט זיין מאַמע'ן אין דער־היים.

דער זעליגער מאַן פון דער אלמנה, דער אַלטער קאַפּלונצעוו האָט געהאַלטען פערד, אַ פינף פּאָאַר, און ארויסגעשיקט איבער דער שטאָדט וואָגענס פאַר משא.

אַז ער איז געשטאָרבען, האָט זיין אלמנה ווייטער אָנגעהאַלטען; די פערד און וואָגענס און געפיהרט דאָס געשעפט ניט ערגער פון איהר זעליגען מאַן, אַזוי, אַז מאַנכע טעג האָט איהר דאָס דאָזיגע געשעפט אריינגעבראַכט אַ פינף רובעל ריינעם פערדיענסט.

איהר זוהן וואַסיא האָט אויך געהאַט זיינע פערדיענסטען. ער האָט געהאָדעוועט גרויסע טויבען און זיי פערקויפט צו בעלנים. תמיד פלעגט מען איהם זעהען שטעהן אויפ'ן דאַך, מיט אַ בעזים אין האַנד. וואַרפט דעם בעזים אין דער הויך און פייפט, און די טויבען הויבען זיך צום הימעל, און איהם איז אַלץ וועניג, וויל, זיי זאָלען נאָך העכער פליהען. אויסער דעם, פלעגט ער כאַפּען אַנדערע פויגלען, ווי טשי־זשיקעס און סטאַארס, און אליין שטייגלאַך געמאַכט... דאַכט זיך, אַ נאַריש געשעפט, פונדעסטוועגען אַ צעהן רובעל אַ חודש האָט ער פון דעם געהאַט.

קורץ: געהט אזוי אוועק א שטיקעל צייט, פּלוצים נעהמט אָב ביי דער אלמנה הענד און פיס, לייגט זי זיך אוועק אין בעט. בלייבט די הויז אָהן א בעל הבית'טע, און א הויז אָהן א בעל הבית'טע איז ווי א מענש אָהן אויגען.

שלעכט, וואָס טהוט מען? איז די אלמנה זיך מיישב, זי וועט חתונה מאכען וואסיא'ן און וועט א שנור אריינגעהמען אין שטוב. לאָזט זי צו זיך רופען א שדכנ'טע. אהער—אהין, די ווייבער האָבען זיך ־ירכגעשמועסט, און וואסיא איז אוועק אָנקוקען כלות.

האָט ער זיך א שדכן געטהאָן צו דער טאָכטער פון דער אלמנה סאמאכוואליכע, צו מאשענקא'ן, הייסט עס. עס האָט נישט לאַנג גע־דויערט, און זיי האָבען חתונה געהאט, מיט מזל.

דאָס מיידעל איז א יונגע, א יאָהר זיעבענצעהן אלט, א קליינס און דיקס, מיט א ווייסען, חן'עוודיגען פּנים און מיט אלע מעלות, אָט ווי א ריכטיגע פריילען; און נדן פעהלט אויך ניט: פינף הונדערט רו־בעל מזומנים, א בהמה און בעטגעוואנד...

די אלטע, אזוי ווי דאָס הארץ וואָלט איהר פריהער געזאָגט, נעהמט א דריי טעג נאָך דער חתונה און טראָגט זיך אָפּ אהין, וואו עס זיינען נישטאָ ניט קיין קראנקהייטען און ניט קיין קרעכצען.

דאָס יונגע פּאָאר'ל האָט א טרויער געטהאָן און אוועק לעבען א גו־טען טאָג. זייער גליק האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאלטען: אין א האלב יאָהר ארום קלאפּט אָן א נייע צרה אין זייער טהיר: עפּענט!... וואָס איז? מען רופט איהם זיך שטעלען צו סאָלדאטען. האָט מען איהם צוגענומען פאר א סאָלדאט, ארומגעגאָלט דעם שטערן און אוועק־געשיקט אין די פּוילישע געגענדען.

מסתמא אזוי בעשערט, מען קען זיך ניט העלפען. אז ער האָט זיך אויפ'ן הויף געזעגענט מיט זיין ווייב, איז ער געווען רוהיג, אָבער אז ער האָט דערנאָך א קוק געטהאָן אויפ'ן דאך אויף די טויבען, האָט ער זיך אזוי צו־יאָמערט, אז עס איז א רחמנות געווען צו קוקען.

די ערשטע צייט האָט מאשענקא, אום אז איהר זאָל ניט אומע־טיג זיין, אריינגענומען צו זיך איהר מאמא'ן. יענע איז מיט איהר אָפּגעווען, ביז זי האָט געבאָרען קוזקא'ן און דערנאָך איז זי אוועקגע־פאָהרען אין אַנאַנדער שטאָדט, צו א צווייטער פערהייראַטהער טאָכ־טער, און דעמאָלט איז מאשענקא אליין פערבליבען מיט איהר קינד.

איז די גאַנצע בעל הבית'שקייט געבליבען אויף איהר קאָפּ. די פֿינף פֿוהרמאַנעס זיינען שיכורים, מען דארף אכטונג געבען אויף די פערד און וואַגענס, און דאָרט איז איינגעפאַלען דער פּאַרקאַן און דאָ האָט זיך די סאַזשע אינ'ם קוימען אָנגעצונדען. אַ ווייבערשער מוח איז ניט גרויס גענוג, אום דאָס אַלעס ארומצונעהמען. קורץ, האָט זי אָנגעהויבען צוגעהן צו מיר, עצות פרעגען. אַ נאָהענטער שכן איהרער, פלעג איך קומען צו איהר און איהר אויסהעלפען מיט אַן עצה, מיט אַזאַ זאַך, מיט אַנאַנדערער...

פערשטעהט זיך, אַז מען געהט שוין אריין אין שטוב, טרינקט מען אויס אַ גלעזעלע טהעע, מען שמועסט אַ ווײַלע, מען קען ניט זיין קיין דבר אחר. אַ מענש בין איך געווען אַ יונגער, אַ „געבילדעטער", האָב ליעב געהאַט צו ריידען וועגען פערשיעדענע זאַכען; זי איז אויך געווען אַ געבילדעטע און אַ העפליכע. האָט זיך אָנגעטהאָן ריין און זומער־צייט איז זי אָהן אַ שירם נישט ארויסגעגאַנגען.

עס פלעגט זיך טרעפען, איך פערפיהר מיט איהר אַ שמועס וועגען געטליכעס אָדער וועגען פּאָליטיקע, שמייכעלט עס איהר און זי איז מיך מכבד מיט טהעע און איינגעמאַכץ... מיט איין וואָרט, אום ניט לאַנג צו ברייען, זיידוניו, וועל איך דיר נור זאָגען, אַז עס האָט נישט גענומען קיין איין יאָהר, ווי דער שטן מקטרוג, דער פיינד פון דעם מענשליכען געשלעכט, האָט מיר דעם מוח אין גאַנצען צומישט. איך האָב גענו־מען בעמערקען, אַז ווען איך געה נישט צו איהר, איז מיר אומעטיג, געפין איך זיך נישט קיין אָרט. האָב איך גענומען צו איהר געהן אָפּטער און אָפּטער. דאָ קום איך צו איהר מיט אַן אויסרייד: „מען דארף אייך ארײנשטעלען די ווינטערדיגע פענסטער" און זיץ מיר דאָרט אָפּ אַ גאַנצען טאָג און לאָז נאָך איבער אַ צוויי פענסטער אויף מאָרגען און אַנאַנדערמאָל מיט אַנאַנדער אויסרייד: „די טויבען האָט מען געדאַרפט איבערצעהלען, צו אַלע זיינען גאַנץ" און אַזוי ווייטער...

און בין איך צו איהר אין שטוב נישט געגאַנגען, האָב איך מיט איהר גערעדט איבער'ן פּאַרקאַן, און צום סוף האָב איך צום פּאַרקאַן צוגעמאַכט אַ טירעל, אַז איך זאָל קענען גלייך דורכגעהן פון מיין הויף אויף איהרען.

דאָס ווייבערשע געשלעכט טהוט אָן אויף דער וועלט אַ סך צרות, ברענגט אַ סך זינד און פערשיעדענע פערברעכענס. ניט נור מיר, זיי־

דיגע בשר ודם'ניקעס, נור אפילו הייליגע צדיקים זיינען צוליעב דעם ווייבערשען געשלעכט געשטרויכעלט געווארען. מאשענקא האט מיך ניט אפגעלאזט פון זיך. אנשטאדט, וואס זי זאל דעם מאן געדענקען און זיך היטען, האט זי גענומען און זיך פערליעבט אין מיר...

איך האב גענומען באמערקען, אז איהר איז אויך אומעטיג און אז זי דרעהט זיך אלץ ארום פארקאן און קוקט דורך די שפארינעס אלץ צו מיר אויפ'ן הויף. האט די פאנטאזיע די געהירען אין מיין קאפ פערדרעהט...

דעם דאנערסטאג פון דער הייליגער וואך געה איך מיר גאנץ פריה, אקערשט בעגינען, ארויס אויפ'ן מארק. איך געה פערביי איהר טויער, ערשט דער שטן מקטרוג טהוט מיך א כאפ אן. איך טהו א קוק דורך איהר טויער, ערשט זי שטעהט אין מיטען הויף און קארמעט די ענטלאך. האב איך זיך ניט איינגעהאלטען און זי א רוף געטהאן. איז זי צוגעגאנגען צום טויער און קוקט אויף מיר. איהר פנים'ל איז ווייס, חן'עוודיג, די אויגלאך אזוינע גוטינקע, פערשלאפענע... איז זי מיר זעהר געפעהלען געווארען און האב איהר גענומען זאגען קאמפלימענטען אקוראט, ווי מיר וואלטען נישט ביים טויער געשטאנען, נור וואלטען אויף איהר געבורטסטאג פערבראכט. איז זי רויט געווארען, לאכט און קוקט מיר אלץ אין די אויגען אריין... האב איך מיין פערשטאנד בער־לארען, און איך נעהם און ערקלעהר איהר מיינע אלע ליעבע־געפיהלען... האט זי געעפענט דעם טויער, מיך אריינגעלאזט און פון יענעם איז דער־פריה אן האבען מיר גענומען לעבען, ווי מאן און פרוי.

פון דער גאס איז ארויפגעלאפען אויפ'ן הויף דער האָרבאַטער אליעשקא און, נישט קוקענדיג אויף קיינעם, איז ער א בערסאפעטער אריינגעלאפען אין שטוב. אין 10 מינוט ארום איז ער ארויסגעלאפען פונ'ם שטוב מיט א הארמאניק און, קלינגענדיג מיט קופערנע מטבעות, וואס זיינען געלעגען: ביי איהם אין דער קעשענע, און קנאקענדיג פאדסאלנעס, איז ער פערשוואונדען הינטער'ן טויער.

— און ווער איז דער? — האט געפרעגט דער דורכרייזענ־דער.

— מיין זוהן אליעשא — האט געענטפערט דיודיא — דער טוי־געניכטס איז אוועק הוליען. ער איז ביי אונז א קריפעל, דערפאר לאזען מיר איהם.

— נור ער הוליעט מיט די יונגאַטשעס, נור ער הוליעט! — האָט א זיפץ געטהאָן אפאנאַסיעווא—פאַר יום טוב האָט מען איהם חתונה געמאַכט, געמיינט, ער וועט בעסער ווערען, ערשט ער איז נאָך פיעל ערגער געוואָרען.

— עס האָט נישט געהאָלפען, אומזיסט נור אונגליקלאָך גע־מאַכט א פרעמד מיידעל — האָט דיודיא געזאָגט.

פון ערגעץ הינטערן קלויסטער האָט זיך גענומען גיסען א זיסער, טרויעריגער געזאַנג. קיין ווערטער האָבען זיך נישט געהערט. נור שטי־מען: צוויי טענאָרען און איין באַס. מחמת אַלע האָבען זיך צוגעהערט צו דעם געזאַנג, איז אויפ'ן הויף געוואָרען שטיל, שטיל...

צוויי שטימען האָבען פּלוצים איבערגעריסען דעם געזאַנג מיט א הילכענדיגען געלעכטער און די דריטע שטימע, א טענאָר, האָט גענומען אזאַ הויכען טאָן, אז אַלע האָבען נישט ווילענדיג א קוק געטהאָן ארויף, צום הימעל, אזוי ווי די שטימע וואָלט דאָרט דעם הימעל דער־גרייכט.

וואַרוואַרא איז ארויס פונ'ם שטוב און, פערשטעלענדיג די אויגען מיט א האַנד, אזוי ווי קעגען דער זונן, האָט זי א קוק געטהאָן אויפ'ן קלויסטער.

— דאָס זינגען דעם גלח'ס זוהן מיט'ן לעהרער — האָט זי גע־זאָגט.

ווידער האָבען די דריי שטימען הינטער'ן קלויסטער גענומען זינגען. דער דורכרייזענדער האָט א זיפץ געטהאָן און דערצעהלט ווייַ־טער:

— אָט אזוי, זיידוניו, טרעפען געשיכטעס אויף דער וועלט. אין צוויי יאָהר ארום האָבען מיר בעקומען א בריעף פון וואַסיא'ן אויס וואַרשוי. ער שרייבט, אז נאַטשאַלסטוואָ שיקט איהם אָפּ אהיים, ווייל ער איז קראַנק.

צו יענער צייט האָב איך שוין געהאַט די נאַרישקייט ארויסגע־שלאָגען פונ'ם קאָפּ און מען האָט מיר גערעדט א שידוך מיט א וואוי־לער כלה; איך האָב נור נישט געוואוסט, ווי אזוי בינד איך זיך אָפּ פון דער ליעבע־אָנשיקעניש. יעדען טאָג האָב איך זיך געקליבען איבערצו־ריידען מיט מאַשא'ן און איך האָב אַלץ ארומגעקלערט, ווי טהוט מען

אַ רייד מיט איהר אזוי, אז זי זאָל זיך ניט צוקווישען אויפ'ן ווייבער־שען שטייגער.

דער בריעף האָט מיר ארויסגעהאָלפען. מיר האָבען איהם איבער־געלעזען מיט מאשא'ן, זי איז ווייס געוואָרען, ווי שנעע, און איך טהו איהר א זאָג:

— געלויבט איז גאָט, איצט וועסטו ווידער ווערען אַ פרוי פון אַ מאַן.

מאכט זי:

— איך וועל מיט איהם ניט לעבען.

— וואָס הייסט? — מאַך איך — ער איז דאָך דיין מאַן?

ענטפערט זי:

— איך קען ניט... איך האָב איהם קיינמאָל ניט ליעב געהאַט. מיט גוואַלד האָט מען מיר חתונה געמאַכט מיט איהם, די מאַמע האָט מיך גענויט.

— וואָס דרעהסטו דאָרט מיט דער צונג, בהמה? — זאָג איך — איך פרעג דיך: האָסטו מיט איהם חתונה געהאַט אינ'ם קלויסטער, אָדער ניין?

— חתונה געהאַט — ענטפערט זי — אָבער איך האָב דיך ליעב און ביז מיין טויט וועל איך לעבען מיט דיר... מעגען לייט לאַכען, מיך האָרט נישט...

זאָג איך צו איהר:

— דו ביזט דאָך עפּעס אַ פרומע און האָסט געלעזען דעם הייליגען געבאָט, ווייסטו דאָך, וואָס דאָרט איז אָנגעשריעבען?

— חתונה געהאַט מיט אַ מאַן, מוז מען מיט'ן מאַן לעבען — האָט אונטערגעכאַפּט דיודיא.

— מאַן און ווייב איז איין לייב. מיר האָבען געזינדיגט — זאָג איך — דאַרף אַמאָל זיין גענוג, מען דאַרף געוויסען האָבען, אָן גאָט זיך דערמאָנען. זאָלען מיר זיך מודה זיין פאַר וואַסיא'ן, ער איז אַ מענש אַ שטילער, אַ שוואַכינקער — זאָג איך — וועט ער אונז נישט דער'הרג'ענען. און עס איז בעסער צו ליידען פון אַ געזעצליכען מאַן אויף דער וועלט—זאָג איך—איידער צו ליידען אויף יענער וועלט די מורא'דיגע ענוים... וויל זי מיך נישט הערען, טענה'ט אַלץ איהר'ס: „איך האָב דיך ליעב" — און דאָס אַלעס.

קומט צו פאָהרען וואַסיא שבת אין דער־פריה, ערב פון דעם יום טוב „טראָאיצא". איך האָב דאָס אַלעס געזעהען דורך די שפּאַרינעס פון'ם פּאַרקאַן. לויפט ער אריין אין שטוב, קומט באַלד ארויס אויפ'ן הויף מיט קוזקאַ'ן אויף די הענד, לאַכט און וויינט, קושט קוזקאַ'ן און קוקט אין דער זעלבער צייט צו די טויבען אויפ'ן דאַך — אי קוזקאַ'ן ווילט זיך איהם האַלטען, אי צו די טויבען ציהט איהם. אַ ווייכער מענש געווען, מיט אַ ווייך הארץ.

דער טאָג איז פּאַראיבער רוהיג, אָהן שום סקאַנדאַלען. פאַרנאַכט האָט דער קלויסטער גענומען קלינגען צו גאָט'ס געבעט, טראַכט איך מיר: מאָרגען איז „טראָאיצא", היינט ווארום פּוצען זיי ניט אוים דעם טויער און דאָס הויז מיט גרינס? עפּעס איז דאָרט נישט גלאַט — טראַכט איך. בין איך אַוועק צו זיי.

איך קום אריין צו זיי אין שטוב, ערשט וואַסיא זיצט אויף דער ערד אין מיטען צימער, גלאָצט מיט די אויגען, ווי שיכור, און איבער די באַקען קאַפּען טרעהרען און די הענד טרייסלען זיך; ער נעהמט ארויס פון אַ פּעקעל בייגעל, לעקעכלאַך און פערשיעדענע פּרעזענטען און שמייסט זיי אויף אַלע זייטען איבער'ן שטוב.

קוזקאַ — ער איז דעמאָלט אַלט געווען דריי יאָהר — פּויזעט ארום איבער דער פּאָדלאָגע און שפּאַרט זיך די לעקעכלאַך אינ'ם מויל אריין.

מאַשענקאַ אַליין שטעהט נעבען דער אויווען, ווייס ווי קאַלך, טרייסעלט זיך אין גאַנצען און מורמעלט:

— איך בין דיר נישט קיין ווייב, איך וויל מיט דיר נישט לע־בען...

און נאָך אַזוינע נארישקייטען.

האָב איך זיך אַ וואָרף געטהאָן וואַסיא'ן צו די פיס און זאָג:

— מיר האָבען געזינדיגט געגען דיר, וואַסילי מאַקסימיטש, זיי אונז מוחל.

דערנאָך בין איך אויפגעשטאַנען און מאַך צו מאַשענקאַ'ן אַזוי, אַט ווי איהר הערט:

— איהר מאַריא סעמיאָנאָוונאַ — זאָג איך — איהר דאַרפט איצט וואַסיא'ן די פיס וואַשען און דאָס וואַסער טרינקען. און זייט

איהם אַ גוטע ווייב און בעט גאָט פאַר מיר, ער זאָל מיר מיינע שווערע זינד מוחל זיין.

אַקוראַט ווי גאָט אַליין וואָלט מיר די דאָזיגע ווערטער אינ'ם מויל אריינגעלייגט, איך האָב זי גוט אויסגע'מוסר'ט, מיט געפיהל, אַזש שיער־שיער האָב איך זיך אַליין נישט צו־וויינט.

אין אַ צוויי טעג אַרום קומט צו מיר וואַסיא.

— מאַטיושאַ — זאָגט ער — איך בין מוחל אי דיר, אי איהר, זאָל זיין אַזוי, פערפאַלען. זי איז אַ סאָלדאַטקע, אַ יונגע פרוי, עס איז שווער נישט צו זינדיגען. ניט זי איז די ערשטע און ניט זי איז די לעצטע. איין זאַך וויל איך נור פון דיר: מיר זאָלען לעבען אַזוי, אַקוראַט ווי צווישען אונז וואָלט גאָר נישט ניט פאָרגעקומען און אפילו מיט אַ מינע זאָלסטו ניט ארויסווייזען, אַז עס האָט עפּעס געטראָפען און איך וועל זיך שוין סטאַרען, זי זאָל מיך ווידער אָנהויבען צו ליעבען.

די האַנד מיר דערלאַנגט, טהעע מיט מיר געטרונקען און איז אַוועק אַ פרעהליכער.

נו, טראַכט איך, דאַנקען גאָט, און מיר איז אַליין פרעהלאך גע־וואָרען אויפ'ן הארצען, וואָס דאָס האָט זיך אַזוי געענדיגט.

אָבער ווי נור וואַסיא איז ארויס פון מיין שטוב, איז מאַשענקאַ אריינגעלאָפען. אַן אונגליק און גאָר! וואַרפט זיך מיר אויפ'ן האַלז, וויינט און בעט זיך:

— האָב רחמנות, וואַרף מיך ניט אַוועק, לעבען אָהן דיר קען איך ניט.

— וואָס פאַר אַ חצופה! — האָט דיודיאַ אַ זיפץ געטהאָן.

— האָב איך אויף איהר גענומען שרייען, טופּען מיט די פיס, ארויסגעשלעפּט זי אין פיהרהויז און די טהיר פונ'ם הויז פעררי־געלט.

— געה — שריי איך — צו דיין מאַן! מאַך מיך ניט צו שאַנד פאַר לייטען, האָב מורא פאַר גאָט!

און אַזוי יעדען טאָג די זעלבע געשיכטע.

איינמאָל אין דער־פריה שטעה איך ביי זיך אויפ'ן הויף נעבען פערד־שטאַל און פעררינכט אַ צוים'ל. פּלוצים, זעה איך, זי לויפט דורך דער טהיר ביים פאַרקאַן צו מיר אויפ'ן הויף. אַ באָרפוסע, אין איין אונטערקליידעל, לויפט זי. זי דערזעהט מיך און טהוט זיך אַ וואַרף

צו מיר, ווי אַ משוגענע, כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענד אָן דעם צוימעל, שמירט זיך אוים אין גאַנצען מיט דיעגעכץ, טרייסעלט זיך און וויינט...

— איך קען ניט לעבען מיט'ן העסליכען — וויינט זי — איך האָב קיין כוחות ניט פאַר דעם! אויב דו ליעבסט מיך ניט, טאָ דער'הרג'ע מיך!

איך בין בייז געוואָרען און האָב איהר אַ פּאָאָר מאָל דערלאַנגט מיט'ן צוים'ל און אין דיעזער צייט לויפט אָן וואסיא דורך דער טהיר'ל און שרייט מיט אַ בענומענעם קול:

— שלאָג ניט! שלאָג ניט!

און אליין איז ער צוגעלאָפען צו איהר, אַזוי ווי אַ ווילדער, האָט אַ הויב געטהאָן די האַנד אין דער הויך און גענומען זי שלאָגען; האָט זי געשלאָגען אפריהער מיט די פויסטען גאָר אָהן רחמנות, מיט אַלע זיינע קרעפטען, דערנאָך האָט ער זי אַ שליידער געטהאָן אָן דער ערד און זי גענומען טופען מיט די פיס... איך האָב איהם געוואָלט אָפּרייסען פון איהר, און ער האָט נאָך אַ כאַפּ געטהאָן די לייצעס און גענומען זי האַקען מיט די לייצעס... שלאָגט, ממית'ט זי און קוויטשעט בשעת מעשה ווי אַ צו־ווילדעטער, יונגער זשערעבטשיק: הי־היהי!...

— מען האָט געראַפּט דיר אַזוי פערגעבען מיט די דאָזיגע לייצעס! — האָט וואַרוואַראַ אַ בורטשע געטהאָן. אָפּטרעטענדיג: — מערדער וואָס איהר זייט, אָט אַזוי ברענגט איהר אום אונזערע שוועסטער...

— שווייג, דו! — האָט אויף איהר אָנגעשריען דיודיא — שקאַפּע דו!

— הי־הי־הי! — האָט דער דורכרייזענדער ווייטער דערצעהלט — עס איז געקומען צו לויפען איינער פון זיינע פוהרמאַנעס און איך האָב נאָך אַ רוף געטהאָן מיין אַרבייטער אויך און זאַלבע דריט האָבען מיר אַרויסגעריסען מאַשענקאַ'ן פון זיינע הענד און אַ האַלב טויטע זי אַוועקגעפיהרט צו איהר אַהיים. אַ חרפּה און גאָר!

דעם זעלבען טאָג פאַרנאַכט בין איך אַוועק זי געוואָהר ווערען. זי ליעגט אויף דער בעט, אין גאַנצען אַרומגעלייגט מיט נאַסע טיכער, די אויגען און נאָז זעהען זיך נור אַרויס, און זי קוקט אויפ'ן סופיט.

מאַך איך צו איהר:

— גוט'ן אבענד, מאַריא סעמיאָנאָוונאַ.

זי שווייגט.

און אינ'ם צווייטען צימער זיצט וואַסיא, האַלט זיך ביים קאָפּ און וויינט:

— איך בין אַ מערדער! איך האָב זי דער'הרג'עט, מיין לעבען האָב איך דער'הרג'עט! גאַטוניו, שיק אויף מיר דעם טויט!

איך בין געזעסען ביי אַ האַלב שעה נעבען מאַשענקאַ'ן, האָב זי אויסגע'מוסר'ט, אָנגעשראָקען:

— די עהרליכע — זאָג איך — וועלען אויף יענער וועלט געהן אין גן עדן, און דו וועסט זיך בראָטען אינ'ם גהינום פייער מיט די אַנ־דערע אויסגעלאַסענע... זיי ניט איינגעשפּאַרט — זאָג איך — געה צום מאַן און וואַרף זיך איהם צו די פיס...

זי שווייגט, זאָגט קיין וואָרט נישט, טהוט אפילו נישט אַ פּינטעל מיט אַן אויג, אַקוראַט ווי איך וואָלט צו דער וואַנד גערעדט.

אויף מאָרגען איז וואַסיא קראַנק געוואָרען אויף עפּעס אַ מין כאָ־לעריע און פאַרנאַכט דעם זעלבען טאָג איז ער געשטאָרבען, מען האָט איהם מקבר געוועזען. מאַשענקאַ איז אויפ'ן בית עולם נישט געוועזען, זי האָט נישט געוואָלט זיך ווייזען פאַר לייטען מיט איהר צושלאָגע־נעם פּנים.

דערווייליע האָט זיך גענומען טראָגען אַ קלאַנג, אַז וואַסיא איז געשטאָרבען נישט מיט אַ נאַטירליכען טויט, אַז מאַשענקאַ האָט איהם אומגעבראַכט. נאַטשאַלסטוואָ האָט איהם אויסגעגראָבען, געפּאַלמעכט און געפונען סם ביי איהם אינ'ם בויך. איז געקומען פּאָליציי און פאַר־נומען מאַשענקאַ'ן און דעם יתום'ל קוזקאַ'ן. זיצט זי מיט'ן קינד אי'ן טורמע. וואָס דען? אויף אַזוינע פרויען האָט נישט גאָט קיין רחמנות!

אין אַן אַכט חדשים שפּעטער האָט מען זי גע'משפּט. זיצט זיך געדענק איך, אויפ'ן בענקעל מיט אַ ווייסען טיכעל אויפ'ן קאָפּ און אין אַ גרויען כאַלאַט, און אליין איז זי אויסגעדאַרט — איינגע־קוואַרט, אַ בלייכינקע, מיט אויסגעשצירעטע אויגען, אַז אַ רחמנות צו קוקען. אהינטער איהר אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס.

זי האָט זיך ניט מודה געוועזען. אייניגע אויפ'ן געריכט האָבען גע־טענה'ט, אַז זי האָט פער'סם'ט איהר מאַן, אַנדערע האָבען אויפגעוויזען אַז דער מאַן האָט זיך אַליין פער'סם'ט פאַר צרות. מיך האָט מען גע־

רופען אַלס עדות. איך האָב אַלעס דערצעהלט, דעם גאַנצען אמת.

— זי — זאָג איך — איז שולדיג. זי האָט איהר מאַן נישט גע־ליעבט, אַן איינגעשפּאַרטע פרוי, זאָג איך — איז זי געווען...

האָט מען זי אָנגעהויבען צו משפּט'ן אין דער פריה און ביי נאַכט האָט מען ארויסגעטראָגען אזא משפּט: צו פערשיקען זי אויף קאַטאָרגע אין סיביר אויף דרייצעהן יאָהר...

דערנאָך איז מאַשענקאַ אָפּגעזעסען אין אונזער טורמע נאָך א דריי חדשים. איך בין געגאַנגען צו איהר — זי איז דאָך פאָרט עפּעס א לעבעדיגער מענש. — האָב פאַר איהר געבראַכט טהעע, צוקער. און זי, אַז זי דערזעהט מיך, הויבט זיך אָן גלייך טרייסלען מיט'ן גאַנצען קערפּער, מאַכט צו מיר מיט ביידע הענד און מורמעלט: „אַוועק! אַוועק!" דערביי דריקט זי צו צו זיך קוזקאַ'ן, אַקוראַט ווי זי האָט מורא, איך זאָל איהם נישט אוועקנעהמען ביי איהר.

— אַט וואָס דו האָסט אויסגעפיהרט! — זאָג איך — עך, מאַ־שאַ, מאַשאַ, אונגליקליכע מאַשאַ! האָסט מיך נישט געוואָלט פאָלגען, ווען איך האָב דיך געלערענט שכל, אַט איצט רייס אויף זיך די האָאָר! דו אַליין ביזט שולדיג, דערפאַר האָט דיך גאָט אזוי געשטראָפט!

אַט אַזוי מוסר איך זי אויס און זי: „אַוועק! אַוועק!" דריקט זיך מיט קוזקאַ'ן אין דער וואַנד אריין און טרייסעלט זיך.

אַז מען האָט זי ארויסגעשיקט נאָך סיביר, האָב איך זי בעגלייט ביז'ן וואָקזאַל און האָב איהר אינ'ם פּעקעלע אריינגעשטופּט א מוזמנ'־עם רובעל פאַר מצוה וועגען. זי איז אָבער נישט דערגאַנגען ביז סיביר... אויפ'ן וועג האָט איהר א כאַפּ געטהאָן א היץ־קרענק און זי איז גע־שטאָרבען אין א טורמע.

— א הונד פּגרט ווי א הונד — האָט געזאָגט דיודיא.

— קוזקאַ'ן האָט מען צוריקגעשיקט אהיים... איך האָב געטראַכט און געטראַכט, דערנאָך האָב איך איהם צוגענומען צו זיך. וואָס קען מען זיך העלפען? כאָטש ער האָט א מיאוס'ע מאַמע געהאַט, דאָך האָט ער א לעבעדיגע נשמה, א קריסטליכע... א רחמנות. ער וועט ביי מיר אַרבייטען אינ'ם געשעפט און אז איך וועל נישט האָבען מיי־נע אייגענע קינדער, וועל איך איהם פאַר א סוחר מאַכען. דערווייל נעהם איך איהם מיט זיך אומעדום, וואָהין איך פאָהר: זאָל ער זיך לערנען.

די גאַנצע צייט, בעת דער דורכרייזענדער האָט דערצעהלט, איז קוזקאַ געזעסען נעבען טויער אויף אַ שטיין און, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענד, האָט ער געקוקט אויפ'ן הימעל. פון ווייטען אין דער פינסטערניש האָט ער אויסגעזעהען ווי אַ קליינער שטאַם פון אַ בוים.

— קוזקאַ, געה שלאָפען! — האָט אַ געשריי געטהאָן דער דורכרייזענדער.

— יאָ, שוין צייט — האָט געזאָגט דיודיא און זיך אויפגעהויבען. ער האָט הויך אַ גענעץ געטהאָן און צוגעלייגט: — וואָס דען? אז זיי לעבען מיט זייער אייגענעם שכל, ווילען ניט פאָלגען אַ קליגערען, מוזען זיי האָבען אַזאַ סוף.

איבער'ן הויף האָט שוין געשוועבט די לבנה. זי האָט זיך שנעל בעוועגט אין איין זייט און די וואָלקענס אונטער איהר אין אַנאַנדער זייט. די וואָלקענס זיינען אַוועק ווייטער און זי האָט נאָך אַלץ געשוועבט איבער'ן הויף.

— מאַטוועי סאַוויטש, דער דורכרייזענדער, האָט זיך איבערגעצלמ'ט געגען קלויסטער און געזאָגט „גוט נאַכט", האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד נעבען דעם וואָגען.

קוזקאַ האָט אויך אָפּגעזאָגט אַ געבעט, אַוועקגעלייגט זיך אינ'ם וואָגען און זיך צוגעדעקט מיט זיין רעקעל. אום עס זאָל איהם בעסער זיין צו שלאָפען, האָט ער אויסגעגראָבען אינ'ם היי אַ גריבעל און האָט זיך אַזוי אויסגעבויגט, אַז די עלענבויגענס זיינע האָבען בעריהרט די קניע.

פונ'ם הויף האָט מען געזעהן, ווי דיודיא האָט ביי זיך אויף'ן אונטערשטען שטאָק אָנגעצונדען אַ ליכט, אָנגעטאָן די ברילען און אַוועקגעשטעלט זיך אין אַ ווינקעל מיט אַ ביכעל. ער האָט לאַנג געלעזען און גענויגט זיך.

די דורכרייזענדע זיינען אַנשלאָפען געוואָרען. אפאַנאסיעוואַ און סאָפיא זיינען צוגעגאַנגען צום וואָגען און גענומען קוקען אויף קוזקאַ'ן.

— ער שלאָפט, דער יתום'ל — האָט די אַלטע געזאָגט — אַ דאַרינקער, אַ מאָגערינקער, הויט מיט ביינער. קיין מאַמע, נעבאַך, האָט ער ניט, נישטאָ ווער עס זאָל איהם ריכטיג אָנקאָרמענען.

— מיין גרישקאַ איז הפנים אויף אַ יאָהר צוויי עלטער פון איהם

— האָט געזאָגט סאָפּיא — אויף דער פאַבריק אין דער קנעכטשאַפט לעבט ער, אָהן אַ מאַמע'ס אויגען. דער בעל הבית מסתמא שלאָגט איהם. ווי איך האָב פריהער דערזעהען אָט דעם אינגעלע, אַזוי גלייך האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיין גרישקאַ'ן, און דאָס הארץ איז מיר פערלאָפען מיט בלוט.

דערנאָך האָבען זיי אַ ווײַלע געשוויגען.

— ער געדענקט ניט אודאי די מאַמען — האָט די אַלטע געזאָגט.

— ווי זאָל ער געדענקען!

און איבער סאָפּיא'ס באַקען האָבען זיך גענומען קייקלען גרויסע טרעהרען.

— ווי אַ בייגעלע האָט ער זיך צונויפגעדרעהט... — האָט זי געזאָגט, כליפּענדיג, און לאַכענדיג פאַר התפעלות און רחמנות: — מיין אונגליקליכער יתום'ל.

קוזקאַ האָט אַ ציטער געטהאָן און די אויגען געעפענט. ער האָט דערזעהען פאַר זיך אַ מיאוס'ן, צוקנייטשטען און פערוויינטען פּנים, נעבען דעם אַ צווייטען אַלטען פּנים, אָהן ציינער, מיט אַ שפּיציגער מאָרדע און אַ האָרבאַטער נאָז, און איבער זיי אַ טיעפער הימעל מיט איילענדיגע וואָלקענס און מיט דער לבנה, און ער האָט אַ געשריי געטהאָן פאַר שרעק. סאָפּיא האָט אויך אַ געשריי געטהאָן; זיי ביידען האָט אָפּגעענטפערט אַן עכאָ, און אין דער שטיקענדיגער לופט האָט זיך דורכגעטראָגען אַן אונרוהע; עס האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּען פון דעם שכנישען וועכטער און דאָס בילען פון אַ הונד.

מאַטוועי סאַוויטש האָט עפּעס אַ בורטשע געטהאָן פון שלאָף און זיך איבערגעקעהרט אויף דער אַנדערער זייט.

שפּעט אין דער נאַכט, בעת עס האָבען שוין געשלאָפען אי דיור־דיאַ, אי די אַלטע, אי דער שכנישער וועכטער, איז סאָפּיא ארויסגע־גאַנגען פונ'ם טויער און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק נעבען שטוב. עס איז איהר היים געווען און פון די טרעהרען האָט איהר דער קאָפּ גענומען וועה טהאָן.

די גאַס איז געווען אַ ברייטע און אַ לאַנגע. רעכטס איז זי געלאָפען אַ ווערסט צוויי און ליינקס אַזוי פיעל, קיין ענד פון דער גאַס האָט זיך נישט געזעהען. די לבנה האָט זיך בעהאַלטען הינטער'ן קלויסטער. איין זייט פון דער גאַס איז פערגאָסען געווען מיט דער שיין פון דער

לבנה און די צווייטע איז געשטאַנען אין אַ טיעף־דונקעלען שאָטען. לאַנגע שאָטענס פון פאַפעל־בוימער האָבען זיך געצויגען איבער דער גאַנצער גאַס און דער שאָטען פונ'ם קלויסטער, אַ שווארצער און אַ מורא'דיגער, האָט זיך אויסגעצויגען אין דער ברייט און ארומגענומען דעם טויער פון דיודיא'ן און אַ העלפט פון זיין הויז.

ארום איז געווען שטיל, קיין לעבעדיגע זעעל. נור צייטענווייז האָט זיך דערהערט פון ווייט־ווייט אַ שפּיעלען אויף אַ האַרמאָניק. הפנים דער האַרבאַטער אליאָשקאַ האָט עס געשפּיעלט.

אינ'ם שאָטען ארום קלויסטער האָט זיך עמיצער בעוועגט און מען האָט נישט געקענט זעהען, צו דאָס איז אַ מענש, אָדער אַ קוה, אָדער אפשר גאָר אַ גרויסער פויגעל בעוועגט זיך דאָרט צווישען די בוימער. נור פּלוצים איז פונ'ם שאָטען ארויסגעטראָטען אַ געשטאַלט, האָט זיך אָפּגעשטעלט און עפּעס געזאָגט מיט אַ מענערשער שטימע, דערנאָך איז זי פערשוואונדען אין הינטערגעסעל נעבען קלויסטער.

אין אַ ווײלע ארום האָט זיך ניט ווייט פונ'ם טויער בעוויזען אַ צווייטע געשטאַלט. די דאָזיגע געשטאַלט איז געגאַנגען פון דער זייט פונ'ם קלויסטער גלייך צום טויער. דערזעהן סאָפיא'ן אויף דער באַנק, איז זי שטעהן געבליבען.

— דו ביזט עס, ווארוואַרא? — האָט סאָפיא געפרעגט.

— און אז איך, איז וואָס?

דאָס איז געווען ווארוואַריא. זי איז אַ ווײלע געשטאַנען, דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו דער באַנק און זיך אַנידערגעזעצט.

— וואו האָסטו זיך ארומגעשלעפּט? — האָט סאָפיא געפרעגט.

ווארוואַראַ האָט נישט געענטפערט.

— זעה, ווארוואַרא, דו זאָלסט נישט האָבען אזא סוף, ווי יענע! — האָט סאָפיא געזאָגט — דו האָסט דאָך געהערט, וואָס דער מאַן האָט דערצעהלט?... מאשענקא'ן האָט מען געשלאָגען אי מיט די לייצעס, אי מיט די פיס... היט זיך, ווארוואַרא, אז דו אליין זאָלסט עס ניט קריגען!

— זאָל מען.

ווארוואַרא האָט זיך שטיל צולאַכט און ארויסגעשעפּצעט:

— מיט דעם גלח'ס זון האָב איך נור וואָס געשפּאַצירט.

— דו לייגסט.

— גאט זאל מיר אזוי העלפען.

— דאס איז א זינד! — האט סאפיא ארויסגעשעפּצעט.

— זאל זיין א זינד... וואס האב איך וואס צו פערלירען? א זינד איז א זינד, אבער נאך בעסער וואלט געווען, ווען א דונער וואלט מיך דערשלאגען! אזא לעבען איז ערגער ווי דער טויט. איך בין יונג, געזונד און דער מאן מיינער איז א הארבאטער, א העסליכער און א הרג נפש, ערגער נאך ווי זיין טאטקע, דער צורר דיודיא. ווען איך בין געווען א מיידעל, האב איך געהונגערט, בארפוס און נאקעט ארומגעגאנגען, בין איך אוועק פון יענע רשעים און האב חתונה געהאט מיט אליעשקא'ן, האב געמיינט, אז איך וועל גליקלאך זיין מיט זיין רייכען טאטקען. צום סוף פיהל איך זיך, ווי א פיש אין א נעץ. בעסער וואלט איך געשלאפען מיט דער ערגסטער מיאוסקייט, אייידער מיט דעם פארשיווען אליאשקא'ן. און דיין לעבען? דו אליין ביזט דען גליקליכער? גלויב מיר, אז איך קען נישט צוקוקען דיין צער. דיין פיאדער האט דיך פעריאגט פון דער פאבריק, צו זיין טאטען דיך פערטריבען און האט זיך אנאנדערע געקראגען; דעם אינגעל ביי דיר אוועקגענומען און איהם צו דער ארבייט אפגעגעבען. דו הארעוועסט, ווי א פערד, און קיין גוט ווארט הערסטו פון קיינעם נישט. בעסער צו פערבלייבען אן אלטע מויד אויף לעבען לאנג, בעסער צו נעהמען ביים גלח'ס זוהן פופציג קאפיקענע, בעסער מיט'ן קאפ אינ'ם ברונים אריין...

— א זינד! — האט סאפיא ווידער ארויסגעשעפּצעט.

— זאל זיין, מיין דאגה!

פון ערגעץ הינטערן קלויסטער האט זיך ווידער דערהערט דער זיסער און טרויעריגער געזאנג, פון די פריהערדיגע דריי שטימען געזונגען: דעם באס און די צוויי טענארען, און ווידער האט מען די ווערטער נישט געקענט הערען.

— הוליאקעס... — האט ווארווארא זיך צולאכט.

און זי האט גענומען דערצעהלען אין דער־שטיל, ווי זי פערברענגט די נעכט מיט דעם גלח'ס זוהן, וואס ער זאגט איהר און וואס פאר א חברים ער האט און ווי זי האט פערבראכט מיט די דורכרייזענדע סוחרים און בעאמטע.

דער טרויעריגער געזאנג האט אן אטהעם געטהאן מיט פרייען

לעבען, סאָפיא האָט גענומען לאַכען, עס איז איהר אי אַנגענעהם געווען, אי מורא׳דיג געוועזן צו הערען וואַרוואַרא׳ן, אי זי האָט איהר מקנא געווען, אי עס האָט איהר פערדראָסען, ווארום זי אליין האָט נישט געזינדיגט, בעת זי איז געווען יונג און שעהן...

ווייט, אויפ׳ן אַלטען קלויסטער, האָט געשלאָגען צוועלף.

סאָפיא האָט זיך אויפעהויבען.

— שוין צייט צו שלאָפען — האָט זי געזאָגט — אַ ניט קען נאָך דיודיא דערהערען.

ביידע זיינען שטיל ארויף אויפ׳ן הויף.

— איך בין אוועק אין מיטען און האָב נישט געהערט, וואָס פון מאשענקא׳ן איז געוואָרען — האָט געזאָגט וואַרוואַרא, אויסבעטענדיג זיך אונטער׳ן פענסטער.

— געשטאָרבען, זאָגט ער, אין טורמע. זי האָט דעם מאַן איהרען פער׳סם׳ט.

וואַרוואַרא האָט זיך געלייגט נעבען סאָפיא׳ן, אַ ווײַלע אַ טראַכט געטהאָן און שטיל געזאָגט:

— איך וואָלט מיין אַליעשקא׳ן אויך פער׳סם׳ט אָהן רחמנות.

— וואָס פּלאַפּעלסטו, גאָט איז מיט דיר.

אַז סאָפיא האָט איינגעדרעמעלט, האָט וואַרוואַרא זיך צוגע־דריקט צו איהר און איהר איינגערוימט אויפ׳ן אויער:

— לאָמיר אומברענגען דיודיא׳ן און אַליעשקא׳ן.

סאָפיא האָט אַ ציטער געטהאָן און גאָר נישט געזאָגט. דערנאָך האָט זי געעפענט די אויגען און לאַנג־לאַנג געקוקט פערטראַכט אויפ׳ן הימעל.

— לייט וועלען זיך דערוויסען — האָט זי געזאָגט.

— זיי וועלען זיך נישט דערוויסען. דיודיא איז אַן אַלטער מאַן, איהם איז שוין צייט און אַליאָשקא, וועט מען מיינען, האָט איינגע־נומען פון שיכרות.

— מורא׳דיג... גאָט וועט שטראָפען...

— זאָל ער...

ביידע האָבען נישט געשלאָפען און געטראַכט.

— קאַלט — האָט געזאָגט סאָפיא און זיך גענומען טרייסלען מיט׳ן גאַנצען קערפּער — באַלד הפנים טאָג... דו שלאָפסט?

— ניין... דו גלויב מיר נישט, טהייערינקע — האָט ווארוואַרא ארויסגעשעפּצעט — איך בין בייז אויף זיי, רייד איך דערפאר שדים ווייסען וואָס. שלאָף... עס בעגינט שוין באַלד... שלאָף...

ביידע זיינען אנשוויגען געוואָרען, האָבען זיך בערוהיגט און באַלד איינגעשלאָפען.

פריהער פון אַלעמען איז אויפגעשטאַנען די אַלטע. זי האָט אויפגעוועקט סאָפיא'ן און ביידע זיינען אוועק אונטער'ן וועטער־דאַך מעלקען די קיה.

עס איז געקומען דער האַרבאַטער אַליאָשקאַ, שיכור ווי לוט, אָהן א האַרמאָניק; זיין ברוסט און קניע זיינען איינגעטונקט געווען אין שטויב און שטרוי, הפּנים אז ער איז אויפ'ן וועג עטליכע מאָל געפאַלען.

שאָקלענדיג זיך אויף די פיס, האָט ער זיך דערשלעפּט ביז'ן וועטער־דאַך, א וואָרף געטהאָן זיך אויף א שליטען און באַלד גענומען כראָפּען.

ווען פון דער אויפגעגאַנגענער זונן האָבען מיט א העלען פלאַם זיך אָנגעצונדען די צלמים פונ'ם קלויסטער, דערנאָך די פענסטער און דורכ'ן הויף איבער די פּערטהויטע גראָז האָבען זיך אויסגעצויגען די שאָטענס פון די בוימער און פון דעם ברונים־שטיינג, דאן איז מאטוועי סאַוויטש אויפגעשפּרונגען און זיך גענומען איילען.

— קוזקאַ, שטעה אויף! — האָט ער א געשריי געטהאָן — שוין צייט איינצושפּאַנען! גיכער!

עס האָט זיך אָנגעהויבען דער פריהמאָרגענדיגער הו־האַ.

א יונגע אידישע פרוי אין א דונקעלען קלייד מיט קרייזען, האָט ארויפגעפיהרט א פערד אויפ'ן הויף אָנטרינקען ביים ברונים. דער ברונים־שטיינג האָט רחמנות'דיג א קרעכץ געטהאָן, די עמער האָט גענומען קלאַפּען... קוזקאַ, א פערשלאָפענער, א צוקראַכענער, אין גאַנצען מיט טהוי בעדעקט, איז געזעסען אויפ'ן וואָגען, האָט פויל אָנגעטאָן זיין רעקעל, געהערט, ווי אינ'ם ברונים גיעסט זיך דאָס וואסער פון דעם עמער, און האָט זיך געקאָרטשעט פאַר קעלט.

— מוהמעניו — האָט מאטוועי סאַוויטש א געשריי געטהאָן צו סאָפיא'ן — טהו א וועק מיין פוהרמאַן, ער זאָל געהן די פערד שפּאַ־נען.

און אין דער זעלבער צייט האָט דיודיא געשריען דורכ'ן פענס־טער:

— סאָפיא, נעהם ביי דער זשידאָווקע א קאָפּיקע פאר דאָס וואסער. זיי האָבען זיך שוין גענומען שלעפּען, די פאראכטע.

איבער דער גאס זיינען ארומגעלאָפען הין און צוריק שעפּסען און געמעקעט. ווייבער האָבען געשריען אויפ'ן פאסטוך, וועלכער האָט געשפּיעלט אויף א פייפעל, געקנאקט מיט א בייטש, אָדער האָט זיי געענטפערט מיט א גראָבען, הייזעריגען באס.

אויפ'ן הויף זיינען ארויפגעלאָפען דריי שעפּסען און נישט גע־פונען דעם טויער, — האָבען זיי זיך אָן פארקאָן געשטויסען.

פונ'ם טומעל האָט זיך ווארווארא אויפגעכאפּט, זי האָט א כאפּ געטהאָן פון דער ערד איהר קישען און איז צום שטוב אוועק.

— דו וואָלסט כאָטש די שעפּסען אראָבגעטריעבען פונ'ם הויף — האָט די אַלטע געזאָגט — פריצטע מיינע!

— וואָס נאָך? אָט באלד וועל איך פאר אייך ארבייטען. ווארט אביסעל! — האָט א בורטשע געטהאָן ווארווארא און איז אריין אין שטוב.

מען האָט אונטערגעשמירט דעם וואָגען און איינגעשפּאנט די פערד.

פונ'ם הויז איז ארויסגעקומען דיודיא, האָט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן גאניק און גענומען רעכענען, וויפיעל עס קומט פון דעם דורכ־רייזענדען פאר איבערנעכטיגען, האָבער און פאר אָנטרינקען דעם פערד.

— אביסעלע צופיעל פאר'ן האָבער, זיידוניו — האָט זיך אָנגע־רופען מאטוועי סאַוויטש.

— אויב צופיעל, האָסטו ניט געדאַרפט נעהמען, קיינער האָט דיך ניט גענויט.

ווען די דורכרייזענדע זיינען צוגעגאַנגען צום וואָגען און גע־וואָלט פאָהרען, האָט זיי עפּעס פערהאַלטען. ביי קוזקאַ'ן איז פערפאַלען געוואָרען דאָס היטעל.

— וואו האָסטו עס אהינגעטהאָן, שוויין דו? — האָט מאטוועי סאַוויטש גענומען שרייען — וואו איז דאָס היטעל?

ביי קוזקאַ'ן האָט פאר שרעק דער פּנים גענומען צוקען, ער האָט

גענומען לויפען ארום וואָגען, און ניט געפונען, איז ער אוועקגעלאָפען צום טויער, דערנאָך אונטער'ן וועטער־דאַך. די אַלטע און סאָפיא האָבען איהם געהאָלפען זוכען.

— איך וועל דיר די אויערען אויסרייסען! — האָט געשריען מאַטוועי סאַוויטש — איך וועל דיר..

דאָס היטעל האָט זיך געפונען אינ'ם וואָגען אונטער די היי. קוזקא האָט מיט'ן ארבעל אָרונטערגעשאַרט פון איהם דאָס היי, אָנגעטאָן, און מיט א צושראָקענעם פּנים'ל, אַקוראַט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מען זאָל איהם ניט א זעץ טהאָן פון הינטען, איז ער ארויפגעקראָכען אויפ'ן וואָגען.

מאַטוועי סאַוויטש האָט זיך איבערגעצלמ'ט, דער יונגער פוהרמאָן האָט א ציה געטהאָן די לייצעס, און דער וואָגען האָט זיך א ריהר געטהאָן און ארויסגעפאָהרען פונ'ם הויף.

א פאַל פון פראַקטיק

דער פּראָפעסאָר האָט געקראָגען אַ טעלעגראַמע פון ליאַליקאָוו׳ס פאַבריק, ער זאָל וואָס שנעלער קומען צופאָהרען. די טאָכטער פון עפּעס אַ מאַדאַם ליאַליקאָוו, וואהרשיינליך די בעל הבית׳טע פון דער פאַבריק, איז געוועזן קראַנק, מעהר האָט מען נישט געקענט פערשטעהן פון דער לאַנגער, אומגעלומפּערט־צוזאַמענגעשטעלטער טעלעגראַמע.

דער פּראָפעסאָר אַליין איז נישט געפאָהרען און האָט אויף זיין פּלאַץ געשיקט זיין אַסיסטענט קאָראָלעוו׳ן.

מען האָט געדאַרפט אָבפאָהרען צוויי סטאַנציאָנען פון מאָסקווע און דערנאָך פאָהרען אַ וויאָרסט פיער אויף פערד. נאָך קאָראָלעוו׳ן האָט מען אויף דער סטאַנציאָן ארויסגעשיקט אַ קאַוטש מיט דריי פערד; דער קוטשער האָט געטראָגען אַ הוט מיט אַ לאַנגען פעדער און האָט אויף אַלע פראַגען געענטפערט הויך, מעשה סאָלדאַט: „פאַר קיין פאַל נישט!" — „פּונקט אזוי!"

עס איז געווען אַ שבת׳דיגער אבענד, די זונן איז פערגאַנגען.

פון דער פאַבריק צו דער סטאַנציאָן זיינען געגאַנגען ארבייטער קופּעס־ווייז און האָבען זיך גענייגט צו די פערד, אויף וועלכע קאָראָלעוו איז געפאָהרען.

און קאָראָלעוו׳ן האָבען בע׳כישוף׳ט די פּריצישע הייזער, אי דער אבענד, אי די זומער־פּלעצער ביי די זייטען, אי די בירקען־בוימער, אי די שטילע שטימונג ארום, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז צוזאַמען מיט די ארבייטער האָבען זיך אצינד, ערב יום טוב, געקליבען אָברוהען אי דאָס פעלד, אי דער וואַלד, אי די זון, — אָברוהען און אפשר אויך גאָט בעטען...

ער איז געבאָרען און אויסגעוואקסען אין מאָסקווע, קיין דאָרף האָט ער נישט אָנגעזעהען און מיט פאבריקען האָט ער זיך קיין מאָל

נישט אינטערעסירט און איז אין זיי ניט געווען. איהם איז אָבער אויסגעקומען צו לעזען וועגען פאבריקען און אָפט זיין צוגאסט ביי פאבריקאנטען און פערברענגען מיט זיי; און ווען ער האָט פון ווייטען, צו פון נאָהענטען געזעהן א פאבריק, האָט ער יעדעס מאָל געטראכט, אז אָט פון אויסענווענינג איז אַלעס שטיל און רוהיג און אינעווענינג הערשט מסתמא די שרעקליכע אונוויסענהייט, דער פערביסענער עגאָאיזמוס פון די בעל הבתים. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די לאַנגווייליגע, אונגעזונדע האָרעוואניע פון די ארבייטער, זייערע מחלוקות, בראָנפען און אינסעקטען... און אצינד, ווען די ארבייטער האָבען מיט דרך ארץ און מורא אָבגעטראָטען אָן א זייט פאר דעם קאוטש, האָט ער אין זייערע פנים׳ער, אין די רעקלאָך, אין זייער גאַנג געלעזען פיזישע אונריינקייט, שיכרות, נערוועזיטעט און צומישטקייט.

זיי זיינען אריינגעפאָהרען אין די טויערען פון דער פאבריק. פון ביידע זייטען האָבען געגומען ווינקען ארבייטער־הייזלאָך, פנים׳ער פון פרויען, וועש און קאָלדרעס אויף די בריקלאָך.

— היט זיך! — האָט געשריען דער קוטשער און ניט איינגעהאַלטען די פערד.

אָט איז א ברייטער הויף אָהן גראָז, אויף איהם שטעהען פינף ריזיגע געביידען מיט קוימענס. ניט ווייט איינס פונ׳ם אנדערען ציהען זיך סקלאַדען פאר סחורה, שפייכלערס, און אויף אַלעמען ליגט עפעס א מין מאָדנער גרויער שלייער, אזוי ווי פון שטויב.

דאָ און דאָרט, אזוי ווי אָן אָאזיס אין דער וויסטעניש, זעהען זיך אָרימע גערטעלאך און גרינע, אָדער רויטע, דעכער פון די הייזער, וואו עס וואוינען די פאבריק אויפזעהער.

דער קוטשער האָט פּלוצים אָבגעשטעלט די פערד און דער קאוטש האָט זיך אָבגעשטעלט פאר א הויז, וואָס איז געווען ניי געפארבט אין א גרויען קאָליר; דאָ איז אויך געווען א גערטעל מיט בלומען, אין גאַנצען באדעקט מיט שטויב, און פון דעם געלען באלקאָן האָט שטארק געשמעקט מיט פארב.

— ביטע, הערר דאָקטאָר — האָבען געזאָגט פרויען שטימען אין פיהר־הויז; און דערביי האָבען זיך געהערט קרעכצען און א שעפּצען זיך: — ביטע, מיר האָבען זיך שוין קוים דערוואַרט... דאָס איז אַן אמת׳ע צרה. אָט אהער זייט אזוי גוט.

פרוי ליאַליקאָווו, אַ פולע מיטעליאַהריגע פרוי, אין אַ שוואַרץ־זיידען קלייד מיט מאָדערנע אַרבעל, נאָכ'ן פּנים נאָך קענטיג, אַ פּראָסטע, אונגעבילדעטע, האָט אונרוהיג געקוקט אויף דעם דאָקטאָר און ניט געוואַגט איהם צו געבען די האַנד.

נעבען איהר איז געשטאַנען אַ מאָגערע און שוין ניט קיין יונגע פּערזאָן מיט געשאָרענע האָאַר אין ברילען און אין אַ בונטען קאָלירטען יאַקעל. די דינערשאַפט האָט זי גערופען כריסטיא דמיטריעוונאַ, און קאָראָלעוו האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס איז מסתמא די גובערנאַנט־קע. איהר, אַלס דער הויפּט געבילדעטער אין הויז, האָט מען הפּנים איבערגעגעבען צו עמפּפאַנגען און צונעהמען דעם דאָקטאָר. און זי האָט טאַקע גלייך אויפ'ן אָרט, איילענדיג זיך גענומען ערקלעהרען מיט קליינע, אונוויכטיגע איינצעלהייטען די אורזאַכען פון דער קראַנקהייט, האָט אָבער ניט געזאָגט, ווער עס איז קראַנק און וואָס דאָ טהוט זיך.

דער דאָקטאָר מיט דער גובערנאַנטקע זיינען געזעסען און גערעדט, און די בעל הבית'טע איז געשטאַנען ביי דער טהיר אונבעוועגליך און געוואַרט.

פון דעם געשפּרעך האָט דער דאָקטאָר פערשטאַנען, אַז קראַנק איז ליזאַ, אַ מיידעל צוואַנציג יאָהר אַלט, פרוי ליאַליקאָוו'ס איינציגע טאָכטער און יורש'טע. זי האָט שוין לאַנג געקריינקט און קורירט זיך ביי פערשיעדענע דאָקטוירים, און אַז לעצטע נאַכט, פון אָבענד ביז אין דער פריה, איז ביי איהר געווען אַזאַ האַרץ־קלאַפּעניש, אַז קיינער אין'ם הויז האָט מיט אַן אויג נישט צוגעמאַכט! מען האָט מורא געהאַט, אַז זי שטאַרבט.

— זי איז ביי אונז געוועז, קען מען זאָגען, פון קינדהייט אָן אַ שוואַכינקע — האָט דערצעהלט כריסטינאַ דמיטריעוונאַ מיט אַ זינגענדיג קול, און זיך אַלע וויילע געווישט די ליפּען מיט דער האַנד: — דאָקטוירים זאָגען — נערוועז... נור ווען זי איז נאָך אַ קליינינקע געוועזן, האָבען די דאָקטוירים איהר אַריינגעטריעבען שקראָפּעל אינעווייניג אין קערפּער, איז אָט, דענק איך, אַז עס קען זיין דערפון.

מען איז אַוועק צו דער קראַנקער.

דאָס איז געוועזן אַן ערוואַקסענע מיידעל, אַ גרויסע, אַ גוט געבויטע, אָבער ניט קיין שעהנע, עהנליך צו דער מוטער, מיט די זעלבע קליינע אויגען און ברייטער, ניט אין מאָס ענטוויקעלטער אונטערשטער

טהייל פון'ם פנים. אַ ניט פערקאַמטע, צוגעדעקט ביז'ן האַלז, האָט זי אין דער ערשטער מינוט געמאַכט אויף קאַראַלעוו'ן דעם איינדרוק פון אַן אונגליקלאַך בעשעפעניש, אַן אָרעמ'ס, וועלכעס מען האָט פון רחמנות וועגען אָנגעוואַרעמט און בעשיצט... עס האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט גלויבען, אַז דאָס איז די יורש'טע פון די פינף ריזיגע געביידען.

— און מיר קומען צו אייך — האָט אָנגעהויבען קאַראַלעוו: מיר זיינען געקומען אייך היילען, וואָס מאַכט איהר.

ער האָט אָנגערופען זיין נאָמען און אַ דריק געטהאָן איהר האַנד, אַ גרויסע,קאַלטע, ניט שעהנע האַנד.

זי האָט זיך אויפגעזעצט. קענטיג, אַז צו דאָקטוירים איז זי שוין פון לאַנג אָן געוואוינט געווען און האָט זיך פאַר זיי נישט גע־שעהמט. אַ גאַנץ גלייכגילטיגע, האָט זי זיך געלאָזט אונטערזוכען, ניט פאַרשטעלענדיג איהרע נאַקעטע אַקסלען און ברוסט.

איך לייד אויף האַרץ־קלאַפּעניש — האָט זי געזאָגט — אַ גאַנצע נאַכט האָט עס אָנגעהאַלטען אַזוי שרעקליך... איך בין שיער נישט געשטאָרבען פאַר שרעק! גיט מיר וואָס עס איז.

— איך'ל געבען, איך'ל געבען! בערוהיגט זיך.

קאַראַלעוו האָט זי אַרומגעקוקט און אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.

— די האַרץ איז ווי עס געהער צו זיין — האָט ער געזאָגט — אַלעס איז אין אָרדנונג. די נערווען האָבען זיך הפנים אַביסעל אַ שפּיעל געטהאָן, אָבער דאָס איז אַ געוועהנליכע זאַך. דער נערוועזער אָנפאַל האָט זיך, וואַהרשיינליך, שוין געענדיגט, לייגט זיך שלאָ־פען.

אין דיעזער צייט האָט מען אין שלאָף־צימער אַריינגעטראָגען אַ לאָמפּ. די קראַנקע האָט פאַרזשמורעט די אויגען פון דעם שיין און פּלוצים אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ מיטביידע הענד און גענומען ווייי־נען.

דער איינדרוק, אַז דאָס איז אַן אָרים, מיאוס באַשעפעניש, איז גלייך פערשוואונדען און קאַראַלעוו האָט שוין אַצינד נישט באַ־מערקט ניט די קליינע אויגען, און ניט דעם פאַרגרעבטען אונטערשטען טהייל פון פנים; ער האָט געזעהען אַ ווייכען, ליידענדען אויסדרוק, וועלכער איז געווען אַזוי קלוג און אַזוי ריהרענד, אַז זי אין גאַנצען

האָט זיך איהם אויסגעוויזען גראַציעז, נעט און איינפאַך, און עס האָט זיך איהם אַצינד געוואָלט בערוהיגען זי ניט מיט רעצעפּטען, ניט מיט קיינע עצות, נור מיט אַ פּשוט, פריינדליך וואָרט.

די מוטער האָט ארומגענומען איהר קאָפּ און צוגעדריקט צו זיך. וויפיעל פערצווייפלונג, וויפיעל צער איז עס געלעגען אויף דער אַלטערס פּנים! זי, די מוטער, האָט געזויגען, האָט אויסגעהאָדעוועט די טאָכטער, האָט איהר קיין זאַך ניט געזשאַלעוועט. איהר גאַנץ לעבען האָט זי אָבגעגעבען צו לערנען די טאָכטער פראַנצויזיש, טאַנצען, שפּיעלען. האָט פּאַר איהר געהאַלטען אפשר צעהן לעהרער, די גרעסטע דאָקטוירים צו איהר גערופען, געהאַלטען אַ גובערנאַנטקע. און אַצינד האָט זי נישט פערשטאַנען פון וואַנען עס קומען צו איהר די טרעהרען, די טרעהרען, די שרעקליכע ליידען און יסורים... האָט נישט פערשטאַנען און זיך פערלאָרען און אויף איהר פּנים איז ארויסגעטראָטען אַ שולדיגער, אונרוהיגער, פערצווייפעלטער אויסדרוק, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט פאַרזעהען עטוואָס וויכטיגער, עטוואָס, וואָס זי האָט נאָך נישט געטהאָן... וואָס, ווען — דאָס האָט זי אליין נישט געוואוסט.

— ליזאָטשקאַ, שוין ווידער? ... דיר איז ווידער — האָט זי גערעדט, דריקענדיג צו זיך די טאָכטער: — טהייערינקע, טייבעלע מיינע, קינד מיינס, זאָג, וואָס איז מיט דיר? האָב רחמנות איבער מיר, זאָג.

ביידע האָבען ביטער געוויינט.

קאָראָלעוו האָט זיך געזעצט אויף אַ ברעג פון בעט און אָנגענומען ליזא'ן פאַר אַ האַנד.

— הערט אויף, לוינט זיך דען צו וויינען? — האָט ער געזאָגט פריינדליך — אויף דער גאַנצער וועלט איז דאָך נישטאָ קיין איין זאַך, וואָס זאָל ווערטה זיין די דאָזיגע טרעהרען. נו, לאָמיר נישט וויינען, מען דאַרף נישט...

און ביי זיך האָט ער אַ טראַכט געטהאָן:

— עס וואָלט צייט געווען זי זאָל חתונה האָבען...

— אונזער פאַבריטשנער דאָקטאָר האָט איהר געגעבען קאַליבראָמאַטי — האָט געזאָגט די גובערנאַנטקע — אָבער מיר דוכט זיך, אַז איהר איז דערפון נאָך ערגער געוואָרען. נאָך מיין מיינונג איז

אויב שוין יאָ געבען עפּעס צום הארצען, איז טראָפּענס... איך האָב פערגעסען, ווי זיי הייסען...

און ווידער האָט זי גענומען ערקלעהרען מיט איינצעלהייטען. זי האָט איבערגעשלאָגען דעם דאָקטאָר, איהם ניט געלאָזט ריידען און אויף איהר פּנים האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַזוי פיעל ליידען, עפּעס אַזוי ווי זי, אַלס די געבילדעסטע פרוי אין דיעזען הויז, איז פערפּליכ־טעט געוועזען צו פיהרען מיט דעם דאָקטאָר אַן אונענדליכען געשפּרעך און דאָס ניט אַנדערש, ווי דוקא וועגען מעדיצין.

קאָראָלעוו'ן איז געוואָרען לאַנגווייליג.

— איך געפין ביי איהר קיין בעזונדערע קראַנקהייט נישט — האָט זיך געווענדעט קאָראָלעוו צו דער מוטער, ארויסגעהענדיג פון שלאָף־צימער. — אויב אייער פאַבריק־דאָקטאָר האָט זי פריהער גע־היילט, טאָ זאָל ער זי ווייטער היילען. איך זעה נישט איין, אַז מען זאָל דארפען בייטען דעם דאָקטאָר. צו־וואָס זאָל מען בייטען? די קראַנקהייט איז אַזאָ איינפאַכע, גאָר נישט קיין געפעהרליכע...

ער האָט גערעדט ניט איילענדיג און אָנגעטהאָן די האַנד שוה, און פרוי ליאַליקאָוו איז געשטאַנען אונבעוועגליך און געקוקט אויף איהם מיט פערוויינטע אויגען.

— ביז דעם צעהן אוהר צוג איז מיר פערבליעבען בלויז איין האַלבע שטונדע — האָט ער געזאָגט — איך האָף, אַז איך וועל נישט פערשפּעטיגען.

— און איהר קענט נישט בלייבען ביי אונז? — האָט פרוי ליאַליקאָוו געפרעגט און ווידער האָבען זיך גענומען גיסען טרעהרען איבער איהרע באַקען: — עס איז מיר נישט אַנגענעהם אייך צו בע־אונרוהיגען, אָבער זייט אַזוי גוט... אום גאָטעס ווילען — האָט זי ווייטער גערעדט אין דער שטיל, און זיך ארומגעקוקט אויף דער טהיר: —נעכטיגט איבער ביי אונז. איינע איז זי ביי מיר... אַן איין איינ־ציגע טאָכטער... האָט מיר אָנגעשראָקען לעצטע נאַכט, איך קען נאָך אַצינד צו זיך נישט קומען... פאָהרט נישט אוועק, אום גאָטעס ווי־לען...

ער האָט איהר געוואָלט זאָגען, אַז אין מאָסקווע האָט ער אַ סך אַרבייט, אַז אין דער היים וואַרט אויף איהם זיין פאַמיליע; איהם איז שווער געוועזען צו פערברייננגען אין אָ פרעמדען הויז אַ גאַנצען אָבענד און אַ גאַנצע נאַכט, איבערהויפּט נאָך, ווען דאָס איז נישט

נויטיג; אָבער אז ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר פּנים, האָט ער אַ זיפץ געטהאָן און שווייגענדיג גענומען אויסטהאָן די האנד־שוה.

אין זאַל און אין גאַסט־צימער האָט מען פאַר איהם אָנגעצונדען אַלע ליכט, אַלע לאָמפּען. ער איז געזעסען ביי דער פּיאַנאָ און געבלע־טערט די נאָטען, דערנאָך האָט ער בעקוקט די בילדער אויף די ווענד, די פּאָרטרעטען.

אויף די בילדער אין גאָלדענע ראַהמען, מיט אויל פאַרב געמאָלען זיינען געווען אויסזיכטען פון קרים, דער שטורעמדיגער ים מיט אַ שיפעל אויף איהם, אַ קאַטוילישער גלח מיט אַ גלעזעל... און דאָס אַלעס איז געווען טרוקען, פערשמירט, אָהן אַ ברעקעל טאַלענט... אויף די פּאָרטרעטען איז נישט געווען קיין איין שעהנער, אינטערעסאַנטער פּנים, אַלץ אַזעלכע ברייטע באַקען־ביינער און פערוואונדערטע אויגען. ביי ליאַליקאָוו'ן, ליזאַ'ס פאָטער איז אַ קליינער שטערען און אַ זעלבסטצופריעדענער פּנים, אַ מונדיר הענגט ווי אַ זאַק אויף זיין גרוי־סען, בעלייבטען קערפּער... אויף דער ברוסט טראָגט ער אַ מעדאל און אַ צייכען פון רויטען קרייץ. אַלעס ארום ווייזט אָן אויף אונענט־וויקעלטקייט, דאָס רייכטהום און דער גלאַנץ זיינען דאָ צופעליג אי־בעריג, נישט אַם פּלאַץ, אָט, ווי יענער מונדיר. עס רעגען איהם אויף מיט זייער בליסטשען די פּאַדלאָגעס, דער הענג־לייכטער, און נישט ווילענדיג קומט איהם אויף די געדאַנקען ארויף די מעשה מיט יענעם סוחר, וועלכער פּלעגט געהן אין באָד מיט אַ מעדאל אויפ'ן האלז...

פון'ם פאָרצימער האָט זיך געהערט עפּעס אַ שעפּצען, עמעצער האָט שטיל געכראָפּעט.

און פּלוצים האָבען זיך פון'ם הויף דערטראָגען שניידענדיגע, אָב־געהאַקטע, מעטאַלענע קלאַנגען, וועלכע קראָרלעוו האָט ביז אַהער קיין מאָל נישט געהערט און וועלכע ער האָט איצט נישט געקענט פאַר־שטעהן; די דאָזיגע טענער האָבען זיך אָבגערופען אין זיין נשמה עפּעס אַזוי מאָדנע און נישט אָנגענעהם.

פאַר קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט איך דאַכט זיך, דאָ ניט געוואָלט בלייבען... — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן און ווידער אריינגעקוקט אין נאָטען.

— דאָקטאָר, קומט, זייט אַזוי גוט, צובייסען. — האָט איהם שטיל אַ רוף געטהאָן די גובערנאַנטקע.

ער איז אוועק עסען.

דער טיש איז געווען אַ גרויסער, פול אָנגעשטעלט מיט צו בייסען און וויינען, אָבער געגעסען האָבען נור צוויי מענשען: ער און כריס־טינאַ דמיטריעוונאַ. זי האָט געטרונקען מאָדער־וויין, האָט שנעל גע־געסען און גערעדט, קוקענדיג אויף איהם איבער די פענסנע:

— די אַרבייטער זיינען מיט אונז זעהר צופריעדען. יעדען ווינ־טער ווערען ביי אונז אויף דער פאַבריק געגעבען פאָרשטעלונגען, די אַרבייטער אַליין שפּיעלען, דאַן האָבען זיי פּאָרלעזונגען, פייער־ווערק... זיי האָבען אויך אַן אויסגעצייכענטע טהעע־הויז און, דאַכט זיך, וואָס ניט. זיי זיינען אונז זעהר איבערגעגעבען און ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז ליזאַטשקע'ן איז ערגער געוואָרען, האָבען זיי פאַר איהר אין קלויסטער געלאָזט גאָט בעטען. אונגעבילדעטע, און פיהלען פון דעסטוועגען אויך.

— עס זעהט אויס, אַז ביי אייך אין הויז איז נישטאָ קיין איין מאַנספּערזאָן — האָט געזאָגט קאָראָלעוו.

— ניין, נישטאָ. פּיאָטער ניקאַנאָריטש איז געשטאָרבען צוריק מיט אָנדערהאַלבען יאָהר און מיר זיינען געבליעבען אַליין. און אַזוי לעבען מיר זיך זאַלבע דריט. זומער דאָ און ווינטער אין מאָסקווע אויף פּאָליאַנקע. איך בין ביי זיי שוין עלף יאָהר. ווי אַן אייגענער מענש.

צום אבענד־מאָלצייט האָט מען דערלאַנגט טהייערע פיש, היהנער קאָטלעטען און קאָמפּאָט; וויינען זיינען געווען אַלץ טהייערע, פראַנ־צויזישע.

— איהר, דאָקטאָר, עסט, צערעמאָניעט זיך נישט — האָט געזאָגט כריסטינאַ דמיטריעוונאַ, עסענדיג אוןווישענדיג דעם מויל מיט דעם פויסט, עס איז קענטיג געווען, אַז זי האָט דאָ געלעבט אַ גוטען טאָג:

— עסט, איך בעט אייך.

נאָך דעם אבענד־מאָלצייט האָט מען דעם דאָקטאָר אוועקגעפיהרט אין אַ צימער, וואו עס איז פאַר איהם צוגעגרייט געווען אַ בעט. אָבער איהם האָט זיך נישט געוואָלט שלאָפען, עס האָט געשטיקט און אין צימער האָט געשמעקט מיט פאַרב; ער האָט אָנגעטאָן דעם ראָק און איז ארויס.

אויפ'ן הויף איז געווען לופטיג; עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָ־גען, און אין דער פייכטער לופט האָבען זיך העל ארויסגעזעהען אַלע

פינף געביידען מיט זייערע לאַנגע קוימענס, די שפּייכלער און סקלאַדען.

צוליעב יום טוב האָט מען נישט געאַרבייט. אין די פענסטער איז פינסטער געוועזן, נור אין איינער פון די געביידען האָט נאָך געברענט אַן אויוועז. צוויי פענסטער זיינען געווען פורפור־רויט און פונ'ם קוימען האָט צייטענווייז צוזאַמען מיט דעם רויך זיך ארויסגעריסען אַ פייער.

ווייט הינטערן הויף האָבען געקוואַקעט די זשאַבעס און עס האָט געזונגען אַ נאַכטיגאַל.

קוקענדיג אויף די געביידען און אויף די שפּייכלערס, וואו עס זיינען געשלאָפען די אַרבייטער, האָט דער דאָקטאָר ווידער אַמאָל געטראַכט פון דעם, וועגען וואָס ער האָט אימער געטראַכט, ווען ער האָט געזעהן פאַבריקען: זאָלען זיך זיין פאָרשטעלונגען פאַר אַרבייטער, פייערוועךק, פאַבריטשנע דאָקטוירים און פערשיעדענע פאַרבעסערונגען, די לאַגע פון די אַרבייטער בכלל בלייבט דאָך די אייגענע. און די אַרבייטער, וועלכע ער האָט היינט געטראָפען אויפ'ן וועג פון סטאַנציאָן, אונטערשיידען זיך מיט קיין זאַך נישט פון יענע אַרבייטער, וועלכע ער האָט געזעהען לאַנג צוריק, נאָך אין זיין קינדהייט, ווען עס זיינען נאָך נישט געווען קיין פאָרשטעלונגען און פאַרבעסערונגען. ער, אַלס דאָקטאָר, וועלכער האָט צו טהאָן געהאַט מיט אונהיילבאַרע, כראָנישע קראַנקהייטען, האָט אויף די פאַבריקען אויך געקוקט, ווי אויף עפּעס אַ מין כראָנישע קאַרנקהייט, וואָס איהר אורזאַכע איז אויך נישט קלאָהר און מען קען זי נישט בעזייטיגען. דערפאַר האָט ער אַלע פערבעסערונגען אין אַרבייטסלעבען ניט געהאַלטען פאַר איבעריג, ער האָט זיי נור פערגליכען צו דער היילונג פון אונהיילבאַרע קראַנקהייטען.

— ערגעץ־וואו שטעקט דאָ זיכער אַ טעות... — האָט ער געטראַכט, קוקענדיג אויף די פורפור־רויטע פענסטער: — ארום אָנדערטהאַלבען — צוויי טויזענד אַרבייטען שווער און ביטער אין אונגעזונדער לופט און מאַכען ביליגען ציץ. זיי לעבען אין דלות און הונגער און נור צייטענווייז אין שענק ניכטערען זיי זיך אויס פון דעם דאָזיגען שווערען קאָשמאַר; ארום אַ הונדערט מענשען גיבען אַכטונג אויף דער אַרבייט, און דאָס גאַנצע לעבען פון די דאָזיגע הונ־

טערט מענשען געהט אוועק אויף צו פערשרייבען שטראָפען, אויף זיד־לעריי, אונגערעכטיגקייטען, און נור צוויי־דריי זאָגנאַנטע בעל הבתים בענוצען זיך מיט די פערידענסטען, כאָטש אליין ארבייטען זיי נישט און פעראכטען דעם ביליגען ציץ... און נאָך וואָס פאר א פערדיענסטען, און ווי אזוי בענוצען זיי זיך מיט זיי? פרוי ליאליקאָוו און איהר טאָכ־טער זיינען אונגליקלאָך, אויף זיי איז פשוט א רחמנות צו קוקען, לעבען א גוטען טאָג, לעבט נאָר איין כריסטינא דמיטריעוונא, אן עלטערע, נאַרעשעוואטע מיידעל אין פענסנע. און עס קומט אויס, אז די אלע 5 געביידען ארבייטען און אויף די מזרח־מארקען ווערט פערקויפט דער ביליגער ציץ נור צוליעב דעם, אז כריסטינא דמיטריעוונא זאָל קענען עסען טהייערע פיש און טרינקען מאדערא־ווייז!...

פלוצים האָבען זיך דערהערט מערקווירדיגע קלאנגען, דיזעלביגע, וועלכע קאָראָלעוו האָט געהערט נאָך פאר'ן עסען. נעבען איינער פון די געביידען האָט עמעצער געקלאפט אין א מעטאלענער ברעט, האָט גע־קלאפט און גלייך פערהאלטען דעם קלאנג, אזוי, אז עס זיינען ארויס־געקומען קורצע, שארפע, ניט קיין ריינע טענער, וואָס האָבען געקלונ־גען: „דער... דער... דער..."

דערנאָך איז אויף א ווילע שטיל געוואָרען און נעבען א צווייטער געביידע האָבען גענומען הילכען דיזעלבע אָבגעריסענע, אונאנגענעהמע, נור דיעזעס מאָל נידעריגע באסאָווע טענער: — דרין... דרין... דרין..." — עלף מאָל נאָך א נאנד.

דאָס האָבען הפּנים די וועכטער געקלאפט עלף אזייגער.

ביי דער דריטער געביידע האָט זיך דערהערט: „זשאק... זשאק... זשאק..."

און אזוי ביי יעדער געביידע און דערנאָך נעבען די שפּייכלערס און הינטער די טויערען. און עס האָט זיך געדאכט, אז די דאָזיגע אלע קלאנגען אין מיטען פון דער ביינאכטיגער פינסטערניש לאָזט ארויס יענע סטראשידלע מיט די פורפור־רויטע אויגען, דער טייפעל אליין, וועלכער האָט דאָ געהערשט אי איבער די בעלי הבתים, אי איבער די ארבייטער און האָט בעטראָגען אי די, אי יענע.

קאָראָלעוו איז ארויס פון הויף אין פעלד אריין.

— ווער געהט? — האָט מען איהם אָבגעשטעלט ביי די טויערען מיט א גראָבען קול.

— אזוי ווי אין א געפענגניס... — האָט ער א טראַכט געטהאָן און גאָרנישט געענטפערט.

די נאַכטיגאַלען און זשאַבעס האָבען זיך דאָ מעהר געהערט, און עס האָט זיך געפיהלט די מאַיאָווע נאַכט. פון דער סטאַנציאָן האָט זיך דערטראָגען דער גערויש פון צוג; עס האָבען ערגעץ געשריען פער־שלאָפענע העהנער, אָבער דאָך איז די נאַכט געווען א שטילע, די וועלט האָט רוהיג געשלאָפען.

אויפ'ן פעלד, ניט ווייט פון דער פאַבריק, איז געשטאַנען א צוזאַמענגעשלאָגענע הייזעל פון ברעטער, דאָרט איז געלעגען מאַטעריאַל פאַר א געביידע. קאָראָלעוו האָט זיך געזעצט אויף די ברעטער און האָט ווייטער געטראַכט:

— גוט פיהלט זיך דאָ נור איין גובערנאַנטקע און די פאַבריק אר־בייטער פון איהר פערגעניגען וועגען. אין אמת'ן אָבער דאַכט זיך עס נור אזוי, זי איז דאָ נור אַן אָנגעשטעלטער מענש. דער הויפּט אָבער דער אמת'ער בעל הבית, פאַר וועמען עס ווערט דאָ אַלעס געטהאָן — דאָס איז דער טייפעל.

און ער האָט געטראַכט וועגען טייפעל, אין וועלכען ער האָט נישט געגלויבט, און זיך ארומגעקוקט אויף די צוויי פענסטער, אין וועלכע עס האָט געשיינט א פייער. איהם האָט זיך געדאַכט, אז מיט די דאָזיגע פורפור־רויטע אויגען קוקט עס אויף איהם דער טייפעל אליין, יענע אונבעוואוסטע קראַפט, וואָס האָט בעשאַפען די פערהעלטניסע צווישען די שטאַרקע און די שוואַכע, דעם גראָבען טעות, וועלכען מען קען איצט בשום אופן ניט פערריכטען.

דער שטאַרקער מוז דריקען דעם שוואַכען, דאָס איז א נאַטור־געזעץ. זאָגען אונז די אַרטיקלען אין לעהר־ביכער, אָדער אין צייטונ־גען. ווען אָבער מיר קוקען זיך צו צום פּראָסטען, אַלטעגליכען לעבען און זעהען, אז אי דער שטאַרקער, אי דער שוואַכער, ביידע פאַלען אלס אָפּפער פון זייערע ביידענס פאַרהעלטניסע, פון זייער שטענדיגען קאַמפּף, דאַן קענען מיר זיך ניט צופריעדענשטעלען מיט טרוקענע ער־קלעהרונגען...

אזוי האָט געטראַכט קאָראָלעוו, זיצענדיג אויף די ברעטער, און ביסלעכווייז האָט איהם בעהערשט אזא שטימונג, אזוי ווי יענע אונבע־שטימטע, געהיימניספולע קראַפט וואָלט ווירקליך געווען נאָהענט און

אויף איהם געקוקט. דערווייליע איז אין מזרח־זייט געוואָרען אלין בלאַ־סער, די צייט איז געלאָפען שנעל.

אין דעם גרויען נעבעל פון פאַרטאָג, ווען ארום איז נישט געווען קיין לעבעדיגער מענש, אזוי ווי אלעס וואָלט געווען אויסגעשטאָרבען, האָבען די פינף געביידען מיט זייערע קוימענס גאָר אַן אַנדער אויס־זעהען געקראָגען. ניט אזא, ווי בייטאָג. עס איז גאָר פון זינען ארויס, אז דאָרט אינעווייניג ארבייטען מאשינען, עלעקטריציטעט, טעלעפאָנען.

און ווידער האָט זיך דערהערט:

— דער... דער... דער...

צוועלף מאָל דערנאָך איז אַ האַלבע מינוט שטיל־שטיל און — אין צווייטען עק פון הויף דערהערט זיך ווידער.

— דרין... דרין... דרין...

— שרעקליך אונאנגנעהעם! — האָט אַ טראַכט געטהאָן קאָ־ראָלעוו.

— זשאַק... זשאַק... — האָט זיך דערהערט פון דריטען פלאַץ, אַבגעבראָכען, האַרט, עפּעס אזוי ווי מיט פערדרוס: — זשאַק... זשאַק...

אום צו שלאָגען צוועלף אַ זייגער איז נויטיג געווען אַ וואָסערע פיער מינוטען. דערנאָך איז אלעס אנשוויגען געוואָרען; און ווידער, דאַכט זיך אויס, אז אלעס ארום איז אויסגעשטאָרבען.

קאָראָלעוו איז נאָך אַ ווייַלע געזעסען און האָט זיך אומגעקעהערט צוריק אין הויז, שלאָפען האָט ער זיך נאָך לאַנג נישט געלעגט. אין די אַנדערע צימערען האָט מען זיך געשעפּצעט. עס האָט זיך געהערט דאָס שליאָפּען פון שטעק־שיך און באָרפוסע פיס.

— האָט זי אפשר ווידער געקראָגען אַן אַנפאַל? — האָט אַ טראַכט געטהאָן קאָראָלעוו.

ער איז ארויס זעהען, וואָס מאַכט די קראַנקע. אין די צימערען איז שוין געווען גאַנץ ליכטיג און אין זאַאל, אויף דער וואַנד און פּאָד־לאָגע, האָט געציטערט אַ שוואַכער זונען־שטראַהל, וועלכער איז אריינ־געדרונגען אַהער דורך דעם אין דער־פריהערדיגען טומאַן.

די טהיר אין ליזאַ'ס צימער איז געווען אָפען און זי אליין איז געזעסען אין אַ פאָטעל. זי איז געווען ניט פערקאַמט, אַנגעטהאָן אין

אַ הויז־קלייד און איינגעוויקעלט אין אַ שאַל. די שטאָרעס אויף די פענסטער זיינען געווען אַראָבגעלאָזט:

— ווי פיהלט איהר זיך? — האָט ער געפרעגט.

— איך דאַנק אייך.

— ער האָט אָנגעטאַפּט איהר פּולס, דערנאָך פאַרריכט איהר די האָר, וואָס זיינען אַראָבגעפאַלען אויפ'ן שטערן.

— איהר שלאָפט ניט, — האָט ער געזאָגט — אין דרויסען איז אַזוי שעהן, ס'איז פריהלינג, נאַכטיגאַלען זינגען און איהר זיצט אין דער־פינסטער און טראַכט וועגען עפּעס.

זי האָט געהערט און געקוקט איהם אין פּנים אריין; אויגען האָט זי געהאַט אומעטיגע, קלוגע, און עס איז קענטיג געווען, אַז זי וויל איהם עפּעס זאָגען.

— טרעפט עס אָפט מיט אייך? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט גענומען באַוועגען מיט די ליפּען און געענטפערט:

— אָפט. כמעט יעדע נאַכט ווערט מיר שווער.

אין דערזעלבער צייט האָבען די וועכטער אויפ'ן הויף גענומען קלאַפּען צוויי אַזייגער.

עס האָט זיך דערהערט — „דער... דער..." און זי האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן.

— איך מאַכט אונרוהיג דאָס קלאַפּען? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס נישט. מיך מאַכט דאָ אַלעס אונרוהיג — האָט זי געענטפערט, און זיך פערטראַכט: — אַלעס בעאונרוהיגט מיך דאָ. אין אייער שטימע פיהלט זיך מיטגעפיהל, און מיר האָט זיך פון דעם ערשטען בליק אויף אייך, אויסגעדאַכט, אַז מיט אייך קען מען וועגען אַלעס ריידען.

— רעדט, רעדט, איך בעט אייך.

— איך וויל אייך אַרויסזאָגען מיין מיינונג. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין גאָרנישט קראַנק, אַז איך בין אונרוהיג און מיר איז מורא'דיג, דערפאַר, ווייל אַזוי דאַרף זיין און אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין. דער געזינדסטער מענש אפילו קען ניט בלייבען רוהיג, ווען ביי איהם הינטער דעם פענסטער, למשל, געהט אַרום אַ מערדער. מיך האַלט מען אין איין קורירען — האָט זי ווייטער גערעדט, קוקענדיג אויף איה־רע קניע און פאַרשעהמט אַ שמייכעל געטהאָן: — איך בין געוויס זעהר

דאנקבאר און לייקען ניט אָב די נוצען פון דעם דאָזיגען קורירען, נור מיר וואָלט זיך וועלען דורכריידען ניט מיט קיין דאָקטאָר, נור מיט א נאָהענטען מענשען, א פריינד, וועלכער זאָל מיך פערשטעהן און זאָל מיך איבערצייגען, צו בין איך גערעכט, צו אומגערעכט?

— האָט איהר דען נישט קיין פריינד? — האָט געפרעגט קאָראָלעוו.

— איך בין איינזאם, עלענד. ביי מיר איז דאָ א מוטער, איך האָב זי ליעב, נור דאָך בין איך עלענד. אָט אזוי איז שוין דאָס לעבען... איינזאמע מענשען לעזען א סך, אָבער זיי ריידען וועניג און הערען וועניג, דאָס לעבען איז פאר זיי געהיימניספול; זיי זיינען מיסטיקער און זעהן אָפט דעם טייפעל דאָרט, וואו ער איז גאָר נישטאָ. לערמאָנטאָוו׳ס טאמארא איז געווען איינזאם און האָט אויך געזעהען דעם טייפעל.

— און איהר לעזט א סך?

— יאָ, א סך. פרייע צייט האָב איך גענוג, פון פריה ביז נאכט. ביי טאָג לעז איך און אין די נעכט איז דער קאָפּ פוסט, אנשטאָדט געדאנקען שוועבען דאָרט ארום עפּעס שאָטענס.

— איך דאכט זיך עפּעס אין די נעכט? — האָט געפרעגט קאָראָלעוו.

— ניין, נור איך פיהל.

זי האָט ווידער א שמייכעל געטהאָן, האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען אויף דעם דאָקטאָר און געקוקט אזוי אומעטיג, אזוי קלוג; און איהם האָט זיך געדאכט, אז זי האָט צו איהם צוטרויען, וויל מיט איהם ריידען אָפענהערציג און אז זי טראכט גראדע אזוי ווי ער. זי אָבער האָט געשוויגען און קען זיין, געוואַרט, ער זאָל נעהמען ריידען.

און ער האָט געוואוסט וואָס אזוינס מען דארף איהר זאָגען; פאר איהם איז געווען קלאָהר, אז זי דארף וואָס גיכער פארלאָזען די דאָזיגע פינף געביידען, דארף זיך אָבזאָגען פון דעם מיליאָן, אויב זי האָט איהם און זיך בעפרייען פון טייפעל, וועלכער קוקט אין די נעכט ארויס אזוי מורא׳דיג... איהם איז אויך קלאָהר געווען, אז זי אליין טראכט אויך אזוי און זי האָט נור געוואַרט, אז עמיצער, וועמען זי גלויבט, זאָל דאָס איהר באשטעטיגען.

ער האָט נור נישט געוואוסט ווי אָזוי דאָס איהר צו זאָגען. ווי

אזוי? ביי פער'משפט'ע מענשען שעהמט מען זיך צו פרעגען, פאַרוואָס זיי זיינען פער'משפט געוואָרען; אזוי איז אויך ניט אנגענעהם צו פרעגען ביי זעהר רייכע מענשען, צו־וואָס טויג זיי אזוי פיעל געלד, פאַרוואָס פאַרשווענדען זיי דעם רייכטהום אזוי שלעכט און פאַרוואָס וואַרפען זיי עס נישט אין גאַנצען, ווען זיי קוקען אויף איהם, ווי אויף זייער אונגליק... און ווען מען הויבט שוין אמאָל יאָ אָן וועגען דעם צו ריידען, קומט דער געשפּרעך געוועהנליך ארוים שעמעוודיג, אונ־בעקוועם און לאַנג.

— ווי אזוי זאָגט מען עס? — האָט געטראַכט קאָראָלעוו — און דאַרף מען עס דען איבערהויפּט זאָגען?

און ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען ניט גלייך, נור פון דער זייט, מיט אָנצוהערענישען:

— זייענדיג אין דער לאַגע פון א פאַבריק אייגענטהימערין און פון א רייכער יורש'טע, זייט איהר נישט צופריעדען, איהר גלויבט ניט אין אייער רעכט און איצט, אָט, שלאָפט איהר נישט קיין נעכט. דאָס איז אודאי בעסער, ווי ווען איהר זאָלט זיין צופריעדען, זאָלט געשמאַק שלאָפען און דענקען, אז אַלעס איז אין דער בעסטער אָרד־נונג. ביי אייך, הייסט עס, איז אָן עדעלע שלאָפלאָזיגקייט, יעדענפאַלס איז דאָס א גוטער סימן. אין דער אמת'ן גערעדט, וואָלט ביי אונזערע עלטערן גאַר נישט מעגליך געווען אזא מין געשפּרעך, ווי דער, וואָס מיר פיהרען אצינד; זיי האָבען ביי דער נאַכט ניט גערעדט, נור געשמאַק געשלאָפען; מיר אָבער, אונזער דור, הייסט עס, שלאָפען שלעכט, מאַ־טערען זיך, ריידען א סך און זוכען אַלץ צו פערענטפערען, אויב מיר זיי־נען גערעכט, אָדער ניט. און פאַר אונזערע קינדער און אייניקלאַך וועט די פראַגע—צו מיר זיינען גערעכט צו ניט, — זיינען שוין לאַנג פער־ענטפערט. זיי וועלען עס בעסער פערשטעהן, ווי מיר. א שעהן, א גוט לעבען וועט זיין אין פופציג יאָהר פון היינט, א שאָד, וואָס מיר וועלען ביז דעמאָלט ניט דערציהען. עס וואָלט אינטערעסאַנט זיין א קוק צו טהאָן.

— וואָס אזוינס וועלען טהאָן די קינדער און די אייניקלאַך?

— האָט געפרעגט ליזאַ.

— איך ווייס נישט... זיי וועלען מסתמא אַלעס וואַרפען און אוועק.

— וואָהין ווע׳לען זיי געהן?

— וואָהין?... וואָהין זייער הארץ וועט זיי ציהען — האָט געזאָגט קאָראָלעוו, און זיך צולאַכט: — וועניג פּלאַץ איז דען דאָ, וואו אַ קלוגער און גוטער מענש קען אַוועק געהן?

ער האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן זייגער.

— די זונן איז שוין אויפגעגאַנגען — האָט ער געזאָגט — אייך איז צייט צו שלאָפען. טהוט זיך אויס און שלאָפט זיך געזונדערהייט. מיך פרעהט זעהר, וואָס איך האָב זיך מיט אייך בעקאַנט — האָט ער ווייטער גערעדט, דריקענדיג איהר האַנד. — איהר זייט אַ וואוילער, אינטערעסאַנטער מענש. אַ גוטע נאַכט!

ער איז אַוועק צו זיך און געלעגט זיך שלאָפען.

אויף דעם צווייטען טאָג אין דער־פריה, ווען דער קאַוטש איז געשטאַנען פאר׳ן הויז, זיינען אַלע ארויס אויפ׳ן באַלקאָן דעם דאָקטאָר בעגלייטען. ליזא, אַ בלאַסע, אַ שוואַכע, איז געווען אָנגעטהאָן יום טוב׳דיג, אין אַ ווייסען קלייד מיט אַ בלום אין די האָאר. זי האָט געקוקט אויף איהם, אַזוי ווי נעכטען, אומעטיג און קלוג, האָט געשמייכעלט, גערעדט און אַלץ מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי זי וואָלט איהם וועלען זאָגען עטוואָס זעהר וויכטיגעס, אָבער נור איהם אליין.

עס האָט זיך געהערט, ווי עס האָבען געזונגען די פויגלאַך, ווי מען האָט געקלונגען אין קלויסטער. די פענסטער אין די פאַבריק־געביידען האָבען פרעהלאַך געשטראַהלט, און, דורכפאָהרענדיג דעם הויף און דערנאָך אויף דעם וועג צו דער סטאַנציאָן, האָט קאָראָלעוו שוין נישט געדענקט נישט וועגען די ארבייטער, נישט וועגען טייפעל... און געטראַכט האָט ער נור וועגען יענער, אפשר שוין גאָר נאָהענטער צייט, ווען דאָס לעבען וועט זיין גראַד אַזוי ליכטיג און פול פרייד, ווי דיזער שטילער, זונטאָג׳דיגער פריהמאָרגען; און געטראַכט האָט ער אויך וועגען דעם, ווי אַנגענעהם עס איז אין אַזאַ פריהמאָרגען, אין פריהלינג, צו פאָהרען מיט דריי פערד, אין אַ גוטען קאַוטש און וואַרימען זיך אויף דער ליכטיגער זונן...

———:———

וואָלאָדיאַ דער גרויסער און וואָלאָדיאַ דער קליינער

— לאָזט מיך, איך וויל אליין אָנטרייבען! איך וועל זיך זעצען נעבען פוהרמאַן! — האָט הויך אויפ׳ן קול געזאָגט סאָפיא לוואָוונאַ — פוהרמאַן, ווארט, איך וועל זיך זעצען מיט דיר אויף דער קעלנע.

זי איז געשטאַנען אין דעם שליטען, און איהר מאַן דער קאָלאָנעל וולאַדימיר ניקיטיטש און אַ יוגענד פריינד וולאַדימיר מיכאַילִיטש האָבען זי געהאַלטען פאַר די הענד, זי זאָל ניט פאַלען. די דריי פערד, איינגעשפּאַנט אין דעם שליטען האָבען זיך געטראָגען שנעל, פייל פונ׳ם בויגען.

— איך האָב געזאָגט, מען זאָל איהר נישט געבען קיין קאָניאַק — האָט מיט פערדרוס ארויסגעשעפּצעט וולאַדימיר ניקיטיטש צו זיין בעגלייטער — וואָס פאַר אַ מאָדנער דו ביזט, ווירקליך!

דער קאָלאָנעל האָט געוואוסט פון ערפאַהרונג, אַז ביי אַזעלכע פרויען, ווי זיין ווייב סאָפיא לוואָוונאַ, קומט געוועהנליך נאָך אַזאַ מין שטורמדיגער, האַלב שיכורער פרעהליכקייט אַן אָנפאַל פון היסטערישען געלעכטער און דערנאָך געוויין. ער האָט מורא געהאַט, אַז שפּעטער, ווען זיי וועלען קומען אַהיים, וועט ער האָבען אַן עסק מיט קאָמפּרעסען און טראָפּענס אַנשטאָט רוהיג צו שלאָפען.

— טפּרר! — האָט געשריען סאָפיא לוואָוונאַ — איך וויל אָנטרייבען!

זי איז געווען אמת פרעהלאַך און האָט טריאומפירט. אין די לעצטע צוויי מאָנאַטען, פון דעם ערשטען טאָג פון איהר חתונה אָן, האָט זי געמוטשעט דער געדאַנק, אַז מיט דעם קאָלאָנעל האָט זי חתונה געהאַט ניט אויס ליעבע, נור, ווי מען זאָגט, אויס צולהכעיס.

היינט אָבער, אין דעם רעסטאָראַן הינטער דער שטאָדט, האָט זי זיך ענדליך איבערצייגט, אַז זי ליעבט איהם ליידענשאַפטליך.

ניט קוקענדיג אויף זיינע פיער און פופציג יאָהר, איז ער געווען שלאַנק, ריהרעוודיג, פלינק, האָט זיך אַזוי ליעב געוויצעלט און אונטער־געזונגען מיט די ציגיינערקעס. ווירקליך, היינטיגע אַלטע לייט זיינען טויזענד מאָל אינטערעסאַנטער פאַר די יונגע, און עס זעהט אויס, ווי די אַלטקייט און די יוגענד האָבען זיך פאַרביטען מיט די ראָלען. דער קאָלאָנעל איז עלטער פאַר איהר פאָטער מיט צוויי יאָהר, אָבער וואָס פאַר אַ בעדייטונג קען האָבען דער דאָזיגער אומשטאַנד, ווען, אין אמת'ן גערעדט, בעזיצט ער ניט אין אַן ערך מעהר לעבענסקראַפט, מונטערקייט און פרישקייט פון איהר אליין, כאָטש זי איז נור דריי און צוואַנציג יאָהר אַלט?

— אַך, מיין ליעבער! — האָט זי געטראַכט — מיין וואונדער־באַרער!

אין דעם זעלבען רעסטאָראַן האָט זי זיך אויך איבערצייגט, אַז פון דעם פריהערדיגען געפיהל איז אין איהר נשמה ניט פאַרבליעבען אפילו קיין איין פונק. צו איהר יוגענד פריינד וולאַדימיר מיכאַילימש, אָדער פשוט וואָלאָדיא, וועלכען זי האָט נאָך נעכטען געליעבט ביז משוגעת, ביז פערצווייפלונג, האָט זי זיך אַצינד געפיהלט אין גאַנצען גלייכגיל־טיג. היינט דעם גאַנצען אבענד האָט ער זיך איהר אויסגעוויזען פער־שלאָפען, ניט אינטערעסאַנט, קליינליך און די קאַלטבלוטיגקייט, מיט וועלכער ער מאַכט זיך געוועהנליך ארוים פון צו בעצאָהלען אין די רעס־טאָראַנען, האָבען איהר דיזעס מאָל אַזוי אויפגעבראַכט, אַז זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטען פון צו זאָגען: „אויב איהר זייט אָרעם, טאָ זיצט אין דער היים". געצאָהלט האָט נור דער קאָלאָנעל.

עס קען זיין, אַז דערפאַר, ווייל פאַר איהרע אויגען האָבען זיך געטראָגען בוימער, טעלעגראַף־סלופּעס און בערגלאַך, זיינען איהר אין קאָפּ געקראָכען גאַנץ פערשיעדענאַרטיגע געדאַנקען.

זי האָט געטראַכט: פאַר דער רעכענונג אין רעסטאָראַן האָט מען בעצאָהלט הונדערט און צוואַנציג רובעל און די ציגיינער — הונדערט. און מאָרגען, אַז זי זאָל וועלען, קען זי אַרויסוואַרפען אויפ'ן ווינד גאַנצע טויזענד רובעל, און צוויי מאָנאַטען פאַר דער חתונה האָט זי נישט געהאַט אפילו קיין דריי רובעל איהרע אייגענע, און פאַר יעדער קליי־

ניגקייט האָט זי זיך געמוזט ווענדען צום פאָטער. וואָס פאַר אַ ענדערונג אין דעם לעבען!

איהרע געדאַנקען האָבען זיך געמישט און געפּלאָנטערט און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען זי איז געווען אַ יאָהר צעהן, האָט דער קאָלאָנעל, איהר איצטיגער מאַן, ארויסגעוויזען אַ סך פריינדשאַפט איהר טאַנטע, און אַלע אין הויז האָבען גערעדט, אַז ער האָט זי רואינירט, און, ווירקליך, די טאַנטע פלעגט אָפט ארויסגעהן צו מיטאָג מיט פער־ווײנטע אויגען און איז עפּעס אַלץ ערגעץ וואָהין ארומגעפאָהרען און מען האָט גערעדט וועגען איהר, אַז זי קען זיך נעבעך, קיין אָרט נישט געפינען.

דער קאָלאָנעל איז דאַן געווען זעהר שעהן און האָט געהאַט אַן אונגעהויערען ערפאָלג ביי פרויען... די גאַנצע שטאָדט האָט איהם געקענט און מען האָט וועגען איהם דערצעהלט, אַז ער פאָהרט יעדען טאָג צו זיינע פערעהרערינס מיט וויזיטען, ווי אַ דאָקטאָר צו זיינע קראַנקע. און אַפילו איצינד, ניט קוקענדיג אויף זיינע גרויע האָאָר, די קנייטשען און ברילען, קוקט זיין מאָגער פּנים, איבערהויפּט אין פּראָ־פיל, אויך אַמאָל אויס וואונדער שעהן.

סאָפיא לוואָוונאַ'ס פאָטער איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטאָר און האָט אַמאָל געדיענט אין איין רעגימענט מיט'ן קאָלאָנעל. וואָלאָ־דיאַ'ס פאָטער איז אויך געווען אַ מיליטערישער דאָקטאָר און האָט אויך אַמאָל געדיענט אין דעם זעלבען רעגימענט מיט איהר פאָטער און מיט'ן קאָלאָנעל.

ניט קוקענדיג אויף די פערשיעדענע ליעבעס אינטריגען, מאַנכעס מאָל זעהר פערדרעהטע און אונרוהיגע, האָט זיך וואָלאָדיאַ אויסגע־צייכענט געלערענט; ער האָט מיט גרויס ערפאָלג געענדיגט זיין שטו־דיאום אין אוניווערזיטעט, און איצינד האָט ער זיך אויסגעוועהלט אַלס זיין ספּעציאַליטעט די אויסלענדישע ליטעראַטור, איבער וועלכער, ווי מען זאָגט, ער שרייבט איצט אַ דיסערטאַציאָן. וואוינען וואוינט ער אין די קאַזאַרמעס, ביי זיין פאָטער, דעם מיליטערישען דאָקטאָר, און האָט נישט קיין אייגענעם גראָשען, כאָטש ער איז שוין העכער דריי־סיג יאָהר אַלט.

אין דער קינדהייט האָט סאָפיא לוואָוונאַ און ער געוואוינט אויף פערשיעדענע קוואַרטירען, אָבער אונטער איין דאַך, און ער איז אָפט

געקומען צו איהר זיך שפּיעלען. מען האָט זיי בײדע צוזאַמען געלערנט טאַנצען און ריידען פראַנצויזיש; אָבער ווען ער איז אויסגעוואַקסען און איז געוואָרען אַ שלאַנקער, שעהנער יונגער מאַן, האָט זי זיך גע־נומען שעהמען פאַר איהם, דערנאָך האָט זי זיך אין איהם משוגע פער־ליעבט און געליעבט האָט זי איהם די גאַנצע צייט, ביז וואַנען זי האָט חתונה געהאַט מיט'ן קאָלאָנעל.

ער האָט אויך געהאַט אַן אונגעוועהנליכען ערפאָלג ביי פרויען כמעט פון זיין פערצעהנטען יאָהר אָן, און די דאַמען, וועלכע האָבען צוליעב איהם בעטראָגען זייערע מענער, האָבען זיך פערענטפערט דער־מיט, וואָס וואָלאָדיא איז אַ קליינינקער.

דער קאָלאָנעל איז געווען בעגייסטערט פון איהם און האָט, ווי עס שיינט, איהם ליעב געהאַט. זיי ביידע פלעגען שטונדען לאַנג שווייגענ־דיג שפּיעלען ביליאַרד אָדער פּיקעט, און ווען דער קאָלאָנעל איז וואו־עס־איז געפאָהרען אויף זיין געשפּאַן מיט די דריי פערדלאַך, האָט ער מיטגענומען מיט זיך וואָלאָדיא'ן אויך. און מיט די געהיימניסע פון זיין דיסערטאַציאָן האָט וואָלאָדיא בעקאַנט געמאַכט נור דעם קאָלאָנעל אליין.

אין פריהערדיגער צייט, ווען דער קאָלאָנעל איז נאָך אינגער געווען, זיינען זיי אָפט אריינגעפאַלען אין דער לאַגע פון ליעבעס־קאָנקורענטען, זיי זיינען אָבער קיין מאָל נישט געווען אייפערזיכטיג איינער צום צווייטען. אין געזעלשאַפט, וואו זיי פלעגען קומען צוזאַמען, האָט מען דעם קאָלאָנעל אַ נאָמען געגעבען וואָלאָדיא דער גרויסער, און זיין פריינד — וואָלאָדיא דער קליינער.

אינ'ם שליטען האָט זיך געפונען, אויסער וואָלאָדיא דעם גרויסען, וואָלאָדיא דער קליינער און סאָפיא לוואָוונאַ, און נאָך איין פערזאָן — מאַרגאַריטאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, אָדער ווי אַלע האָבען זי גערופען, ריטאַ, סאָפיא לוואָוונאַ'ס אַ קוזינע. די דאָזיגע ריטאַ איז געווען אַ מיידעל אַריבער דרייסיג, זעהר אַ בלאַסע, מיט שוואַרצע ברעמען, אין פּענסנע, וועלכע האָט אָהן אַן אויפהער גערויכערט פּאַפּיראָסען, אפילו אין דעם שטאַרקסטען פראָסט; ביי איהר אויף דער ברוסט און אויף די קניע איז תמיד געלעגען אַש. זי האָט גערעדט דורך דער נאָז, אויס־ציהענדיג יעדעס וואָרט, איז געווען קאַלט, האָט געקענט טרינקען אַ סך ליקערס און קאָניאַק און איז קיין מאָל נישט שיכור געוואָרען, און

צווייטיטיגע אנעקדאָטען האָט זי דערצעהלט לאנגזאם און אָהן גע־שמאַק. אין דערהיים האָט זי פון פריה ביז נאַכט געלעזען דיקע זשור־נאַלען, פערשיטענדיג זיי מיט אש, אָדער געגעסען פערפראָרענע עפּעל.

— סאָניא, הער אויף זיך צו מאַכען משוגע — האָט זי געזאָגט מיט א זינגענדיגען טאָן — ווירקליך עס איז נאַריש.

צוליעב דעם שלאַג בוים, וואָס האָט זיך בעוויזען פון ווייטען, זיי־נען די פערד אוועק שטילער, עם האָבען זיך גענומען וויזען הייזער און מענשען. סאָפיא לוואָוונא האָט זיך בערוהיגט, האָט זיך צוגעדריקט צום מאַן און זיך אין גאַנצען אָבגעגעבען צו איהרע געדאַנקען.

וואָלאָדיא דער קלייגער איז געזעסען איהר געגענאיבער.

צו איהרע פרעהליכע און לייכטע געדאַנקען האָבען זיך אצינד גענומען צומישען אויך אונאַנגענעהמע און פינסטערע. זי האָט גע־טראַכט: דער דאָזיגער מענש, וועלכער זיצט איהר געגענאיבער, האָט געוואוסט, אַז זי האָט איהם געליעבט, און ער האָט אודאי געגלויבט די רייד, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם קאָלאָנעל איהם צולהכעים.

זי האָט זיך אפילו קיין מאָל איהם נישט ערקלעהרט אין ליעבע, האָט נישט געוואָלט, ער זאָל וויסען און בעהאַלטען פון איהם איהר געפיהל, אויף זיין פּנים איז אָבער קענטיג געווען, אַז ער פאַרשטעהט זי אויסגעצייכענט, און איהר אייגענ־ליעבע האָט דערפון געלי־טען.

ערגער פון אַלץ איז געווען דער אומשטאַנד, וואָס באַלד נאָך איהר חתונה, האָט דער דאָזיגער וואָלאָדיא דער קלייגער, גענומען איהר שענ־קען אויפמערקזאַמקייט, וואָס ער האָט פריהער קיין מאָל נישט געטהאָן, איז אָבגעזעסען מיט איהר שטונדען־לאַנג שווייגענדיג אָדער פּלוידע־רענדיג וועגען נאַרישקייטען, און אצינד, אין דעם שליטען, האָט ער צו איהר נישט גערעדט, האָט איהר אָבער לייכט אָנגעטראָטען אויפ'ן פוס און געדריקט די האַנד... ווי עס שיינט, האָט ער נור געוואָרט, זי זאָל חתונה האָבען; קענטיג, אַז ער פעראַכטעט זי און אינטערעסירט זיך מיט איהר נור ווי מיט א פערדאָרבענער אונאַנשטענדיגער פרוי.

און בעת די פרעהליכקייט און די ליעבע צום מאַן האָבען זיך אין איהר נשמה אויסגעמישט מיט דעם געפיהל פון ערנידעריגונג, פון בע־ליידיגטען שטאָלץ, דאַן האָט זי באַהערשט עפּעס א מין צולהכעיס־

געפיהל און עס האָט זיך איהר געוואָלט זעצען אויף דער קעלניע און שרייען, פייפען...

גראָד אין דער צייט, ווען זיי זיינען פארבייגעפאָהרען דעם פרויען־מאָנאסטיר, האָט זיך דערהערט דאָס הודיען פון דעם טויזענד־פודיגען גלאָק. ריטא האָט זיך איבערגע'צלם'ט.

— אין דיזען מאָנאסטיר געפינט זיך אונזער אָליא — האָט גע־זאָגט סאָפיא לוואָוונא, האָט זיך אויך איבערגע'צלם'ט און זיך א טרייסעל געטהאָן.

— ווארום איז זי אוועק אין מאָנאסטיר? — האָט געפרעגט דער קאָלאָנעל.

— עמיצען צולהכעים — האָט זיך בייז אָבגערופען ריטא, וועלענדיג, ווי עס שיינט, געבען אַן אָנצוהערעניש אויף דעם שידוך פון סאָפיא לוואָוונא מיט'ן קאָלאָנעל — יעצט איז אין דער מאָדע דאָס דאָזיגע צולהכעים טהאָן. אויף צו להכעים דער גאנצער וועלט. זי איז געוועזען אזא פרעהליכע, א שרעקילכע קאָקעטקע, האָט ליעב געהאַט בע־לער און יונגע לייט און פלוצים — נא דיר! האָט אַלעמען אָפּגע־טהאָן!

— דאָס איז נישט אמת — האָט געזאָגט וואָלאָדיא דער קליי־נער, אראָבלאָזענדיג דעם קראַגען פון פוטער און ווייזענדיג זיין שעהן פנים: — זי האָט קיינעם ניט געוואָלט טהאָן צולהכעים; זי איז אוועק אין קלויסטער, ווייל איהר האָט א גרויס אונגליק געטראָפען: איהר ברודער דימיטרי'ן האָט מען פערשיקט אויף קאַטאָרגע, און ביז היינטי־גען טאָג ווייס מען נישט, וואו ער איז. און די מאַמא איז געשטאָרבען פאר צרות.

ער האָט ווידער אָנגעשטעלט דעם קראַגען.

— און זי האָט ריכטיג געהאַנדעלט, אָליא — האָט ער צוגעזעצט פערשטיקט — צו לעבען ביי פרעמדע אַלס אַן אויפגענומען קינד און נאָך מיט אזא גאָלד, ווי סאָפיא לוואָוונא — איז ניט אזוי אנגענעהם!

סאָפיא לוואָוונא האָט אין זיין קול דערהערט א פערעכטליכען טאָן און האָט איהם געוואָלט ענטפערען גראָב, אויסזידלען איהם, האָט אָבער פארשוויגען. איהר האָט ווידער באַהערשט דער צולהכעים־געפיהל; זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און אַ געשריי גע־טהאָן מיט אַ וויינעדיגען קול:

— איך וויל געהן צו גאָטעס־דיענסט! פוהרמאַן צוריק! איך וויל זעהען אַליאַ׳ן!

מען האָט זיך אומגעקעהרט צוריק. דאָס הודיען פון מאָנאַסטיר׳־שען גלאָק האָט אָפּגעהילכט מעכטיג און, ווי סאָפּיא לוואָוונאַ׳ן האָט זיך אויסגעוויזען, האָט עפּעס אין דעם דאָזיגען הודיען דערמאָנט אָן אַליאַ׳ן און איהר לעבען.

מען האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אויך אין אַנדערע קלויסטערס.

ווען דער פוהרמאַן האָט אָבגעשטעלט די פערד איז סאָפּיא לוואָוו־נאַ ארויסגעשפּרונגען פון שליטען און אליין, אָהן אַ בעגלייטער, איז זי שנעל אַוועק צו די טויערען.

—מאַך עס שנעל, איך בעט דיך! — האָט איהר נאָכגעשריען דער מאַן — עס איז שוין שפּעט!

זי איז דורכגעגאַנגען דורך די פינסטערע טויערען, דערנאָך איבער דער אַלעע, וואָס האָט געפיהרט פון די טויערען צום הויפּט קלויסטער, און אַ לייכטער שנעע האָט געסקריפּעט אונטער איהרע פיס און דאָס הודיען האָט זיך אַצינד געהערט נאָהענט, איבערן קאָפּ, און האָט דורכ־געדרונגען איהר גאַנצען וועזען...

אָט איז די טהיר פונ׳ם קלויסטער, דריי טרעפּלאָך אַרונטער, דער־נאָך אַ פיהר־הויז מיט בילדער פון הייליגע בייביידע זייטען. עס האָט גענומען שמעקען מיט ווייה־רויך. ווידער אַ טהיר און אַ דונקעלע גע־שטאַלט עפענט זי און נייגט זיך נידעריג—נידעריג...

דער גאָטעס־דיענסט האָט זיך נאָך נישט געוועזט אָנגעהויבען אין דעם קלויסטער. איין מאָנאַשקע איז אַרומגעגאַנגען און האָט אָנגעצונדען די ליכט ביי די בילדער פון די הייליגע, וועלכע האָבען זיך געפונען נעבען אַלטאַר, אַ צווייטע האָט אָנגעצונדען דעם הענג־לייכטער.

דאָ און דאָרט, נעבען די זיילען און ביי די ווענט, זיינען אונבע־וועגליך געשטאַנען שוואַרצע פיגורען.

— אַזוי ווי זיי שטעהען דאָ אַצינד, וועלען זיי, הייסט עס, שוין שטעהן ביז מאָרגען אין דער פריה — האָט אַ טראַכט געטהאָן סאָפּיא לוואָוונאַ, און איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָ איז אַזוי פינסטער, קאַלט, אומעדיג — נאָך אומעדיגער, ווי אויף אַ בית עולם. מיט אַ געפיהל פון לאַנגוויילינקייט האָט זי געקוקט אויף די אונבעוועגליכע,

פאַרגליווערטע פיגורען, און פלוצים האָט איהר דאָס האַרץ פער־קוועטשט.

זי האָט אין איינער פון די מאַנאַשקעס, א קליינגעוויקסיגער מיט שמאָלע, דאַרע פּלייצעס און א שווארצען טוך אויפ'ן קאָפּ, דערקענט אָליא'ן, כאָטש אָליא איז געווען פולער און העכער, בעת זי איז אין קלויסטער אוועק.

אָבער זיכער, אַז דאָס איז אָליא, איז זי נישט געווען און אויפ־רעגענדיג זיך שטאַרק איז סאָפיא לוואָוונא צוגעגאַנגען צו דער מאָ־נאַשקע און האָט איבער דער פּלייצע איהר אריינגעקוקט אין פּנים. דאָס איז טאַקי געווען אָליא.

— אָליא! — האָט זי געזאָגט, א פּאַטש געטהאָן מיט די הענד און מעהר נישט געקענט ריידען פאַר אויפרעגונג: — אָליא!

יענע האָט זי גלייך דערקענט, האָט אויפגעהויבען אויף איהר פערוואונדערט די ברעמען און איהר בלאַסער גור־וואָס ארומגעוואשע־נער, ריינער פּנים האָט גענומען שיינען. אפילו דאָס ווייס טיכעל פון אונטער דעם שווארצען טוך האָט אויך, דאכט זיך, גענומען שטראַהלען פאַר פרייד.

— דו? גאָט'ס וואונדער! — האָט די מאַנאַשקע געזאָגט און אויך א פּאַטש געטהאָן מיט די מאָגערע בלייכע הענטלאַך.

סאָפיא לוואָוונא האָט זי שטאַרק ארומגענומען און זי א קוש גע־טהאָן, דערביי האָט זי מורא געהאַט, טאָמער הערט זיך פון איהר מויל א גערוך פון ווייז.

— מיר זיינען פערבייגעפאָהרען און האָבען זיך דערמאָנט אָן דיר — האָט זי גערעדט פערסאָפּעט, ווי פון שטאַרק לויפען: — גאָט מיינער, ווי בלייך דו ביזט!... איך... איך בין זעהר צופריעדען, וואָס איך האָב דיך געטראָפען. נו, וואָס מאַכסטו? ווי פּיהלסטו זיך עפּעס? בענקסטו?

סאָפיא לוואָוונא האָט זיך אומגעקוקט אויף די אַנדערע מאַנאַש־קעס און גענומען ריידען שטילער:

— ביי אונז איז פיעל נייעס...., איך האָב חתונה געהאַט מיט וולאַדימיר ניקיטיטש'ן, מיט'ן קאָלאָנעל. דו געדענקסט דאָך איהם אודאי... איך לעב זעהר גליקלאַך מיט איהם.

— נו, גאָט צו דאַנקען. און וואָס מאַכט דיין פּאַפּאַ? געזונד?

— געזונד. גאַנץ אַפּט דערמאַנט ער דיך. דו, אַליאַ, קום צו אונז אויף די יום טובים. דו הערסט?

— איך וועל קומען — האָט אַליאַ געזאָגט און אַ לאַך געטהאָן — דעם צווייטען טאָג יום טוב וועל איך ביי אייך זיין.

און ניט וויסענדיג אליין ווארום, האָט זיך סאָפיא לוואָוונאַ פּלוצים צו־וויינט, דערנאָך האָט זי אָפּגעווישט די טרעהרען און געזאָגט:

— ריטאַ'ן וועט זעהר פערדריסען, וואָס זי האָט דיך נישט גע־זעהען. זי איז אויך דאָ מיט אונז. און וואָלאָדיאַ אויך. זיי זיינען דאָ נעבען די טויערען. ווי צופריעדען זיי וואָלטען געווען, ווען דו זאָלסט זיך זעהען מיט זיי! קום ארויס צו זיי, דער גאָטעס־דיענסט האָט זיך דאָך ניט אָנגעפאנגען.

— קום — האָט אַליאַ געזאָגט.

זי האָט זיך דריי מאָל איבערגע'צלם'ט און איז אוועק מיט סאָ־פיא'ן צום ארויסגאַנג.

— ביזט הייסט עס, גליקלאַך, סאָפיאַ? — האָט זי געפרעגט, אַז זיי זיינען ארויס פון די טויערען.

— זעהר.

— נו, דאַנקען גאָט.

וואָלאָדיאַ דער גרויסער און וואָלאָדיאַ דער קליינער, דערזעהען די מאָנאשקע, זיינען ארונטערגעשפּרונגען פון'ם שליטען און האָבען מיט דרך ארץ זי בעגריסט. עס איז קענטיג געווען, אַז ביידע זיינען געריהרט, וואָס איהר פּנים איז בלייך און וואָס זי טראָגט שוואַרצע מאָנאשישע קליידער, און ביידען איז אַנגענעהם געווען, וואָס זי האָט זיך אָן זיי דערמאָהנט און איז געקומען זיך זעהן מיט זיי.

אום איהר זאָל ניט זיין קאַלט, האָט סאָפיא לוואָוונאַ זי איינגעוויי־קעלט אין איהר פּלעד און האָט זי צוגעדעקט מיט איין פּאָלע פון איהר פוטער. די פריהערדיגע טרעהרען האָבען אין איהר ארויסגערופען ריינע געפיהלען, און איצט האָט זי זיך שטאַרק געפרעהט, וואָס די דאָזיגע טומעלדיגע, אונרוהיגע, אין דער ווירקליכקייט אונריינע נאַכט האָט זיך אונערוואַרטעטערהייט געענדיגט אַזוי ריין און רוהיג. און אום צו פערהאַלטען נעבען זיך אַליאַ'ן אביסעלע לענגער, האָט זי פאָרגעשלאָ־גען:

— קום אַליאַ, דו וועסט זיך אביסעלע מיט אונז דורכפאָהרען!

די מענער האָבען געמיינט, אַז די מאַנאַשקע וועט זיך אָפּזאָגען, די הייליגע פּאָהרען ניט צוליעב פערגעניגען, אָבער, צו זייער גרויס וואונדער, האָט זי איינגעווילינט און זיך געזעצט אינ'ם שליטען.

און, בעת דער שליטען האָט זיך אָוועקגעטראָגען צום שלאַג בוים, האָבען זיי אַלע געשוויגען און האָבען זיך נור געסטאַרעט, אַז איהר זאָל זיין אנגענעהם און וואַרעם, און יעדער פון זיי האָט געטראַכט וועגען דעם, ווי זי האָט פריהער אויסגעזעהען און ווי זי זעהט אויס היינט.

היינט האָט איהר פּנים אויסגעקוקט גלייכגילטיג, כמעט אָהן שום אויסדרוק, קאַלט און בלייך און דורכזיכטיג, אַזוי ווי אין איהרע אָדערען וואָלט וואסער געפלאָסען און ניט בלוט... און מיט אַ יאָהר צוויי—דריי צוריק האָט זי אויסגעזעהען דיק, רונד און רויט, האָט גערעדט וועגען חתנים און געלאַכט פון דער מינדסטער קליינינקייט....

נעבען שלאַג בוים האָט מען די פערד אויסגעקירעוועט צוריק. אין אַ מינוט צעהן אַרום האָט דער שליטען זיך ווידער אָפּגעשטעלט נעבען קלויסטער און אַליאַ איז אַרונטער.

דעמאָלט האָבען אַלע גלעקער געקלונגען.

— זאָל איך גאָט העלפען! — האָט געזאָגט אַליאַ און האָט זיך ניעדעריג, ניעדעריג מעשה מאַנאַשקע פערנויגט פאַר זיי.

— פערגעס־זשע ניט צו קומען, אַליאַ.

— איך וועל קומען, קומען.

זי איז שנעל אַוועק און איז באַלד פערשוואונדען הינטער די דונ־קעלע טויערען.

דערנאָך, ווען דער שליטען האָט זיך ווידער פונ'ם אָרט געריהרט, איז געוואָרען אַזוי אונמוטהיג. אַלע האָבען געשוויגען. סאָפיאַ לוואָוונאַ האָט געשפּירט אַז אַ מיעדקייט און שוואַכקייט אין דעם גאַנצען קער־פּער און אויפ'ן הארצען אַזאַ שווערקייט. דאָס, וואָס זי האָט איינגע־לאַדען די מאַנאַשקע צו זעצען זיך אינ'ם שליטען און דורכפּאָהרען זיך אין אַ שיכורער חברותא, האָט זיך איהר שוין איצט אויסגעוויזען נאַ־ריש, אונטאַקטיש און כמעט אַ גאָטעס־לעסטערונג; זי האָט זיך איצט אויסגעניכטערט און עס איז איהר שוין איצט קלאָהר געוואָרען, אַז די כלומרשטדיגע ליעבע צו איהר מאַן איז ביי איהר נור אַן איינגע־רעדטע זאַך, אַז אין דער אמת'ן, ליעבט זי איהם ניט, קען איהם ניט ליעבען. זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט, ווייל ער איז זעהר רייך און

מחמת זי האָט מורא געהאַט צו פערבלייבען אַן אַלטע מויד, ווי ריטאַ, און ווייל דער פאָטער — דער דאָקטאָר האָט איהר דערעסען און וויי־דער — אוים צולהכעים וואָלאָדיא דעם קליינעם. ווען זי וואָלט פאַר דער חתונה געוואוסט, אַז צו לעבען מיט'ן קאָלאָנעל וועט איהר זיין אַזוי שווער און אונערטרעגליך, וואָלט זי פאַר קיינע גליקען אויף דער וועלט מיט איהם ניט חתונה געהאַט. אָבער איצט איז פערפאַ־לען. דאָס לעבען מיט איהם מוז זי אָננעהמען פאַר ליעב.

זיי זיינען געקומען אַהיים.

אריינגעלייגט זיך אין דער וואַרימער ווייכער בעט און צוגעדעקט זיך מיט אַ קאָלדרע, האָט סאָפיא לוואָוונאַ זיך דערמאָנט אָן דעם דונקעלען קלויסטער, דעם גערוך פון ווייה־רויך און די דונקעלע פי־גורען דאָרט, און איהר איז מורא'דיג געוואָרען פון דעם געדאַנק, אַז די דאָזיגע פיגורען וועלען אַזוי שטעהן דאָרט אונבעוועגליך די גאַנצע צייט, בעת זי וועט דאָ שלאָפען. דער גאָטעס־דיענסט וועט זיך דאָרט ציהען לאַנג־לאַנג...

— אָבער עס איז דאָך פאַראַן אַ גאָט, זיכער פאַראַן — האָט זי געטראַכט, און איך וועל אונבעדינגט שטאַרבען, מוז מען, הייסט עס, אַ קלעהר טהאָן וועגען יענער וועלט, ווי אָליאַ. אָליאַ איז איצט גערעטעט, זי האָט פאַר זיך אַלע פראַגען געלייזט... ווען אָבער קיין גאָט איז ניטאָ? דאַן איז איהר לעבען פערלאָרען געגאַנגען. וואָס הייסט פערלאָרען געגאַנגען? וואָרום עפּעס פערלאָרען געגאַנגען?

און אַ מינוט שפּעטער קריכט אין קאָפּ ווידער אַ געדאַנק:

— עס איז פאַראַן אַ גאָט, שטאַרבען וועט מען זיכער, מוז מען אַ טראַכט טהאָן וועגען דער נשמה. ווען אָליאַ זאָל אין דיעזער מינוט דאַרפען שטאַרבען, וועט דער טויט זי ניט שרעקען. זי איז גרייט פאַר דעם. די הויפּט זאַך, די פראַגע פונ'ם לעבען האָט זיך שוין גע־לייזט... גאָט איז פאַראַן... יאָ... אָבער שוין־זשע איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נור אין קלויסטער צו פערשפּאַרען זיך? דאָס מיינט דאָך, אָפּצוזאָגען זיך אין גאַנצען פונ'ם לעבען, בעגראָבען זיך לעבעדיגערהייט.

איהר איז געוואָרען מורא'דיג און זי האָט בעהאַלטען דעם קאָפּ אונטער'ן קישען.

— מען דאַרף וועגען דעם נישט טראַכטען — האָט זי געשעפּצעט — מען דאַרף ניט...

אינ'ם צווייטען צימער איז איהר מאַן דער קאַלאָנעל ארומגע־גאַנגען איבער'ן טעפּיך, האָט ווייך געקלונגען מיט זיינע שפּאָרען און וועגען עפּעס געטראַכט. סאָפיא לוואָוונאַ'ן איז איינגעפאַלען, אַז דיזער מענש איז איהר נאָהענט און טהייער נור פאַר איין זאַך: איהם רופט מען אויך וואָלאָדיא.

זי האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער בעט און צערטליך אַ רוף גע־טהאָן:

— וואָלאָדיא!

— דו ווילסט עפּעס? — האָט זיך אָפּגערופען דער מאַן.

— גאָר נישט.

און זי האָט זיך ווידער געלייגט.

עס האָט זיך דערהערט אַ הודיען, אפשר פון דעם זעלבען קלויס־טער־גלאָק, און ווידער האָט זי זיך דערמאָנט אָן די דונקעלע געשטאַלטען אינ'ם קלויסטער, און ווידער האָט געגומען שמעקען מיט ווייה־רויך, און ווידער האָט אינ'ם מוח זיך גענומען מישען געדאַנקען וועגען גאָט און טויט, און זי האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער דעקע איבער'ן קאָפּ, אום ניט צו הערען דעם גלאָק. זי האָט גענומען טראַכטען, אַז ביז זי וועט שטאַרבען, וועלען זיך נאָך ציהען יאָהרען און יאָהרען און פון טאָג צו טאָג וועט זי מוזען דולדען די נאָהענטקייט פון ניט אַ געליעבטען מאַן און שטיקען אין זיך די ליעבע צו אַנאַנדערען — אַ יונגען, אַ רייצענדען, און ווי איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אָן אונגעוועהנליכען.

איהר מאַן איז אריינגעקומען אין שלאָף־צימער. זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, געוואָלט איהם זאָגען „גוט נאַכט", נור אַנ־שטאָט דעם האָט זי זיך פּלוצים צו־וויינט. זי איז געוועזען בייז אויף זיך.

— עס הויבט שוין אָן די מוזיק! — האָט איהר מאַן ארויסגע־מורמעלט.

זי האָט זיך בערוהיגט, אָבער אַ סך שפּעטער, ערשט אַרום צעהן אין דער־פריה. זי האָט אויפגעהערט צו וויינען און ציטערען מיט'ן קערפּער, דערפאַר אָבער האָט זי געקראָגען אַ שטאַרקען קאָפּ־וועהטאָג.

דער קאַלאָנעל האָט זיך געאיילט אין קלויסטער צום גאָטעס־

דיענסט און האָט אינ'ם צווייטען צימער זיך געבייזערט אויף זיין דיע־נער דעם סאָלדאַט, וואָס האָט איהם געהאָלפען זיך אָנטהאָן.

ער איז איינמאָל אריין אין שלאָף־צימער, קלינגענדיג ווייך מיט זיינע שפּאָרען, און האָט עפּעס גענומען, דערנאָך אַ צווייטען מאָל שוין מיט זיינע עפּאָלעטען און מעדאַליען, אונטערהינקענדיג עטוואָס פון רהומאַטיזם, און סאָפיא לוואָוונאַ'ן האָט זיך עפּעס אויסגעוויזען, אַז ער געהט און קוקט, ווי אַ ווילדער רויבער.

זי האָט געהערט, ווי דער קאָלאָנעל האָט אָנגעקלונגען ביים טע־לעפאָן.

— זייט אַזוי גוט, רופט צום טעלעפאָן דאָקטאָר סאַלימאָוויטש. און אין אַמינוט אַרום: מיט וועמען רייד איך? דו, וואָלאָדיא?... עס פרעהט מיך. טהו אַ בעט דיין פּאַפּאַ'ן, ער זאָל גלייך צו אונז קומען, ווארום מיין ווייב איז זייט נעכטען שטארק צוקראָכען געוואָרען. נישטאָ אין דער־היים, זאָגסטו? הם... דאַנקע. זעהר שעהן... איך וועל דיר זעהר דאַנקבאַר זיין... מערסי.

דער קאָלאָנעל איז צום דריטען מאָל אריינגעקומען אין שלאָף־צימער, האָט זיך איינגעבויגט צו זיין פרוי, איבערגע'צלם'ט זי, גע־געבען איהר די האַנד אַ קוש טהאָן(די פרויען, וואָס האָבען ליעב גע־האַט, האָבען איהם די האַנד געקושט, און דאָס איז ביי איהם געווען אַ געוועהנליכע זאַך) און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט צו מיטאָג זיין צוריק און איז ארויס.

אַ זייגער צוועלף איז אריינגעקומען דאָס קאַמערמעדכען און גע־מעלדעט, אַז וולאַדימיר מיכאַיליטש (וואָלאָדיא דער קליינער) זיינען געקומען. סאָפיא לוואָוונאַ, שאָקלענדיג זיך פון מיעדקייט און קאָפּ־וועהטאָג, האָט שנעל אָנגעטהאָן אויף זיך איהר נייעם זעהר שעהנעם הויז־קלייד, וואָס איז געווען מיט פוטער בעפּוצט, און האָט זיך אויף גיך פערקאַמט. זי האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט פאַר פרייד און מורא געהאַט, ער זאָל ניט אַוועקגעהן. זי האָט געוואָלט כאָטש אַ קוק טהאָן אויף איהם.

וואָלאָדיא דער קליינער איז געקומען מיט אַ וויזיט, אויסגעפּראַנ־צעוועט אין אַ פראַק און אַ ווייסען האַלזטוך.

אַז סאָפיא איז אריינגעקומען, האָט ער איהר די האַנד אַ קוש געטהאָן און אויסגעדריקט זיין אויפריכטיגען בעדויערען, וואָס זי

איז ניט געזונד. דערנאָך, אז זיי האָבען זיך אנידערגעזעצט, האָט ער געלויבט איהר נייעם קלייד.

— און אויף מיך האָט א שטארקען איינדרוק איבערגעלאָזט אָליא —האָט זי געזאָגט, אפריהער איז מיר עפּעס אונאנגענעהם געווען, אָבער היינט בין איך איהר מקנא. זי איז שטארק, ווי א פעלז, ניט פונ׳ם אָרט צו ריהרען. אָבער, איך וואָלט וועלען וויסען, וואָלאָדיא, שוין־זשע האָט זי קיין אנדערען אויסוועג ניט געהאט? שוין־זשע, אז מען בעגראָבט זיך לעבעדיגערהייט, הייסט עס געלייזט די פראגע פונ׳ם לעבען? דאָס איז דאָך דער טויט און ניט דאָס לעבען.

און דערהערט אָליא׳ס נאָמען, האָט וואָלאָדיא דער קליינער געמאכט א מינע פון התפעלות.

—אָט איהר וואָלאָדיא, זייט א קלוגער מענש — האָט געזאָגט סאָפיא לוואָוונא — לערענט מיך אויס, איך זאָל אויך אזוי האנדלען, ווי זי. געוויס, איך וועל אין קלויסטער ניט געהן, ווייל איך בין ניט קיין גלויביגע; מען קען זיך דאָך אָבער אויפּאָפּפערען אויף אנאנדער אופן. איך לעב ניט גליקלאך — האָט זי גערעדט ווייטער — לערענט מיך אויס... איבערציוגט מיך... זאָגט מיר כאָטש איין וואָרט.

— איין וואָרט? מיט פערגעניגען: טאראראבומביא.

— וואָלאָדיא, ווארום פעראכטעט איהר מיך? — האָט זי זיך א כאפּ געטהאָן מיט היטץ — איהר רעדט מיט מיר, ענטשולדיגט, אין אזא שפּראך, ווי איך וואָלט עפּעס געוועזן... אזוי רעדט מען ניט מיט פריינד און אנשטענדיגע פרויען. איהר האָט ערפאָלג, אלס געלערענטער, האָט ליעב די וויסענשאפט; ווארום רעדט איהר ניט מיט מיר וועגען וויסענשאפט? ווארום? איהר מיינט, אזא כבוד פערדין איך ניט?

וואָלאָדיא דער קליינער האָט מיט פערדרוס זיך א קרים געטהאָן און געזאָגט.

— וואָס האָט זיך אייך מיט אמאָל פערגלוסט די וויסענשאפט? אפשר וואָלט זיך אייך א קאָנסטיטוציאָן? אָדער אפשר גאָר פיש מיט כריין?

— נו, גוט זאָל זיין, אז איך בין א גאָר נישט, א שלעכטע, נאַרישע פרוי, אָהן דעם מינדעסטען פּרינציפּ... אז איך האָב א סך, א סך פעהלערען בעגאנגען, אז איך בין א פּסיכאָפּאטקע, א פערדאָרבענע און

מען דאַרף מיך דערפאַר פערראַכטען. אָבער איהר, וואָלאָדיא, זייט דאָך עלטער פון מיר מיט צעהן יאָהר און מיין מאַן מיט גאַנצע דריי־סיג. איך בין דאָך אויף אייערע אויגען אויסגעוואַקסען און אַז איהר וואָלט נור געוואָלט, וואָלט איהר פון מיר אַלעס געקענט מאַכען, אפילו, א מלאך. אָבער איהר... (איהר קול האָט א ציטער געטהאָן) איהר בענעהמט זיך מיט מיר שרעקליך. מיין מאַן האָט מיך געהייראַטעט, ווען ער איז שוין אַלט געוואָרען, און איהר...

— נ, גענוג — האָט וואָלאָדיא געזאָגט, צוגערוקט זיך נעהענטער צו איהר און גענומען קושען איהרע ביידע הענד: — די פילאָזאָפיע וועלען מיר איבערלאָזען פאַר די שאָפּענהויערס און מיר אליין וועלען בעסער די דאָזיגע הענטלאך קושען.

— איהר פעראַכטעט מיך און ווען איהר וואָלט וויסען, ווי איך לייד דערפון — האָט זי געזאָגט אונענטשלאָסען, וויסענדיג אין פאַר־אויס, אַז ער וועט איהר ניט גלויבען: — ווען איהר וואָלט וויסען, ווי מיר ווילט זיך אָנפאַנגען א נייעס לעבען! איך טראַכט פון דעם מיט בעגייסטערונג — האָט זי געזאָגט, און איהרע אויגען זיינען ווירקליך פערלאָפען מיט טרעהרען פאַר בעגייסטערונג: — איך וויל זיין א גוטער, עהרליכער, ריינער מענש, ניט לייגען, האָבען א צוועק אינ׳ם לעבען...

— נו, נו, איך בעט אייך, נעהמט זיך ניט איבער, מאַכט ניט די דאָזיגע שטיק! איך האָב עס פיינד! — האָט וואָלאָדיא געזאָגט מיט א קאַפּריזנעם אויסדרוק אויפ׳ן פּנים — ביי גאָט מען קען קיינען, אַז איהר שפּיעלט אויף דער ביהנע — בעסער לאָמיר זיך האַלטען ווי מענשען.

אום אַז ער זאָל ניט אין כעס ווערען און אוועקגעהען, האָט זי זיך גענומען פערענטפערען פאַר איהם און זאָגאַר איהם צוליעב געצוואונגען א שמייכעל געטהאָן, און ווידער גענומען ריידען וועגען אליא׳ן און וועגען דעם, וואָס איהר ווילט זיך לייזען די פראַגע פונ׳ם לעבען און ווערען א מענש.

— טאַראַ... ראַ... בומביאַ... — האָט ער ארויסגעזונגען — טאַראַ... ראַ.. בומביאַ!

און גאַנץ אונערוואַרטעט זי אָנגענומען ביי דער טאַליע. און זי, אליין ניט וויסענדיג, וואָס זי טהוט, האָט איהם די הענד ארויפגע־

ליגט אויף די אקסלען און ביי א מינוט געקוקט מיט בעגייסטערונג, אזוי ווי אין א טשאד, אויף זיין קלוגען, שפאטישען פנים, אויף זיין שטערען, אויגען, פרעכטיגע בארד...

— דו וויסט שוין לאנג, אז איך האב דיך ליעב — האט זי זיך איהם ערקלעהרט און איז פיינליך רויט געווארען און האט דערפיהלט, אז אפילו איהרע ליפען האבען מיט א ציטער פערקרימט פאר שאנד:

— איך האב דיך ליעב. ווארום־זשע מוטשעסטו מיך?

זי האט פערמאכט די אויגען און איז צוגעלאפען מיט איהרע ליפען צו זיינע און לאנג האט זי ניט געקענט אפרייסען איהרע ליפען, א מינוט אודאי, כאטש זי האט געוואוסט, אז דאס איז ניט שעהן, אז ער אליין ועט זי שפעטער בערייד׳ען און אז עמיצער פון דער דינער־שאפט קען אריינקומען...

— אה, ווי דו מוטשעסט מיך! — האט זי איבערגע'חזר'ט.

שפעטער איז א האלב שעה, נאכדעם ווי ער האט בעקומען, וואס ער האט געזוכט, איז ער געזעסען אינ'ם עס־צימער און איבערגע־ביסען. זי איז געשטאנען פאר איהם אויף די קניע און האט מיט הונ־געריגע אויגען געקוקט איהם אין פנים אריין און ער האט איהר גע־זאגט, אז זי איז עהנליך צו א הינטעל, וואס ערווארטעט, מען זאל איהם צו־ווארפען א שטיקעלע פלייש. דערנאך האט ער זי אנידערגע־זעצט צו זיך אויף א קניע, געשאקעלט זי, ווי א קינד, און געזונ־גען:

— טארא... ראבומביא.... טארא... ראבומביא!

און ווען ער האט זיך געקליבען אוועקצוגעהן, האט זי ביי איהם געפרעגט מיט א ליידענשאפטליכען קול:

— ווען? היינט? וואו?

און האט איהם אונטערגעשטעלט צום מויל ביידע הענד, אקור־ראט ווי זי וואלט זיין ענטפער בדאי מיט די הענד געוואלט כאפען.

— היינט ווייס איך ניט, אויב עס פאסט — האט ער געזאגט, א טראכט טהאנדיג: — סיידען מארגען.

און זיי האבען זיך צושיידט.

שפעטער איז סאפיא לוואוונא אוועקגעפאהרען צו אליא'ן אין קלויסטער, נור דארט האט מען איהר געזאגט, אז אליא זאגט ערגעץ תהלים נאך א טויטען. פון דארט איז זי געפאהרען צו איהר פאטער

און האָט איהם אויך ניט געטראָפען אין דער־היים; דערנאָך האָט זי אומגעביטען איהר פוהרמאַן און איז ארומגעפאָהרען איבער די גאַסען און געסלאַך ביז פאַרנאַכט. און ארומפאָהרענדיג אזוי האָט זי זיך ניט ווילענדיג דערמאָנט אָן יענער טאַנטע איהרער מיט די פערוויינטע אויגען, וואָס האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

און ביינאַכט זיינען זיי ווידער געפלויגען אויפ'ן שליטען און גע־הערט די ציגיינער אין רעסטאָראַן אונטער דער שטאָדט. און בעת זיי זיינען ווידער פערביינגעפאָהרען דעם קלויסטער, האָט סאָפיא ווידער זיך דערמאָנט אָן אָליאַ'ן און מורא'דיג איז איהר געוואָרען פון דעם געדאנק, אז פאַר מיידלאַך און פרויען פון איהר קרייז איז קיין אנדער אויסוועג נישטאָ, ווי צו יאָגען זיך אָהן אָן אויפהער אויף שליטענס, ליגען אין בעטריגען, אָדער בעגראָבען זיך אין אַ קלויסטער און טויטען אין זיך דעם גוף און די פערלאַנגען...

און אויף מאָרגען האָט זי זיך ווידער צונויפגעטראָפען מיט וואָלאָ־דיא דעם קליינעם און איז דערנאָך ווידער אַ גאַנצען טאָג ארומגעפאָה־רען איבער די גאַסען און געסלאַך, און האָט זיך דערמאָנט אָן איהר טאַנטע.

אין אַ וואָך ארום האָט וואָלאָדיא דער קליינער זי אוועקגעוואָרפען. און דערנאָך איז ווידער אוועק אַ אונאינטערעסאַנט לעבען, פון בענקע־ניש און ליידען. דער קאָלאָנעל און וואָלאָדיא דער קליינער האָבען גע־שפּיעלט אויפ'ן ביליאַרד און אין פּיקעט. ריטאַ האָט דערצעהלט איהרע פוילע, נאַרישע אנעקדאָטען. סאָפיא לוואָוונאַ איז ארומגעפאָהרען אויף די דראָזשקעס און געבעטען איהר מאַן, ער זאָל זיך מיט איהר דורכ־פאָהרען.

פאָהרענדיג כמעט יעדען טאָג אין קלויסטער, האָט זי דערעסען אָליאַ'ן מיט איהר קלאָגען זיך און וויינען פאַר איהר אויף איהר ביטע־רער דאָליע, און בעת דעם האָט זי געפיהלט, אז צוזאַמען מיט איהר רייסט זיך אריין צו אָליאַ'ן אין קעמערל עטוואָס ניט־ריינעס, רחמנות'־דיגעס און שפל'דיגעס, און אָליא האָט איהר מעכאַניש, ווי פון אַן אויסגעלערנטער לעקציאָן, אויף אַלעס געענטפערט: דאָס אַלעס איז גאָר נישט, עס וועט פאַראיבער, און גאָט איז גוט און ער וועט מוחל זיין.

שטאַרקע געפֿיהלען

דאָס האָט פּאַסירט ניט לאַנג אין דעם מאָסקווער קרייז־געריכט. די געשוואָרענע ריכטער, וועלכע מען האָט פערהאַלטען אינ'ם געריכט איבער דער נאַכט, האָבען פאַר'ן שלאָפען געהן זיך צורעדט וועגען שטאַרקע געפיהלען. אויף דער דאָזיגער טהעמא האָט זיי אַנגעשטויסען איינער פון די עדות, וואָס האָט דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז אין אַ מינוט פון שרעק גרוי געוואָרען און האָט צו שטאַמלען אָנגעהויבען. די געשוואָרענע ריכטער האָבען צווישען זיך אָפּגעמאַכט, אַז איידער זיי לייגען זיך שלאָפען, זאָל יעדער פון זיי דערצעהלען וועגען אַ פאַל פון שטאַרקע געפיהלען אינ'ם אייגענעם לעבען. דאָס לעבען פונ'ם מענשען איז קורץ, דאָך איז נישטאָ קיין איין מענש, וואָס זאָל זיך נישט קענען בעריהמען, אַז ער האָט אויף זיין לעבען נישט געהאַט קיין מינוטען פון שרעק און מורא.

איין געשוואָרענער ריכטער האָט דערצעהלט, ווי איינמאָל האָט ער זיך געטרונקען; אַ צווייטער האָט דערצעהלט, ווי איינמאָל אַ ביינאַכט האָט ער אין אַ געגענד, וואו עס זיינען נישטאָ קיין דאָקטוירים און קיינע אַפּטהעקערס, פער'סם'ט זיין אייגען קינד דורך אַ טעות, געבענדיג איהם אַנשטאָט סאָדע אַ גיעפטיגען געטראַנק. דאָס קינד איז ניט געשטאָרבען, אָבער דער פאָטער איז שיער ניט משוגע געוואָרען. אַ דריטער, אַ קרענקליכער מענש, האָט דערצעהלט ווי ער האָט צוויי מאָל געוואָלט זיך דאָס לעבען נעהמען, איינמאָל שיסענדיג זיך און אַ צווייטען מאָל וואַרפענדיג זיך אונטער אַ צוג.

דער פערטער, אַ קליינציקער, אויסגעפּוצטער דיקער מאַן, האָט דערצעהלט די פאָלגענדע געשיכטע:

— איך בין אַלט געוועזן אַ יאָהר 22—23, בעת איך האָב זיך פערליעבט איבער די אויערען אין מיין איצטיגער פרוי און איהר אַ

פארשלאג געמאכט... היינט וואלט איך מיט פערגעניגען זיך דערפאר די אויערען אויסגעריסען, דעמאלט אבער וויים איך ניט, וואס פאר א דומהייט איך וואלט בעגאנגען, ווען נאטאשא וואלט מיר אפגעזאגט. מיין ליעבע איז געוועזען די סאמע עכטע, פונקט אזא, ווי זי ווערט אין די ראמאנען געשילדערט, א משוגענע, א פייערדיגע און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. מיין גליק האט מיך געשטיקט און איך האב נישט געוואוסט, וואו אהינצוטהאן זיך מיט איהם, און איך האב דערעסען אי דעם פאטער, אי מיינע גוטע פריינד, אי דער דיענערשאפט אונזע־רער, האב אלץ גערעדט פון דעם, ווי היים איך ליעב. די גליקליכע מענ־שען זיינען די סאמע לאנגווייליגסטע און אונערטרעגליכסטע מענשען. איך האב דערעסען גאר אהן רחמנות, נאך היינט מאטערט מיך דאס געוויסען פאר דעם.

צווישען מיינע גוטע פריינד איז דעמאלט אויך געוועזען איינער אן אדוואקאט, אן אנפאנגער. היינט איז דער דאזיגער אדוואקאט בעוואוסט איבער גאנץ רוסלאנד, דעמאלט אבער האט ער נור־וואס אנגעהויבען צו האבען ערפאלג און איז נאך ניט געוועזען אויף אזוי וויט בעריהמט און רייך, אום ניט צו האבען א רעכט, נישט צו דערקענען זיינע אלטע גוטע פריינד און נישט צו בעגריסען זיי. איך פלעג איהם בעזוכען גאנץ אפט, איינמאל צוויי מאל א וואך. אז איך פלעג צו איהם קומען, פלעגען מיר זיך ביידע אויסציהען אויף די זאפעס און אנפאנגען צו פי־לאזאפירען.

און איינמאל ליעג איך מיר אזוי ביי איהם אויף דער זאפע און שמועס וועגען דעם, אז אדוואקאטור איז די אונדאנקבארסטע פראַ־פעסיאן. איך האב איהם געוואלט איבערצייגען, אז נאך דעם אויספרעגען פון די עדות קענען די ריכטער אויסקומען אהן דעם פראקוראר און אהן דעם פערטהיידיגער, ווארום אי דער אי יענער זיינען איבריג, זיי שטערען נור. אויב — זאג איך — אן ערוואקסענער, גייסטיג־גע־זונטער געשווארענער ריכטער איז איבערצייגט, אז דער דאזיגער סור־פיט איז וויים, אז דער און דער האט בעגאנגען א פערברעכען, וועט אפילו אזא רעדנער, ווי דעמאספען, ניט אימשטאנד זיין צו איבערצייגען איהם אנדערש. צום ביישפיעל, ווער וועט קענען מיך איינריידען, אז מיינע וואנצעס זיינען געל, ווען איך וויים בעשטימט, אז זיי זיינען שווארץ. א גוטער, טאלאנטפאלער אראטאר, וועט מיך, מעגליך, ריהרען,

א טרעהר ביי מיר ארויסרייסען, אָבער אויף מיין איבערצייגונג, וועלכע איז אויף פאַקטען געגרינדעט, וועט ער בשום אופן נישט ווירקען. מיין פריינד דער אדוואָקאט האָט אָבער גענומען אויפוויזען, אז איך בין נאָך יונג, נאריש און רייד ווי א אינגעל. נאָך זיין מיינונג, איז א קלאָרער פאַקט, בעלייכטעט פון געוויסענהאפטע און קאָמפּעטענטע מענשען, ווערט נאָך קלאָהרער — דאָס איז איינס; צווייטענס, א טאַלענט — דאָס איז א סטיכישע קראַפט, דאָס איז א שטורם־ווינד, וואָס איז אימשטאַנד צו פערוואַנדלען שטיינער אין שטויב און ניט נור צו איבערצייגען קליינבירגער און סוחרים׳לאַך אין דעם, וואָס ער וויל. דער מענשליכער שוואכקייט איז אזוי שווער בייצושטעהן דער מאַכט פונ׳ם טאַלענט, ווי צו קוקען אויף דער זונן און ניט פער־בלענדעט ווערען, ווי צו וועלען אָפּשטעלען דעם ווינד. ער ווייזט מיר אָן אויף פאַקטען אין דער געשיכטע, ווי מענשען מיט דער קראַפט פונ׳ם וואָרט האָבען פעלקער גאַנצע געמאַכט גלויבען אין דעם, וואָס זיי האָבען געוואָלט. און אנדערש קען גאָר נישט זיין, אניט וואָלט דער קלוגער און טאַלאַנטירטער מענש זיך גאָר ניט אונטערשיידעט פון דעם נארישען און ניט בעגאַבטען מענשען.

איך האָב זיך אָבער געהאַלטען ביי מיינס, אז די איבערצייגונג איז שטאַרקער פון דעם גרעסטען טאַלענט, כאָטש, אָפען גערעדט, האָב איך אליין בעשטימט נישט געקענט זאָגען, וואָס אזוינס איז איבער־צייגונג און וואָס אזוינס איז טאַלענט.

—מען זאָל כאָטש נעהמען דיך...—האָט געזאָגט דער אדוואָקאט — דו ביזט, צום ביישפּיעל, אין דיזער מינוט איבערצייגט, אז דיין כלה איז א מלאך און אז אין דער גאַנצער שטאָדט איז נישטאָ נאָך איינער, וואָס זאָל זיין אזוי גליקלאַך, ווי דו. און איך זאָג דיר: עס וועט מיר נישט נעהמען קיין צעהן־צוואַנציג מינוט, ווי דו וועסט זיך אנידערזעצען אָט ביי יענעם טיש און אָנשרייבען א בריעף צו דיין כלה, אז דו קענסט מיט איהר ניט הייראַטהען, אז דו ווילסט זי נים.

איך האָב זיך צולאַכט.

— לאַך ניט, איך רייד ערנסט — האָט זיך אָנגערופען מיין פריינד — אז איך וויל, ביזטו אין איינע צוואַנציג מינוט דער גליק־ליכסטער מענש אויף דער וועלט פון דעם איין געדאנק, וואָס דו ברויכסט נישט חתונה צו האָבען. מיין טאַלענט איז אפילו ניט פון

די שטאַרקסטע, אָבער דו ביזט דאָך אויך ניט פון די מורא'דיג שטאַרקע.

— אַנו, איך וואָלט עס טאַקי וועלען זעהען! — האָב איך געזאָגט.

— ניין, צו־וואָס זאָל איך עס טהאָן? איך האָב עס דאָך גלאַט אַזוי געזאָגט. דו ביזט אַ וואויל אינגעל און עס וואָלט געווען ניט עהרליך פון מיין זייט, איך זאָל דיך אויסשטעלען צו אַזאַ נסיון. אוי־סער דעם בין איך היינט גלאַט ניט אויפגעלייגט.

מיר האָבען זיך געזעצט עסען אָבענד־ברויט. דער וויין און די גע־דאַנקען וועגען נאַטאַשאַ'ן, מיין ליעבע, האָבען מיך אין גאַנצען בע־רוישט מיט געפיהלען פון יוגענד און גליק. איך בין געווען אַזוי גליקלאַך, אַז דער אַדוואָקאַט, וואָס איז געזעסען געגענאיבער מיר מיט זיינע גרינע אויגען, האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַזאַ אונגליקליכער, אַזאַ קליינצינקער און וואַכעדיגער...

— נו, פּרוּב! — בין איך צו איהם צוגעשטאַנען — נו, איך בעט דיך!

דער אַדוואָקאַט האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און זיך פער־קרימט. הפנים, אַז איך האָב שוין איהם אָנגעהויבען צו דערעסען.

— איך ווייס אפילו — האָט ער געזאָגט — אַז נאָכדעם וועסטו מיר דאַנקען און וועסט זאָגען, אַז איך האָב דיך גערעטעט, אָבער מען דאַרף דאָך אַ טראַכט טהאָן וועגען דער כלה אויך. זי ליעבט דיך. זי וועט דערנאָך שטאַרק ליידען, אַז דו וועסט זיך אָפּזאָגען פון איהר... ווי רייצענד זי איז! איך בין דיר אמת מקנא.

דער אַדוואָקאַט האָט אַ זיפץ געטהאָן, אויסגעטרונקען אַ גלאָז וויין און גענומען ריידען וועגען דעם, ווי רייצענד מיין נאַטאַשאַ איז. צו שילדערען איז ער געווען אַן אמת'ער מייסטער. וועגען פרויען־ברעמען, וועגען דעם קליין פינגערל פון אַ פרויענצימער אפילו האָט ער בערג גאַנצע געקענט אָנריידען. מיט אמת'ן פערגעניגען האָב איך זיך צו איהם צוגעהערט.

— אויף מיין לעבען האָב איך שוין געזעהען אַ היבשע ביסעל פרויען — האָט ער גערעדט — אָבער איך גיעב דיר מיין עהרענוואָרט, איך רייד צו דיר ווי צו אַ פריינד, אַז דיין נאַטאַשאַ איז אַן אמת'ע פּערל, זי איז אַ זעלטענע מיידעל. געוויס, זי האָט פעהלערען אויך

און, אויב דו ווילסט, זעהר פיעל פעהלערען, אָבער זי איז דאָך ריי־צענד.

און דער אדוואָקאט האָט גענומען ריידען וועגען די פעהלערען פון מיין כלה. היינט פערשטעה איך גאַנץ גוט, אז ער האָט גערעדט בכלל וועגען פרויען, וועגען די שוואַכע זייטען פון פרויען בכלל. דע־מאָלט אָבער האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז ער רעדט נור וועגען נאַ־טאַשאַ'ן. ער האָט גערעדט מיט התפעלות פון איהר פעררייסען נעזעל, פון איהר קוויטשענדיגען געלעכטער, פון איהר פריקרער קאָקעט־סטוואָ, — אַלץ פון דעם, וואָס איך האָב ניט ליעב געהאַט אין איהר. דאָס אַלעס, נאָך זיין מיינונג, איז געווען זעהר ליעב, גראַציעז און פרויענהאַפט. גאַנץ אונבעמערקט פאַר מיר איז ער אריבער פון דעם התפעלות־טאָן צו אַ פאַטערליכען, מוסר־טאָן, דערנאָך צו אַ שפּאָטי־שען, פערעכטליכען...

קיין געריכטס־פּאָרזיצענדער איז דערביי ניט געווען, וואָס זאָל אינטערברעכען דעם צוהיצטען אדוואָקאַט. און איך האָב קיין צייט געהאַט דעם מויל צו עפענען, און וואָס אגב האָב איך איהם געקענט זאָגען, ווען איך זאָל אפילו, האָבען געעפענט דעם מויל? וואָס ער האָט גערעדט, איז ניט געווען קיין נייעס, אַלץ אַלטע, גוט־בעוואוסטע טענות, און דער גאַנצער גיעפט איז ניט געלעגען אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, נור ווי ער האָט געזאָגט, אין דער טייפעלשער פאָרמע, אין וועלכער ער האָט עס אַלעס געזאָגט. דער רוח אליין וויים, וואָס פאַר אַ פאָרמע דאָס איז געווען! הערענדיג איהם דעמאָלט, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איינס און דאָס זעלבע וואָרט האָט טויזענדער מיינונגען און בעדייטונגען, עס ווענדעט זיך אין גאַנצען, ווי און אין וואָס פאַר אַ פאָרמע מען רעדט עס ארויס. נאַטירליך, איך קען אייך נור זאָגען, אַז הערענדיג איהם, האָב איך אויף איין אָרט ניט געקענט איינזיצען, בין ארומגעלאָפען איבער'ן צימער פון איין ווינ־קעל אינ'ם אַנדערען און האָב זיך געהיצט צוזאַמען מיט איהם, גע־קאָכט זיך און פעראַכטעט צוזאַמען מיט איהם.

איך האָב איהם אפילו דעמאָלט געגלויבט, בעת ער האָט מיר ערקלעהרט מיט טרעהרען אין די אויגען, אַז איך בין אַ גרויסער מענש און בין ווערטה אַ בעסערען תכלית, אז אין דער צוקונפט שטעהט מיר פאַר אויפצוטהאָן עטוואָס בעזאָנדערעס, גרויסעס, וואָס דאָס פערהייראַטעס לעבען וועט אפשר שטערען!

— פריינד מיינער! — האָט ער אויסגעשריען, דריקענדיג פעסט מיינע הענד: איך בעט דיך, איך בעשווער דיך: קום צו זיך, כל זמן עס איז נאָך ניט צו שפּעט! דו קענסט נאָך חרטה האָבען! זאָל דיך גאָט אויסהיטען פון צו בעגעהן אזא מורא'דיגען פעהלער! פריינד מיינער, האָב רחמנות איבער דיינע יונגע יאָהרען!

ווילט איהר, גלויבט, ווילט איהר — ניט, נור סוף כל סוף בין איך געזעסען ביים טיש און געשריעבען א בריעף צו מיין כלה, אין וועלכען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון איהר.

איך האָב געשריעבען און זיך געפרעהט, וואָס איך האָב נאָך צייט געהאַט צו פערריכטען דעם פעהלער. פער'חתמה'ט דעם בריעף, בין איך ארויסגעלאָפען אויף דער גאַס, אום אריינצו־וואַרפען דעם בריעף אין פּאָסט־קאַסטען. דער אדוואָקאַט איז אויך מיט מיר ארויס־געלאָפען.

— אָט אזוי ביזטו א מענש! בראַוואָ! — האָט ער מיך גע־לויבט, ווען מיין בריעף צו נאַטאַשאַ'ן איז פערשוואונדען געוואָרען אין דונקעלהייט פון דעם פּאָסט־קאַסטען: — פון דער טיעפעניש פון מיין הארצען גראַטוליר איך דיך. איך פרעה זיך פאַר דיר.

און אין א ווייַלע אַרום, אָפּגעהענדיג מיט מיר א טריט צעהן, האָט דער אדוואָקאַט ווידער אָנגעהויבען:

— נאַטירליך, דאָס פאַמיליען־לעבען האָט זיך זיינע גוטע זייטען אויך. איך אליין, צום ביישפּיעל, געהער צו יענע מענשען, ביי וועלכע דאָס פאַמיליען־לעבען — איז אַלעס.

און ער האָט שוין גענומען שילדערען פאַר מיר דאָס פאַמיליען־לעבען און באלד האָבען זיך שוין פאַר מיר געמאָהלען די אַלע העס־ליכקייטען פון אַן עלענדען אַלט־בחור'שען לעבען.

ער האָט גערעדט מיט התפעלות וועגען זיין צוקונפטיגער פרוי, וועגען די אַלע זיעבען גליקען פונ'ם פאַמיליען־לעבען און האָט זיך בעגייסטערט אזוי שעהן, אזוי אויפריכטיג, אז ביז מיר זיינען צוגע־גאַנגען צו זיין טהיר, בין איך געווען אין דער העכסטער פערצווייפ־לונג.

— וואָס מאַכסטו פון מיר, דו שרעקליכער מענש?! — האָב איך ארויסגעקרעכצט — דו האָסט מיך אונגליקלאָך געמאַכט! וואָרום האָסטו מיך איינגערעדט, איך זאָל איהר שרייבען דעם פערפלוכטען

בריעף? איך האָב זי ליעב, ליעב!
און איך האָב זיך געשוואָרען, אז איך ליעב זי, און מיר איז מורא'דיג געוואָרען פאר מיין האנדלונג, מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אז איך האָב געהאנדעלט ווילד, משוגע. שטארקערע געפיהלען, ווי איך האָב דעמאָלט דורכגעלעבט, קען מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, מיינע העררן! אה, וואָס איך האָב דעמאָלט דורכגעלעבט, דורכגעפיהלט! ווען עמיצער וואָלט מיר דעמאָלט אונטערגערוקט א רעוואָלווער, וואָלט איך מיט פערגעניגען זיך אריינגעלאָזט א קויל אין שטערן.
— נו, גענוג, גענוג... — האָט דער אדוואָקאט געזאָגט, א קלאַפּ געטהאָן מיר איבער'ן אָקסעל און האָט זיך צולאכט: — וויין ניט. דיין כלה וועט דעם בריעף נישט ערהאַלטען. דעם אדרעס אויפ'ן קאָנווערט האָב איך געשריעבען, נישט דו, און איך האָב איהם אזוי פערפלאָנטערט, אז אויפ'ן פּאָסט וועט מען בשום אופן נישט וויסען, וואָהין ער געהערט. דאָס וועט דיר זיין א לעהרע אויף ווייטער, ניט צו שפּאָרען זיך ווענען זאכען, וואָס דו פערשטעהסט ניט.
איצט, מיינע העררן, זאָל עמיצער אַנאַנדערער דערצעהלען.
דער פינפטער געשוואָרענער ריכטער האָט פעררוכט דעם זיץ אונטער זיך און האָט שוין געהאָט דעם מויל געעפענט, אום צו דערצעהלען עפּעס פון זיין לעבען, נור אין דיזער צייט האָט זיך דערהערט דאָס שלאָגען פון דעם זייגער אויפ'ן ספּאַסקען טהורם.
— צוועלף... — האָט נאָכגעצעהלט איינער פון די געשוואָרענע ריכטער — מיינע העררן, צו־וואָס פאר א מין געפיהלען וועט איהר צורעכענען די געפיהלען פון דעם אָנגעקלאָגטען? ער, דער אָנגעקלאָגטער מערדער, ליעגט איצט אין זיין קאַמער, אָדער זיצט, שלאָפט ניט און הערט זיך צו צו דעם שלאָגען פונ'ם זייגער. פון וואָס טראַכט ער? וואָס פאר א חלומות זעהט ער?...
און די געשוואָרענע ריכטער האָבען עפּעס מיט אמאָל פערגעסען וועגען זייערע „שטאַרקע געפיהלען"; דאָס, וואָס עס האָט איבערגעלעבט זייער חבר, שרייבענדיג דעמאָלט דעם בריעף צו נאַטאַשא'ן, האָט זיך געדאכט ניט וויכטיג, אפילו ניט אינטערעסאַנט; און קיינער האָט שוין מעהר ניט דערצעהלט, האָבען זיך שטיל צולייגט שלאָפען...

שווערע מענשען

יעווגראַף איוואַניטש שיריאַיעוו, אַ קליינער ערד־אייגענטהימער, וועלכער האָט געשטאַמט פון פּאָפּעס (זיין זעליגער טאַטע, דער פּאָ־טער יאָהאַן האָט געקראָגען אַלס מתנה פון דער גענעראַלשע קאָוושי־ניקאָוו הונדערט און צוויי אַקער לאַנד), איז געשטאַנען אין ווינקעל נעבען אַ מעשענער וואַש־שיסעל און זיך געוואַשען די הענד. ער האָט אויסגעזעהען, ווי געוועהנליך פערזאָרגט, פערכמורעט, מיט ניט אַ פערקאַמטער באָרד.

— נו, יאָ, אַ וועטער! — האָט ער געזאָגט — דאָס איז עפּעס נישט קיין וועטער, נור אַ גאָטס־שטראָף. עס איז שוין ווידער גע־גאַנגען אַ רעגען!

ער האָט געבורטשעט, און זיין פאַמיליע איז געזעסען ביים טיש און געוואַרט, אַז ער זאָל ענדיגען וואַשען די הענד, אום אָנצוהויבען עסען מיטאָג.

זיין ווייב פעאָדאָסיא סעמיאָנאָווא, דער זוהן פּיאָטער, אַ סטו־דענט, די עלטערע טאָכטער וואַרוואַרא און דריי קליינע קינדער זיי־נען שוין לאַנג געזעסען ביים טיש און געוואַרט. די קליינוואַרג — קאָלקאַ, וואַנקאַ און אַרכיפּקאַ, קורנאַסע, פערשמירטע, מיט פליי־שיגע פּנים׳ער און שוין לאַנג נישט געשאָרענע, האַרטע האָאַר אויף די קעפּ, האָבען אונגעדולדיג באַוועגט מיט די שטוהלען. די ערוואַק־סענע זיינען געזעסען רוהיג, האָבען זיך ניט געריהרט מיט קיין אבר, קענטיג, זיי איז אַלץ איינס געווען — עסען, צו וואַרטען...

אַזוי ווי ער וואָלט זייער געדולד געוואָלט אויספּרובען, האָט שי־ריאַיעוו לאַנגזאַם זיך אָבגעווישט די הענד, לאַנגזאַם געזאָגט אַ גע־בעט, און נישט איילענדיג זיך געזעצט ביים טיש.

מען האָט גלייך דערלאַנגט ראָסעל.

פונ'ם הויף האָט זיך דערטראָגען דאָס קלאַפּען פון די סטאָליער־שע העק (ביי שיריאַיעוו'ן האָט מען געבויט אַ נייעם שטאַהל) און דאָס געלעכטער פון פּאַמקאַ דעם ארבייטער, וועלכער האָט זיך געוויצט מיט אַן ענדיק. אין די פענסטער האָט געקלאַפּט אַ שיטערער, אָבער שטאַרקער רעגען.

דער סטודענט פּיאָטער, אַ איינגעהויקערטער, אין ברילען, האָט געגעסען און זיך איבערגעקוקט מיט דער מאַמען. עטליכע מאָל האָט ער אָוועקגעלעגט די לעפעל און געהוסט, קענטיג, אַז ער האָט גע־וואָלט אָנהויבען ריידען, נור בעטראַכט אויפמערקזאַם דעם פאָטער, האָט ער זיך ווידער גענומען צום עסען. צום סוף, ווען מען האָט דער־לאַנגט די קאַשע, האָט ער ענטשלאָסען אַ הוסט געטהאָן און געזאָגט:

— איך האָב אייגענטליך געדאַרפט היינט ביינאַכט אוועקפאָה־רען. עס איז שוין לאַנג צייט, אַזוי האָב איך שוין אויך דורכגעלאָזען צוויי וואָכען. די לעקציעס הויבען זיך אָן דעם ערשטען סעפּטעמבער..

— נו, פאָהר — האָט איינגעשטימט שיריאַיעוו — וואָס האָסטו דאָ צו וואַרטען? נעהם און פאָהר זיך געזונדערהייד.

עס איז אַוועק אַ מינוט אין שווייגען.

— ער, יעוווגראַף איוואַניטש, דאַרף האָבען געלד אויפ'ן וועג...

— האָט שטיל ארויסגערעדט די מוטער.

— געלד? נו, איז וואָס! אָהן געלד קען מען ניט פאָהרען. אויב דו דאַרפסט, טאָ נעהם, פון מיינעטוועגען כאָטש שוין. האָסט שוין לאַנג געדאַרפט נעהמען!

דער סטודענט האָט לייכטער אָבגעזיפצט און זיך פרעהליך אי־בערגעקוקט מיט דער מוטער.

שיריאַיעוו האָט ניט איילענדיג זיך ארויסגענומען פון אַ זייטי־גער קעשענע אַ טאַשען־בוך און אָנגעטהאָן די ברילען.

— וויפיעל דאַרפסטו? — האָט ער געפרעגט.

— דער וועג ביז מאָסקווע קאָסט אייגענטליך עלף רובעל מיט צוויי און פערציג...

— אַך, געלד, געלד! — האָט אַ זיפץ געטהאָן דער פאָטער, (ער האָט שטענדיג געזיפצט, ווען ער האָט געזעהן געלד, אפילו, ווען ער האָט זיי געקראָגען אויך) אָט האָסטו צוועלף. דערפון, ברודער,

וועט נאָך בלייבען עפּעס רעשטע, אָבער דאָס וועט דיר אויפ'ן וועג צוניץ קומען.

— איך דאַנק אייך.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער סטודענט געזאָגט:

— פאַר אַ יאָהרען האָב איך גלייך געקראָגען לעקציאָנען. איך ווייס אָבער נישט, ווי עס וועט זיין היינטיגס יאָהר; עס קען זיין, אַז איך וועל נישט קענען גלייך קריעגען צו פערדיענען. איך וואָלט אייך געבעטען, איהר זאָלט מיר געבען נאָך אַ רובעל פופצעהן אויף קוואַרטיר און עסען.

שיריאַיעוו האָט אַ טראַכט געטהאָן און זיך אָבגעזיפצט.

— צעהן, וועט דיר אויך גענוג זיין — האָט ער געזאָגט — נאַ, נעהם!

דער סטודענט האָט בעדאַנקט. מען האָט נאָך געדאַרפט בעטען אויף קליידער, אויף בעצאָהלען אין אוניווערזיטעט פאַר הערען לעקציעס, אויף ביכער, נור גוט איינקוקענדיג זיך אינ'ם פאָטער, האָט ער בעשלאָסען, אַז מען דאַרף מעהר צו איהם ניט צושטעהן.

אָבער די מאַמע, וועלכע האָט ניט פערשטאַנען קיין פּאָליטיק און איז געווען אַ ניט אויסגערעכענטע, ווי אַלע מאַמעס, האָט נישט אויסגעהאַלטען און געזאָגט:

— יעווגראַף איוואַניטש, דו וואָלסט איהם געגעבען נאָך אַ רובעל זעקס אויף שטיוועל. טהו אליין אַ קוק, ווי קען ער פאָהרען אין מאָסקווע אין אַזעלכע צוריסענע טראַנטעס?

— זאָל ער נעהמען מיינע אַלטע. זיי זיינען נאָך גאָר נייע.

— וואָלסט איהם געגעבען אויף אַ פּאָאַר הויזען. אויף איהם איז אַ חרפּה צו קוקען...

גלייך נאָך דעם האָבען זיך באַוויזען סמנים פון אַ שטורם, פאַר וועלכען די גאַנצע פאַמיליע האָט אַזוי געציטערט.

שיריאַעוו'ס קורצע אָבגעפּרעסענע נאַז איז פּלוצים געוואָרען רויט, ווי פּורפּור. די רויטע פאַרב איז לאַנגזאַם צוגעקראָכען צו די אויערען, פון די אויערען צו די שלייפען און ביסלעכווייז פאַרגאָסען דאָס גאַנץ פנים. יעווגראַף איוואַניטש האָט זיך גענומען רוקען אויף זיין שטוהל, האָט פונאַנדערגעשפּיעלעט דעם קראַגען פונ'ם העמד, אום עס זאָל איהם ניט אַזוי שטיקען. עס איז קענטיג געווען, אַז ער

קעמפפט מיט א געפיהל, וואס האט איהם גענומען באהערשען.

עס איז געווארען טויט־שטיל. די קינדער האבען איינגעהאלטען דעם אטהעם, נור די מאמע, עפעס אזוי ווי ניט פארשטעהענדיג, וואס עס טהוט זיך מיט איהר מאן, האט ווייטער גערעדט:

— ער איז דאך שוין נישט קיין קליינינקער. איהם פאסט נישט צו געהן א הוילער.

שיריאיעוו איז פלוצים אויפגעשפרונגען און האט מיט אזא קראפט א ווארף געטהאן זיין גראבען טאשען־בוך אויפ'ן טיש, אז ער האט אראבגעשליידערט דאס ברויט פון טעלער. זיין פנים האט זיך אנגעצונדען און אנגענומען א העסליכען אויסדרוק פון צארן, בעליי־דיגונג, און גייציגקייט...

— נעהמט אלץ צו! — האט ער א געשריי געטהאן ניט מיט זיין קול — ראבעוועט! רייסט! שטיקט!

ער איז ארויסגעשפרונגען פון הינטער'ן טיש, האט זיך אנגע־כאפט פאר'ן קאפ און פערטשעפענדיג זיך אן אלעם, האט ער גענומען לויפען איבערן צימער.

— נ'נהמט מיך ארום ביז דעם לעצטען פערדמעל! — האט ער געשריען מיט א קוויטשענדיגען קול — זויגט אויס פון מיר דאס לעצטע! ראבירט! כאפט פאר'ן האלז און שטיקט!

דער סטודענט איז רויט געווארען און האט אראבגעלאזען די אויגען. עסען האט ער שוין מעהר נישט געקענט.

פעדאסיא סעמיאנאוונא, וועלכע האט אין די לאנגע פינף און צוואנציג יאהר זיך נאך אלץ נישט צוגעוואוינט צו איהר מאנ'ס שווערען כאראקטער, האט זיך אין גאנצען צוזאמענגעקארטשעט און און שטאמלענדיג גענומען פערענטפערען זיך. אויף איהר איינגעמא־טערטען, פייגעל־פנים, וועלכער איז שטענדיג געווען טעמפ און צו־שראקען האט ארויסגעטראטען אן אויסדרוק פון פערוואונדערונג און טעמפער מורא.

דאס קליינווארג און די עלטערע טאכטער ווארוואראו, א מיידעל מיט א בלאסען ניט שעהנעם פנים, האבען אוועקגעלעגט זייערע לע־פעל און זיינען געבליעבען זיצען, ווי פערשטארבען.

שיריאיעוו, קאכענדיג זיך אלץ מעהר און מעהר, ריידענדיג ווער־

טער איינס שרעקליכער פון דעם אנדערען, איז צוגעשפּרונגען צום טיש און גענומען אויסטרייסלען פונ'ם טאַשען־בוך דאָס געלד.

— נעהמט! — האָט ער געמורמעלט, ציטערענדיג מיט דעם גאַנצען קערפּער: — איהר האָט מיר אָבגעפּרעסען דעם קאָפּ, האָט זיך אָנגעזויפען מיין בלוט, טאַ, אָט, נאָט אייך מיין געלד אויך, איך דאַרף גאָרנישט האָבען. נייהט זיך נייע שטיוועל, נייהט זיך מונ־דירען!

דער סטודענט איז בלאַס געוואָרען און האָט זיך אויפגעהויבען.

— הערט אויס, פּאַפּאַ — האָט ער אָנגעהויבען, שטיקענדיג זיך — איך... איך בעט אייך אויפצוהערען, ווייל, ווייל...

— שטום! — האָט אויף איהם אַ געשריי געטהאָן דער פאָטער, אזוי הויך, אז די ברילען זיינען איהם אראָבגעפאַלען פון דער נאָז — שטום!

— פריהער האָב איך נאָך געקענט איבערטראָגען אזעלכע סצע־נעס... איצט אָבער... איצט בין איך אָבגעוועהנט. איהר פער־שטעהט? איך בין אָבגעוועהנט!

— שטום! — האָט אַ געשריי געטהאָן דער פאָטער און גענומען טופּען מיט די פיס — דו מוזט הערען, וואָס איך רייד! וואָס איך וויל דאָס רייד איך, און דו זאָלסט מיר שטומען! אין דיינע יאָהרען האָב איך שוין פערדיענט געלד, און דו לומפּ, ווייסטו, וואָס דו קאָסט מיך אָפּ? איך וועל דיך ארויסיאָגען! אומזיסטער פרעסער דו!

— יעגראַף איוואַניטש — האָט געשטאַמעלט פעאָדאָסיא אי־וואַנאָוונא, ריהרענדיג נערוועז מיט די פינגער: — ער איז דאָך... פעטיא איז דאָך...

— שווייג! — האָט אַ געשריי געטהאָן אויף איהר שיריאיעוו און אויף זיינע אויגען האָבען אזש ארויסגעטראָטען טרעהרען פאַר כעס. — דאָס האָסטו זיי אזוי צולאָזען! דו! דו ביזט אין אַלעם שול־דיג! ער האָט פאַר אונז קיין דרך ארץ נישט, צו גאָט בעט ער נישט, קיין געלד פערדיענט ער נישט! אייערע זיינע צעהן און איך בין איינער! פונ'ם הויז וועל איך אייך ארויסיאָגען!

די טאָכטער וואַרוואַרא איז געזעסען מיט אָן אָפענעם מויל און לאַנג געקוקט אויף דער מוטער, דערנאָך האָט זי איבערגעטראָגען איהר טעמפּען בליק אויף דעם פענסטער, איז בלייך געוואָרען און אַ

געשריי געטהאָן אויפ'ן קול, איז זי געפאלען אויף דער וואַנטעל פון שטוהל.

דער פאָטער האָט א מאך געטהאָן מיט א האנד, א שפּיי געטהאָן, און איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן הויף.

אויף אזא אופן האָבען זיך געוועהנליך געענדיגט די פאמיליען־סצענען ביי די שיריאַיעוו'ס.

נור דאָ האָט דעם סטודענט פּיאָטער פּלוצים באַהערשט א מורא'־דיגער כעס. ער האָט געהאַט דעם זעלבען אויפבראַוזענדען, שווערען כאַראַקטער, ווי זיין פאָטער און זיין זיידע, דער פּאָפּ, וועלכער האָט געשלאָגען די מיטגליעדער פון זיין געמיינדע מיט א שטעקען איבער די קעפּ. א בלאַסער, מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטען, איז ער צוגע־גאַנגען צו דער מוטער און גענומען שרייען מיט דער העכסטער אָקטאַ־ווע, וואָס ער האָט נור געקענט נעהמען:

— עס קריכט מיר ארויס די גאַל און עס עקעלט מיך פון די פּאָרוואורפע! איך וויל פון אייך גאָרנישט האָבען! גאָרנישט! איך וועל בעסער שטארבען פאַר הונגער, איידער איך זאָל ביי אייך אויפ־עסען נאָך איין ברעקעל ברויט! נאַט אייך צוריק אייער שמוציגע געלד! נעהמט!

די מוטער האָט זיך ארייננעדריקט אין וואַנט און גענומען מאַ־כען מיט די הענד, אזוי ווי פאַר איהר וואָלט געשטאַנען נישט דער זוהן, נור א געשפּענסט.

— וואָס בין איך שולדיג? — האָט זי גענומען וויינען — וואָס?

דער זוהן האָט אויך, אזוי ווי דער פאָטער, א מאך געטהאָן מיט א האנד און איז ארויסגעלאָפען אויפ'ן הויף.

שיריאַיעוו'ס הויז איז געשטאַנען אן אָבגעזונדערטע נעבען א טהאַל, וועלכער האָט זיך געצויגען איבער דער וויסטעניש אויף א ווייאָרסט פינף. די ברעגעס פון דעם דאָזיגען טהאַל זיינען בעוואַקסען געוועזען מיט יונגע דעמבעס און ערלען־בוימער, און אונטען אויף דעם דעק האָט געפלאָסען א טייכעל. קיין פאַרקאַנעס און צוימען זיינען נישט געוועזען. אַנשטאָדט זיי זיינען געשטאַנען פערשיעדענע געביידען, וועלכע האָבען זיך געדריקט איינע צו דער אַנדערער און האָבען אויף אזא אופן געבילדעט פאַר דאָס הויז דעם קליינעם פּלאַץ, וואָס איז

געוועזן פאַררעכענט אַלס הויף און וואו עס זיינען ארומגעגאַנגען היה־נער, קאַטשקעס און חזירים.

ארויסקומענדיג אויף דרויסען, איז דער סטודענט אוועק איבער דעם שמוציגען וועג אין פעלד אריין. אין לופטען איז געשטאַנען אַ יעסענדיגע פייכטקייט, וועלכע האָט דורכגענומען דורך און דורך.

דער וועג איז געווען אַ שמוציגער, דאָ און דאָרט האָבען געבלים־טשעט לוזשעס און פון געלען פעלד האָט ארויסגעקוקט דער יעסען אליין; אַ אומעטיגער, פערוואָלקענטער און פינסטערער. אויף דער רעכטער זייט פון וועג איז געווען אַ גאָרטען, אין גאַנצען אַ צוגראָבע־נער, אַ חשך'דיגער; וואו־ניט־וואו האָבען זיך דאָרט געזעהן זונן־בלומען מיט ארונטערגעלאָזענע, שוין שוואַרץ געוואָרענע קעפּ.

פיאָטער האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט ניט שלעכט געווען צו געהן אין מאָסקווע צו־פוס.. אָט אַזוי ווי ער שטעהט און געהט אָהן אַ היי־טעל, אין די צוריסענע שטיוועל און אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה. ווען ער וועט אָבגעהן אַ וויאָרסט הונדערט, וועט איהם אָניאָגען דער פּאָטער, אַ צושויבערטער, אַ דערשראָקענער, וועט איהם נעהמען בע־טען, ער זאָל זיך אומקעהרען אָדער זאָל נעהמען געלד, ער אָבער וועט אפילו נישט אַ קוק טהאָן אויף איהם און וועט געהן אַלץ ווייטער, ווייטער... נאָך די נאַקעטע וועלדער וועלען זיך אָנהויבען אומעטיגע פעלדער, נאָך די פעלדער ווידער וועלדער; באַלד וועט די ערד ווייס ווערען פון ערשטען שנעע, און די טייכלאַך וועלען זיך איבערציהען מיט אייז... ערגעץ וואו הינטער קורסק אָדער סערפּוכאָוואַ וועט ער פאַלען אַ פערמאַטערטער, אָהן כוחות פאַר הונגער און שטאַרבען... מען וועט געפינען זיין טויטען קערפּער, און אין אַלע צייטונגען וועט ער־שיינען אַ בעריכט, אַז אין אַ געוויסען פלאַץ איז דער און דער סטו־דענט געשטאָרבען פאַר הונגער...

אַ ווייסער הונד, מיט אַ שמוציגען וויידעל, וואָס האָט ארומגע־בלאָנדזשעט אין גאָרטען און עפּעס געזוכט, האָט איהם אָנגעקוקט און גענומען געהן נאָך איהם...

ער איז געגאַנגען איבערן וועג און געטראַכט וועגען טויט, וועגען דעם עלענד פון זיינע נאָהענטע און די גייסטיגע ליידען פון זיין פאָטער, אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך פאָרגעשטעלט די פערשיעדענע צופאַלען, וואָס קענען איהם טרעפען אויפ'ן וועג, צו־

פאַלען, איינער וואונדערליכער פון אנדערען. שעהנע פלעצער, שרעק־ליכע נעכט, אונערוואַרטעטע פּאַסירונגען... אין די געדאנקען האָט ער זיך אויסגעמאָהלען לאנגע רייהען פון גאָט־בעטערנים, א הייזעל אין וואלד מיט איין פענסטערל, וועלכעס לייכטעט העל אין דער פינס־טערניש; ער שטעהט פאר דעם פענסטער'ל, און בעט זיך, מען זאָל איהם אריינלאָזען נעכטיגען... מען לאָזט איהם אריין און... פּלוצים דערזעהט ער א באנדע רויבער, אָדער נאָך בעסער: ער פאַלט אריין אין א הויז פון א גרויסען גוטס־בעזיצער, וואו מען דערוויסט זיך, ווער ער איז און מען גיעט איהם צו עסען און טרינקען, מען הערט איים זיינע צרות, און אין איהם פערליעבט זיך דעם בעל הבית שעהנע טאָכטער.

פערנומען מיט זיין עלענד און מיט די דאָזיגע געדאנקען, איז דער יונגער שיריאיעוו אלץ געגאנגען און געגאנגען.

וויט־וויט אין פאָראויס, אין דער גרויער, פערוואָלקענטער וויט־קייט, האָט זיך געזעהן א איינפאָהר־הויז; נאָך ווייטער פון דעם איינפאָהר־הויז, אויף דעם סאמע האָריזאָנט האָט זיך געזעהן א קליין בערגעל, דאָס איז א סטאנציאָן פונ'ם אייזען־באהן.

אָט דער דאָזיגער בערגעל האָט איהם דערמאָנט אָן דער פערבינ־דונג, וואָס עקזיסטירט צווישען דעם אָרט, וואו ער האָט זיך אצינד געפונען מיט דער שטאָדט מאָסקווע, וואו עס ברענען לאנטערנעס, רוישען קארעטען און וואו עס ווערען געלעזען לעקציעס. און ער האָט זיך שיער נישט צו־וויינט פאר אומעט און אונגעדולד. די פייערליכע נאַטור מיט איהר אָרדנונג און שעהנקייט, די טויטע שטילקייט ארום האָבען איהם דערעסען, זיינען איהם מיאוס געוואָרען ביז צו פער־צווייפלונג און האס!

— היט זיך! — האָט ער דערהערט הינטער זיך א הויכע שטימע.

אין א לייכטער, שעהנער קארעטע איז פארבייגעפאָהרען א בע־קאַנטע אלטעטשקע, א גוטס־בעזיצערין. ער האָט זיך פאר איהר פער־נייגט און א ברייטען שמייכעל געטהאָן. און גלייך האָט ער זיך גע־כאפּט, אז דער דאָזיגער שמייכעל איז א פאלשער, א געמאכטער, אז ער פּאַסט זיך אזוי ווייניג צו זיין טרויעריגען געמיטה. פון וואנען קומט צו איהם אזא שמייכעל, ווען זיין גאנצע נשמה איז פול מיט זאָרג און אומעט?

און ער האָט גענומען טראַכטען, אַז מסתמא האָט די נאַטור אליין געגעבען דעם מענשען די פעהיגקייט צו ליגען, אום ער זאָל קע־נען אפילו אין די שווערסטע מינוטען בעהאַלטען די סודות פון זיין נעסט, ווי עס בעהאַלט זיי דער פוקס אָדער די ווילדע ענטעל. אין יעדער פאַמיליע איז פאַראַן זייערע ליידען און זייערע פריידען, אָבער ווי גרויס זיי זאָלען נישט זיין, קען זיי אַ פרעמד אויג נישט כאַפּען; און זיי פערבלייבען אַ געהיימניס.

ביי דער דאָזיגער גוטס־בעזיצערין, למשל, וועלכע איז נור־וואָס פארבייגעפאָהרען, האָט דער ליבליכער פאָטער, פאַר עפּעס אַ בילבול געטראָגען אויף זיך דאָס גאַנצע לעבען דעם צאָרן פון קייזער ניקאָלאַי, דער מאַן איהרער איז געווען אַ קאָרטעשוויניק און פון קיינעם פון איהרע פיער זיהן איז גאָרנישט ארויסגעקומען. מען קען זיך פאָר־שטעלען, וויפיעל שרעקליכע סצענען עס זיינען פאָרגעקומען אין איהר פאַמיליע, וויפיעל ביטערע טרעהרען עס זיינען פערגאָסען געוואָרען. און דאָך האָט די אַלטע אויסגעזעהן גליקלאָך, צופריעדען און אויף זיין שמייכעל האָט זי געענטפערט אויך מיט אַ שמייכעל.

דער סטודענט האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע חברים, וועלכע ריידען אַזוי אונגערן וועגען זייערע פאַמיליעס, ער האָט זיך אויך דערמאָנט אָן זיין מאַמען, וועלכע ליגט כמעט שטענדיג, ווען איהר קומט אויס צו ריידען פון דעם מאַן און די קינדער...

ביז שפּעט אין אבענד איז פּיאָטער ארומגעגאַנגען ווייט פון הויז, פאַרטהאָן אין ניט פרעהליכע געדאַנקען. ווען עס האָט גענומען טריפען אַ רעגען, האָט ער זיך אומגעקעהרט צום הויז. געהענדיג אהיים, האָט ער געטראַכט ניט אַנדערש, וואָס עס זאָל דאָרט נישט זיין, דורכצור־ריידען זיך מיט דעם פאָטער, און איהם איין מאָל פאַר אַלע מאָל אריינ־קלאַפּען אין קאָפּ, אַז מיט איהם איז שווער און שרעקליך צו לע־בען.

אין דער היים האָט ער דערווישט אַ טויטע שטילקייט. די שוועסטער וואַרוואַרא איז געלעגען הינטער דער ווענטעל און האָט לייכט געקרעכצט פון קאָפּ וועהטאָג. די מוטער מיט אַ פערוואונ־דערטען און שולדיגען פּנים איז געזעסען נעבען איהר און פעררירכט אַרכיפּקאַ'ס אַ פּאָאָר הויזלאָך.

יעווגראַף איוואַניטש איז געגאַנגען פון פענסטער צו פענסטער

און זיך געכמורעט אויף דעם וועטער. נאָך זיין גאנג, נאָך דעם הוסטען און אפילו נאָך דעם נאַקען איז קענטיג געווען, אז ער פיהלט זיך שולדיג.

— דו האָסט הייסט עס, חרטה געהאט, היינט צו פאָהרען ? — האָט ער געפרעגט.

דער סטודענט האָט אויף איהם רחמנות געקראָגען, האָט אָבער גלייך איבערגעשטארקט דעם דאָזיגען געפיהל, און געזאָגט:

— הערט אויס... איך מוז זיך מיט אייך ערנסט דורכריידען. יא, ערנסט... איך האָב אייך אימער געאכטעט און... און קיין מאָל ניט געוואגט צו ריידען מיט אייך אין אזא טאָן, נור אייער אויפפיה־רונג... די לעצטע האנדלונג...

דער פאָטער האָט געקוקט אין פענסטער און געשוויגען.

דער סטודענט, אזוי ווי אויסטראכטענדיג די ווערטער, האָט זיך א ריב געטהאָן דעם שטערן און ווייטער גערעדט אין שטארקער אויפ־רעגונג:

— עס געהט נישט אוועק קיין איין מיטאָג, אז איהר זאָלט נישט אָנמאכען קיין טומעל. אייער ברויט בלייבט אונז אלעמען שטעהן אין מיטען האלז.... עס איז נישטאָ אזא זאך וואָס זאָל מעהר בע־ליידיגען, מעהר, ערנידעריגען ווי די פאָרווירפע פאר דאָס שטיקעל ברויט... איהר זייט אפילו א טאטע, אָבער קיינער, ניט גאָט און ניט די נאטור, האָבען אייך געגעבען א רעכט אזוי שווער צו בעליידיגען, ערנידעריגען און אויסצוגיסען אויף די שוואכע אייער שלעכטען מוטה. איהר האָט פארמוטשעט, האָט א תל געמאכט פון דער מא־מען, די שוועסטער איז א דערשלאָגענע אויף אייביג, און איך...

—עס איז נישט דיין עסק מיך צו לערנען — האָט געזאָגט דער פאָטער.

— ניין, עס איז יא מיין עסק! איבער מיר קענט איהר שפּאָ־טען, וויפיעל איהר ווילט, אָבער דער מאמען לאָזט צופריעדען! איך וועל אייך נישט ערלויבען מאטערען די מאמען! — האָט ווייטער גערעדט דער סטודענט, בלישצענדיג מיט די אויגען: — איהר זייט צולאָזען, ווייל קיינער האָט נאָך נישט געוואגט זיך צו שטעלען געגען אייך. שטענדיג האָט מען פאר אייך געציטערט, געטריי־סעלט זיך, אצינד אָבער איז עס געענדיגט! גראָבער, אונערצויגענער מענש, וואָס איהר זייט! יא, איהר זייט גראָב... איהר פערשטעהט ?

איהר זייט גראָב, שווער און האַרטהערציג! אפילו די פויערים קע־נען אייך נישט פערטראָגען!

דער סטודענט האָט שוין פאַרלאָרען דעם צוזאַמענהאַנג און האָט נים געהערט, נור עפּעס אזוי ווי געשאָטען מיט בעזונדערע ווערטער.

יעווגראַף איוואַניטש האָט געהערט און געשוויגען, ווי אַ פאַר־טויבטער; נור פּלוצים איז זיין האַלז רויט געוואָרען, די פאַרב האָט זיך צוגאָסען איבער דעם פּנים און ער האָט זיך גענומען ריהרען.

— שטיל! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן.

— גוט! — האָט זיך ניט איינגעהאַלטען דער זוהן — איהר האָט ניט ליעב צו הערען דעם אמת? אויסגעצייכענט! גוט! נו, הויבט אָן שרייען! אויסגעצייכענט!

— שטיל, זאָג איך דיר! — האָט גענומען רעווען יעווגראַף אי־וואַנאָוויטש.

אין דער טהיר האָט זיך בעוויזען פעאָדאָסיא סעמיאָנאָוונא מיט אַ פערוואונדערטען פּנים, זעהר אַ בלאַסע; זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, האָט אָבער נישט געקענט און האָט נור באַוועגט מיט די פינגער.

— דאָס ביזטו שולדיג! — האָט אויף איהר אַ געשריי געטהאָן שי־ריאַיעוו — דו האָסט עס איהם אַזוי ערצויגען!

— איך וועל מעהר ניט זיין דאָ אין הויז! — האָט אַ געשריי געטהאָן דער סטודענט, וויינענדיג און קוקענדיג אויף דער מוטער מיט כעס: — איך וויל מיט אייך ניט זיין!

די טאָכטער וואַרוואַרא האָט אַ געשריי געטהאָן הינטער דער ווענטעל און זיך הויך אויף אַ קול צו־וויינט.

שיריאַיעוו האָט אַ מאַך געטהאָן מיט אַ האַנד און איז ארויס־געלאָפען פון הויז.

דער סטודענט איז אַוועק אין זיין צימער און זיך שטיל געלעגט. ביז האַלבער נאַכט איז ער אַזוי אָבגעלעגען אונבעוועגליך און מיט צוגעמאַכטע אויגען. ער האָט נישט געפיהלט ניט קיין כעס און ניט קיין שאַנד, נור עפּעס אַן אונבעשטימטען וועהטאָג אין דער נשמה. ער האָט ניט בעשולדיגט דעם פאָטער, ניט רחמנות געהאַט אויף דער מוטער, האָט זיך נישט געמאַטערט מיט קיין געוויסענביסע; איהם איז קלאָהר געווען, אַז אַלע אין דיעזען הויז פיהלען איצינד דעם

זעלבען וועהטאָג, און ווער עס איז שולדיג, ווער עס ליידעט מעהר, ווער ווענינער, ווייס נור איין גאָט...

ארום האלבער נאכט האָט ער אויפגעוועקט אַן ארבייטער און איהם געהייסען אַנגרייטען אַ פערד פאר אַ זייגער פינף אין דער פריה, אום צו פאָהרען צו דער סטאַנציאָן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעטהאָן און צוגעדעקט זיך, נור איינשלאָפען האָט ער נישט געקענט. ביז אין דער פריה־האָט ער געהערט, ווי דער פאָטער, וועלכער האָט אויך נישט געשלאָפען, איז ארומגעלאָפען פון פענסטער צו פענסטער און האָט געזיפצט.

קיינער האָט נישט געשלאָפען; אלע האָבען גערעדט זעלטען און דאָס נור שעפּצענדיג. צוויי מאָל איז צו איהם הינטער'ן פאראוואן אריינגעקומען די מאמע. אלץ מיט דעם זעלבען פערוואונדערט־טעמפען אויסדרוק, זי האָט איהם לאנג גע'צלמ'ט און האָט נערוועז אויפגעציטערט . . .

פינף אזייגער אין דער־פריה האָט זיך דער סטודענט צערטליך געזעגענט מיט אלעמען און האָט אפילו פארגאָסען אַ טרעהר. פארבייגעגאַנגען דעם פאָטער'ס צימער, האָט ער אריינגעקוקט אין טהיר.

יעווגראף איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך נאָך גאָרניט צוגעלעגט, איז געשטאנען אַ אָנגעטהאָנענער ביים פענסטער און געקלאפּט מיט די פינגער איבער די שויבען.

— פערבלייבט געזונד! — איך פאָהר — האָט געזאָגט דער זוהן.

— פאָהר געזונד . . . געלד איז אויף דעם רונדען טישעל... — האָט געענטפערט דער פאָטער, ניט אויסדרעהענדיג זיך.

ווען דער ארבייטער האָט איהם געפיהרט צו דער סטאַנציאָן, איז געגאַנגען אַ העסליכער, קאלטער רעגען. די זונן־בלומען האָבען נאָך ניעדעריגער איינגעבויגען זייערע קעפּ און די גראָז האָט אויסגעזעהען דונקעלער.

אננא אויף דער האלז

נאָך דער טרויאונג האָט מען אפילו קיין לייכטען פערבייסען נישט געגעבען; דאָס נייע פּאָאָר פּאָלק האָט אויסגעטרונקען צו באָקאָל וויין, האָט זיך איבערגעטהאָן און צום וואָקזאַל אוועק. אנשטאָט א פרעהליכען און א געשמאַקען מאָהלצייט, וואָס מען מאַכט געוועהנליך צו א חתונה, אנשטאָדט מוזיק און טענץ — האָבען זיי געמאַכט א רייזע צו א גאָטעס-דיענסט פאר צוויי הונדערט ווייאָרסט. פיעלע פון די געסט זיינען געווען פאר דער דאָזיגער רייזע, ווייל מאָדעסט אַלעקסעיאיטש, האָבען זיי געזאָגט, פערנעהמט א הויכען ראַנג, איז א מאַן אין די יאָהרען, און א פרעהליכע חתונה מיט געפילדער וואָלט אפשר אויסגעזעהען נישט גאָר אנשטענדיג. און בכלל איז לאַנגוויי־ליג צו הערען מוזיק, ווען א 52 יאָהריגער בעאַמטער הייראַטה מיט א מיידעל, וועלכע איז קוים 18 יאָהר אַלט.

מען האָט אויך גערעדט, אז די דאָזיגע רייזע אין קלויסטער מאַכט מאָדעסט אַלעקסעיאיטש, אום צו ווייזען זיין יונגער פרוי, אז ער, אַלס א מענש מיט פעסטגעשטעלטע פּרינציפּען, שטעלט די רע־ליגיאָן און מאָראַל העכער פון אַלעס און אַלעמען.

דאָס יונגע פּאָאָר פּאָלק האָט מען בעגלייט. אַן עולם חברים בעאַמטע און קרובים זיינען געשטאַנען מיט באָקאַלען אין די הענד און געוואַרט, ווען דער צוג וועט זיך ריהרען, אום א געשריי צו טהאָן הורראַ. און פּיאָטער לעאָנטאַיטש, דער כלה׳ס פאָטער אין א צילינ־דער, און אין א לעהרערשען פראַק, שוין גוט בגילופין, און זעהר א בלאַסער, האָט זיך אַלץ געצויגען מיט זיין באָקאַל צום פענסטער און גערעדט מיט א בעטענדיגען קול:

— אניוטאַ! אניאַ! אניאַ, אויף איין וואָרט!

אניאַ האָט זיך ארויסגעבויגט צו איהם פונ׳ם פענסטער און ער

האָט צו איהר עפּעס געשעפּצעט, שטיקענדיג זי מיט דעם גערוך פון ווײן און שנאַפּס, וועלכער האָט זיך געטראָגען פון זײן מויל, האָט איהר געבלאָזען אין אויער און זי האָט פון זײנע רייד גאָר נישט געקאָנט פערשטעהן. ער האָט איהר גע'צלמ'ט דאָס פּנים, די ברוסט, די הענד, דערביי האָט זײן אָטהעם געציטערט און אויף די אויגען האָבען טרעהרען געבליטשטשעט. און אַניאַס ברידער, פּעטיא און אַנדרושאַ, גימנאַזיסטען, האָבען איהם געצויגען פון הינטען פאַר'ן פּראַק און פאַרשעהמט געשעפּצעט:

— פּאַפּאַטשקאַ, גענוג... פּאַפּאַטשקאַ, מען דאַרף נישט....

ווען דער צוג האָט זיך גערוהרט, האָט אַניאַ געזעהן, ווי איהר פאָטער איז געלאָפען אַ ווײלע נאָכ'ן וואַגאָן, זיך שאָקלענדיג אויף די פיס און פאַרגיסענדיג זײן ווײן, און וואָס פאַר אַ רחמנות'דיגען, גוטען און שולדיגען פּנים ער האָט דערביי געהאַט.

— הו־ר־ר־ראַ ! — האָט אַ געשריי געטהאָן.

דאָס יונגע פּאָאַר איז געבליעבען אַליין. מאָדעסט אַלעקסעיאיטש האָט זיך ארומגעקוקט אין זײן וואַגאָן, האָט צולייגט די זאַכען אויף די פּאָליצעס און, שמייכלענדיג, זיך געזעצט אַנטקעגען זײן יונגער ווײבעל.

ער איז געווען אַ בעאַמטער פון מיטעלען וואוקס, אַ גאַנץ פולער, אָן אָבגעגעסענער, אַ זאַטער, מיט לאַנגע באַקען־באַרדען און אָהן וואָנצעס, און זײן געגאָלטע, קײלעכדיגע שאַרף־ארויסטרעטענדיגע מאָרדע איז עהנליך געווען צו אַ פּיאַטע. דאָס הויפּט כאַראַקטעריסטישע אין זײן פּנים איז געווען דאָס וואָס ער האָט קיין וואָנצעס נישט געהאַט, און מען האָט געקענט זעהן, ווי דער דאָזיגער פריש אָבגעראַזירטער, הוילער פּלאַץ געהט ביסלאַכווייז איבער אין די פעטע, פּוטערדיגע באַקען. געהאַלטען האָט ער זיך ערנסט, סאָליד, די באַוועגונגען זײנע זײנען געווען נישט קיין שנעלע און מאַניערען האָט ער געהאַט ווייכע.

— איך דערמאָן זיך איצט אָן אַ געוויסען צופאַל — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיג: — מיט אַ יאָהר פינף צוריק, ווען קאָסטאָראָטאָוו האָט בעקומען אָן אָרדען פון דער הייליגער אַננאַ און איז געקומען אויסדריקען זײן דאַנק, האָט זײן עקסעלענץ זיך אויסגעדריקט אויף אַזאַ שטייגער: „הייסט עס, אַז איהר האָט אַצינד צוויי אַננאַ'ס, איינע אין לאַץ און די צווייטע אויף דער האַלז". און דו דאַרפסט

וויסען, אַז אין יענער צייט, האָט זיך צו קאָסאָראָטאָוו'ן געוועזען נור וואָס אומגעקעהרט זיין ווייב, אַ לייכטזיניגע און בייזע פּערזאָן, וועמען מען האָט גערופען אננא. איך האָף, אַז ווען איך וועל בעקומען דעם אָרדען פון דער היילינער אננא, וועט זיין עקסעלענץ נישט האָבען קיין געלעגענהייט צו זאָגען מיר דאָסזעלבע, וואָס ער האָט געזאָגט קאָסאָראָטאָוו'ן.

ער האָט געשמייכעלט מיט זיינע קלייניטשקע אויגלאך. זי האָט אויך געשמייכעלט, אויפרעגענדיג זיךביים געדאנק, אַז דער דאָזיגער מענש קאָן זי יעדען אויגענבליק ארומנעהמען, קושען זי מיט זיינע פולע, פייכטע ליפּען און, אַז זי האָט שוין מעהר קיין רעכט נישט איהם דאָס צו ענטזאָגען, צו פאַרוועהרען. די ווייכע באַוועגונגען פון זיין פוטערדיגען קערפּער האָבען זי געשראָקען, איהר איז געווען מורא'דיג און העסליך.

ער איז אויפגעשטאנען, האָט נישט איילענדיג אראָבגענומען דעם אָרדען פון דער האַלז, אויסגעטהאָן דעם פראַק, די וועסט און אָנגעטהאָן אַ שלאָף־ראָק.

— אָט אַזוי — האָט ער געזאָגט, זעצענדיג זיך נעבען איהר.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי פּיעל זי האָט איבערגעליטען בעת דער טרויאונג, ווען, ווי איהר האָט זיך געדאכט, אי דער גלח, אי די געסט, אי אַלע אין דער קירכע, האָבען אומעדיג געקוקט אויף איהר, צו־וואָס געהט זי, אַזאַ יונגע, אַזאַ ליעבע, אַזאַ שעהנע, הייראַטהען מיט אַן עלטערן, ניט אינטערעסאַנטען העררן? נאָך היינט אין דער־פריה איז זי געווען אַזוי בעגייסטערט, וואָס אַלעס האָט זיך אַזוי גוט געמאַכט, נור אין דער צייט פון דער טרויאונג און איצט אין וואַגאָן, האָט זי זיך געפיהלט שולדיג, אָבגענאַרט און לעכערליך.

זי האָט, דאַכט זיך, חתונה געהאַט מיט אַ רייכען מאַן און קיין געלד האָט זי איצט נישט, גראַד אַזוי ווי זי האָט פריהער נישט געהאַט; איהר חופּה קלייד האָט מען געניהט אויף באָרג, און ווען דער פאָטער און די ברידער האָבען זי היינט בעגלייט, האָט זי אויף זייערע פּנים'ער דערקאָנט, אַז זיי האָבען נישט אַ קאָפּיקע ביי דער נשמה. וועלען זיי היינט האָבען פאַרוואָס צו עסען וועטשערע? און מאָרגען? און עפּעס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דער פאָטער און די אינגלאַך זיצען אַצינד אָהן איהר הונגעריגע און פיהלען ווידער אַמאָל דורך

דעם זעלבען אומעט, וועלכען זיי האָבען געפיהלט דעם ערשטען אָבענד נאָך דער מוטער'ס לויה.

— אַך, ווי אונגליקליך איך בין! — האָט זי געטראַכט — פאַר־וואָס בין איך אַזוי אונגליקלאָך?

מיט דער אומגעלומפּערטקייט פון אַן ערנסטען מענשען, וועל־כער איז געוועהנט צו האָבען צו טהאָן מיט פרויען, האָט מאָדעסט אַלעקסיאיטש זי געגלעט ביי דער טאַליע און געקלאַפּט איהר איבער דער פּלייצע און זי האָט געטראַכט וועגען געלד, וועגען דער מוטער און וועגען איהר טויט. נאָך דעם ווי די מאַמע איז געשטאָרבען, האָט דער פאָטער, פּיאָטער לעאָנטאיטש, אַ לעהרער פון האַנדשריפט און מאָהלעריי אין גימנאַזיאום, גענומען שיכור'ען, אָרימקייט און נויט זיינען זיי בעפאַלען; די אינגלאַך האָבען נישט געהאַט קיין שטיוועל און קיין קאַלאָשען, דעם פאָטער האָט מען געשלעפּט אין געריכט, און אין הויז איז געקומען דער פּריסטאַוו אָבשרייבען די מעבעל... וואָס פאַר אַ חרפּה און אַ שאַנד!

אַניאַ האָט געמוזט אַרומגעהן אַרום דעם שיכור'ען פאָטער, פאַרצי־רעווען די ברידער'ס זאָקען, געהן אויפ'ן מאַרק און, ווען מען האָט געלויבט איהר שעהנקייט, איהר יוגענד, איהרע גרויסאַרטיגע מאַניע־רען, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז די גאַנצע וועלט זעהט איהר בי־ליגע היטעלע און די לעכער אין די שיך, וועלכע זי האָט מיט טינט פערשמירט...

און ביי דער נאַכט טרעהרען און אַ אונרוהיגער, אויפדרינגענ־דיגער געדאַנק, אַז באַלד־באַלד וועט מען דעם פאָטער ענטזאָגען פון גימנאַזיאום פאַר זיין שוואַכקייט און, אַז ער וועט עס נישט אַריבער־טראָגען און וועט אויך שטאַרבען, ווי די מאַמע.

נור אָט האָבען בעקאַנטע דאַמען גענומען האָווען און אַוועק זו־כען פאַר אַניאַ'ן אַ גוטען שידוך. באַלד האָט זיך געפונען אָט דער אייגענער מאָדעסט אַלעקסיאיטש, נישט קיין יונגער און נישט קיין שעהנער, אָבער מיט געלד. ער האָט אין דער באַנק אַרום הונדערט טויזענד רובעל און אַן אייגענעם גוט, וועלכען ער פערדינגט. דאָס איז אַ מענש מיט פעסטגעשטעלטע רעגעלען און זיין עקסעלענץ האַלט פון איהם. אַניאַ'ן האָט מען פערזיכערט, אַז איהם איז אַ קלייניגקייט צו נעהמען ביי זיין עקסעלענץ אַ צעטעלע צום דירעקטאָר פון דער גימ־

נאַזיאום און זאָגאר נאָך העכער, ווען נויטיג, אז מען זאָל פּיאַטער לעאָנטאיטש'ען דעם פּאָטער הייסט עס, נישט ענטזאגען...

בעת זי האָט זיך דערמאָנט אָן די אַלע איינצעלהייטען, האָט זיך פּלוצים דערהערט מוזיק, וואָס האָט זיך אריינגעריסען אין פענס־טער צוזאמען מיט דעם געריוש פון שטימען.

דאָס האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט אויף אַ סטאַנציאָן.

הינטער דער פּלאַטפאָרמע האָט עמעצער צווישען עולם גע־שפּיעלט אויף אַ האַרמאָניק און אויף אַ ביליגער, קוויטשענדיגער פּי־דעל, און פון הינטער די הויכע בירקען־בוימער און לינדען־בוימער הינטער די זומער וואָהנונגען, וועלכע זיינען פערגאָסען געוועזען מיט דעם שיין פון דער לבנה, האָבען זיך געטראָגען די טענער פון אַ מי־ליטערישען אָרקעסטער: הפנים, אז אויף די דאַטשעס איז געווען אַ טאַנץ־אָבענד.

אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבען ארומשפּאצירט זומער געסט און שטאָדט לייט, וועלכע זיינען אין אַ שעהנעם וועטער געקומען אהער אָטהעמען אביסעל פרישע לופט. דאָ איז אויך געווען ארטינאָוו דער איינענטהימער פון דעם גאנצען זומער־פּלאַץ, אַ מאַן, אַ גביר, אַ הוי־כער, פולער ברונעט, עהנליך צו אַן ארמעניער מיט אויסגעשטשארע־טע אויגען און אין עפּעס אַ מאָדנעם קאָסטיום. ער האָט געטראָגען אַ העמד, פונאנדער געשפּיעלעט אויף דער ברוסט, און הויכע שטיוועל מיט שפּאָרעס, און פון זיינע פּלייצעס איז אראָבגעהאנגען אַ שוואר־צער מאַנטעל, וועלכער האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד, ווי אַ שלעפּע. הינטער איהם, אראָבגעלאָזען זייערע שארפע מאָרדעס, זיינען נאָכגעגאַנגען צוויי הינט.

די טרעהרען האָבען נאָך געבלישטשעט ביי אניא'ן אין די אוי־גען, אָבער זי האָט שוין נישט געדענקט נישט וועגען דער מוטער, נישט וועגען געלד און נישט וועגען איהר חתונה, זי האָט געדריקט די הענד בעקאַנטע גימנאזיסטען און אָפיציערען, האָט פרעהלאָך גע־לאַכט און גערעדט שנעל:

— וואָס מאַכט איהר? ווי געהט עס אייך?

זי איז ארויס אויף דער פּלאַטפאָרמע, אונטער דעם שיין פון דער לבנה און זיך געשטעלט אַזוי, אז מען זאָל זי זעהן אין גאַנצען, און איהר גרויסאַרטיגען קלייד און הוט.

— צו־וואָס שטעהען מיר דאָ? — האָט זי געפרעגט.

— מען ערוואַרטעט אַ פּאָסט וואַגאָן — האָט מען איהר גע־ענטפערט.

באַמערקט, אַז אַרטינאָוו קוקט אויף איהר, האָט זי קאָקעטיש פאַרזשמורעט די אויגען און גענומען ריידען אין דער הויך אויף פראַנצויזיש, און דערפאַר, ווייל איהר אייגענער קול האָט געקלונגען אַזוי שעהן און, ווייל עס האָט זיך געהערט מוזיק, און די לבנה האָט זיך אינ'ם טייכעל אָבגעשפּיגעלט, און דערפאַר, ווייל אַרטינאָוו האָט אויף איהר מיט אַזאַ נייגעריגקייט, מיט אַזאַ היים־הונגער געקוקט, אַרטינאָוו, דער בעריהמטער דאָן זשואַן, דער פערצערטעלטער מאַן, און דערפאַר, ווייל אַלעמען איז פרעהלאַך געווען, האָט זי פּלוצים דערפיהלט אַ שטאַרקע פרייד און, ווען דער צוג האָט זיך געריהרט און די אָפיציערען האָבען זי מיליטעריש בעגריסט, האָט זי שוין גע־זונגען אַ פרעהליכע פּאָלקע.

קלאַנגען פון דער אייגענער פּאָלקע האָבען זיך אויך געטראָגען נאָך איהר, געשפּיעלט פון אַ מיליטערישען אָרקעסטער, ערגעץ־וואו הינטער די בוימער. אין וואַגאָן אריין האָט זי זיך אומגעקעהרט מיט אַזאַ געפיהל, ווי מען וואָלט איהר אויף דער סטאַנציאָן איבערצייגט, אַז זי וועט זיין גליקליך, געוויס, זיכער, נישט קוקענדיג אויף קיין זאַך.

דאָס פּאָאָר פּאָלק איז אָבגעווען אינ'ם קלויסטער צוויי טעג, דער־נאָך זיינען זיי צוריק אין שטאָדט געקומען.

געוואוינט האָבען זיי אויף אַ רעגיערונגס־קוואַרטיר. ווען מאָ־דעסט אַלעקסעיאיטש פלעגט אוועקגעהן אין זיין דעפּאַרטאַמענט, האָט אַניאַ געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ, אָדער געוויינט פאַר לאַנג־ווייליגקייט, אָדער זיך אויף דער זאָפע געלעגט, ראָמאַנען געלעזען און מאָדע־זשורנאַלען איבערגעקוקט.

צו מיטאָג האָט מאָדעסט אַלעקסעיאיטש זעהר פיעל געגעסען און גערעדט וועגען פּאָליטיק, וועגען עמטער און בעלאָהנונגען, אַז מען דאַרף אַרבייטען, אַז דאָס פאַמיליען־לעבען איז נישט קיין שפּיעלכעל, נישט קיין פערגעניגען, נור אַ חוב, אַז פון קאָפּיקעס ווערט אַ רובעל און, אַז העכער פון אַלעס אין דער וועלט שטעלט ער די רעליגיאָן

און מאָראַל. און, האַלטענדיג דעם מעסער אין זיין פויסט, ווי אַ שווערד, האָט ער גערעדט:

— יעדער מענש דאַרף האָבען זיינע פפליכטען!

און אַניאַ האָט איהם אויסגעהערט, מורא געהאַט פאַר איהם און נישט געקענט עסען, און, געוועהנליך, פלעגט זי אַוועק פונ'ם טיש אַ הונגעריגע. נאָך מיטאָג האָט דער מאַן איהרער זיך צוגעלעגט אָברוהען און אין דער הויך געכראָפּעט און זי איז אַוועק צו די איהריגע.

דער פאָטער און די אינגלאַך האָבען עפּעס מאָדנע געקוקט אויף איהר, ווי זיי וואָלטען נור וואָס, איידער זי איז אריין, גערעדט וועגען איהר, וואָלטען זי בעשולדיגט, פאַר וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט אַזאַ אונגעליעבטען, ניט אינטערעסאַנטען נודנעם מענשען נור צוליעב זיין געלד; איהר רוישענדיג קלייד, די בראַסלעטען און דער ווייבערישער אנבליק בכלל האָט זיי געמישט, אונבעקוועם געמאַכט און בעליידיגט אין איהר אָנוועזענהייט האָבען זיי זיך אביסעל געשעהמט און נישט געוואוסט וועגען וואָס צו ריידען; נור דאָך האָבען זיי זי געליעבט, ווי פריהער און האָבען זיך נאָך נישט צוגעוועהנט צו עסען מיטאָג אָהן איהר. זי האָט זיך געזעצט צום טיש, געגעסען מיט זיי באָרשט, קאַשע און קאַרטאָפּעל, געפּרעגעלט אויף שמאַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט חלב'ענע ליכט.

פּיאָטער לעאָנטאיטש האָט מיט אַ ציטערענדיגער האַנד אָנגעגאָסען עפּעס אַ געטראַנק פון אַ פלאַש און געטרונקען שנעל, מיט דורשט, מיט עקעל איין גלעזעל, אַ צווייטע, דערנאָך אַ דריטע...

פּעטיאַ און אַנדרושאַ, בלייכינקע, מאָגערינקע אינגלאַך, מיט גרויסע אויגען, האָבען צוגענומען די פלאַש און צומישט גערעדט:

— מען דאַרף נישט, פּאַפּאָטשקאַ... גענוג, פּאַפּאָטשקאַ...

און אַניאַ איז אויך אונרוהיג געוואָרען און געבעטען זיך ביי איהם, ער זאָל מעהר נישט טרינקען, און ער פלעגט פּלוצים אויפּברויזען און קלאַפּען מיט'ן פויסט איבער'ן טיש.

— איך וועל קיינעם נישט ערלויבען צו לעהרנען מיך! — האָט ער געשריען — שקצים! נאַרישע מיידעל! איך וועל אייך אַלעמען פון דאַנען ארויסיאָגען!

אָבער אין זיין שטים האָט געקלונגען שוואַכקייט, גוטסקייט און

פיינער האָט פאַר איהם נישט מורא געהאַט.

נאָך מיטאָג האָט ער זיך געוועהנליך אויסגעפּוצט. אויסגעצויגען די דינע האַלז, אַ בלאַסער, מיט אַ צושניטענער מאָרדע פון ראַזיר מעסער, איז ער אַ האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד געשטאַנען פאַר'ן שפּיע־געל און געפּוצט זיך, דאָ האָט ער זיך געקאַמט און דאָ זיינע שוואַרצע וואָנצעס געדרעהט, האָט געשפּריצט אויף זיך פּאַרפיום, פאַרבונדען דעם האַלז־טוך אין אַ שלייף, דערנאָך האָט ער אָנגעטהאָן די האַנד־שוה, דעם צילינדער און איז אוועק צו זיינע פּריוואַט לעקציאָנען. איז אָבער אַ יום טוב געווען, איז ער דאַן אין דער היים געבליבען און גע־מאָהלען מיט פאַרבען, אָדער אויף אַ האַרמאָניק געשפּיעלט און אונ־טערגעזונגען אונטער דער נאָז; ער האָט זיך געסטאַרעט אַרויסצו־ברייגנען האַרמאָנישע טענער, אָבער די האַרמאָניק האָט געפּייפט און געריטשעט און ער האָט זיך געבייזערט אויף די אינגלאָך און גע־שריען:

— אויסוואורפען, שופטען! איהר האָט מיר איבערגעפיהרט דעם אינסטרומענט!

אין די אָבענדען האָט אַניאַ'ס מאַן געשפּיעלט אין קאָרטען מיט זיינע חברים בעאַמטע, וועלכע האָבען געוואוינט מיט איהם אונטער איין דאַך אין דער רעגיערונגס־הויז.

אין דיעזער צייט פלעגען זיך צוזאַמענקומען די ווייבער פון די בעאַמטע, מיאוסע, פאַרגרעבטע, ווי דיענסט־מוידען, אויסגעפּוצטע אָהן שום געשמאַק און פלעגען נעהמען טרייבען רכילות, פּונקט אַזעל־כע מיאוסע און געשמאַקלאָזע, ווי זיי אַליין.

עס האָט אויך געטראָפען, אַז מאָדעסט אַלעקסעיאיטש זאָל געהן מיט אַניאַ'ן אין טהעאַטער. אין די אַנטראַקטען האָט ער זי נישט אָב־געלאָזט פון זיך אויף איין טריט, איז אַרומגעגאַנגען מיט איהר גע־אַרעמט איבער די קאָרידאָרען. און האָט ער זיך מיט וועמען עס איז בעגריסט, האָט ער גלייך געשעפּצעט צו אַניאַ'ן: — „אַ שטאַאַטס־ראַטה... ווערט עמפּפאַנגען ביי זיין עקסעלענץ..." אָדער: „אַ רייכער מאַן... האָט זיין אייגען הויז..."

אַז זיי זיינען פאַרביי געגאַנגען דעם בופעט, האָט זיך אַניאַ'ן אַמאָל זעהר געוואָלט עפּעס אַ נאַש טהאָן; זי האָט ליעב געהאַט שאָ־קאָלאַד און עפּעל־קוכען, זי האָט אָבער קיין געלד נישט געהאַט און

ביים מאַן בעטען האָט זי זיך געשעהמט. ער האָט גענומען אַ בּאַרנע, האָט עס געקוועטשט מיט די פינגער און אונזיכער געפרעגט:

— וואָס קאָסט עס?

— פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס.

— נישקשה! — האָט ער געזאָגט און אַוועקגעלעגט די בּאַרנע צוריק אויף איהר אָרט.

נור אַזוי ווי עס איז פאַרט געווען נישט אַנגענעהם אַוועקצוגעהן מיט גאָר נישט פון דעם בופעט, האָט ער פערלאַנגט סעלצער וואַסער, האָט אַליין אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע פלעשעל און טרעהרען זיינען איהם פון די אויגען ארויס.

אין אַזאַ צייט האָט איהם אַניא פּשוט געהאַסט.

עס האָט אויך אַמאָל פּאַסירט, אַז ווערענדיג פלוצים רויט, ווי אַ בוריק, פלעגט ער איהר זאָגען שנעל:

— פאַרנייג זיך פאַר דער אַלטער דאַמע!

— איך בין דאָך מיט איהר נישט בעקאַנט.

— עס מאַכט נישט. דאָס איז די פרוי פון אַ הויכען בעאַמטען! פאַרנויג זיך, זאָג איך דיר! — האָט ער געבורטשעט פער'עקשן'ט — דער קאָפּ וועט ביי דיר דערפון נישט אָבדאַרען!

אַניא האָט זיך פאַרנייגט און דער קאָפּ האָט ביי איהר טאַקע נישט אָבגעדאַרט, דאָס איז אָבער געווען זעהר פּיינליך.

זי האָט געטהאָן אַלץ, וואָס דער מאַן האָט געוואָלט און איז גע־ ווען אין כעס אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט זי אָבגענאַרט, ווי די לעצטע נאַרכעלע. חתונה געהאַט האָט זי מיט איהם צוליעב געלד און צום סוף האָט זי איצט געהאַט נאָך וויינינגער געלד, ווי פריהער, איידער זי האָט חתונה געהאַט. פריהער פלעגט כאָטש דער טאַטע איהר אַמאָל געבען אַ פּאָאַר צוואַנציגערס און איצט האָט זי אפילו אַ גראָשען נישט. נעהמען שטילערהייד, אָדער בעטען, האָט זי נישט געקאָנט, זי האָט פאַר'ן מאַן מורא געהאַט, האָט געציטערט פאַר איהם. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז די מורא פאַר דעם דאָזיגען מענשען טראָגט זי שוין לאַנג, לאַנג אין איהר האַרצען. אַמאָל, נאָך אין איהר קינדהייט, האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז די גרעסטע, די מורא'דיגסטע קראַפט, וואָס טראָגט זיך אַנטקעגען, ווי אַ וואָלקען אָדער אַ לאָקאָמאָטיוו, פער־ טיג דיך יעדען אויגענבליק צו דערשטיקען, איז די פערזאָן פון דירעק־

טאָר פון דער גימנאַזיום... די צווייטע מורא'דיגע קראַפט, וועגען וועלכער מען האָט אין זייער פאַמיליע שטענדיג גערעדט און פאַר וועל־כער מען האָט עפּעס שטאַרק מורא געהאַט, איז געוועזן זיין עקסעלענץ; עס זיינען געוועזן נאָך אַ צעהנדליג אַנדערע בייזע קרעפטען, אַביסעל קלענערע, און צווישען זיי די לעהרער פון דער גימנאַזיום מיט געגאָלטע וואָנצעס, שטרענגע הארטע, און אַצינד מאָדעסט אַלעקסעיאיטש, אַ מענש מיט פעסטע רעגלען, וועלכער איז זאָגאַר מיט'ן פּנים זיינעם עהנליך געוועזן צום דירעקטאָר.

אין אניא'ס געדאַנקען האָבען זיך די אַלע דאָזיגע מורא'דיגע און בייזע קרעפטען צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם, האָבען אָנגענומען דעם אויסזעהן פון אַ שרעקליכען, מורא'דיג גרויסען, ווייסען בער, וועלכער האָט זיך אַליין נעהענטער גערוקט אויף די שולדיגע און שוואַ־כע, ווי איהר פאָטער, און זי האָט מורא געהאַט צו זאָגען עפּעס דאַ־געגען, האָט געצוואונגען געשמייכעלט, און אויסגעדריקט אַ געמאַכ־טען פערגעניגען, ווען מען האָט זי גראָב געלאַסטשעט און בעשמוצט מיט אומאַרמונגען, וועלכע האָבען אויף איהר ארויפגעוואָרפען אַן אימה.

נור איין מאָל האָט איהר פאָטער, פּיאָטער לעאָנטאיטש, זיך דער־וועגט צו בעטען ביי איהר מאַן פּופציג רובעל לייהען, אום צו בעצאָה־לען עפּעס זעהר אַן אונאַנגענעהמען חוב אָבער מיט וואָס פאַר שרעק־ליכע ליידען דאָס איז פאַרבונדען געוועזן!

— גוט, איך וועל אייך געבען — האָט געזאָגט מאָדעסט אַלעק־סעיאיטש אַ טראַכט טהאָנדיג: — נור איך זאָג אייך אין פאַראויס, אַז איך וועל אייך שוין מעהר נישט שטיצען, כל זמן איהר וועט נישט אויפהערען צו טרינקען. פאַר אַ מענשען, וואָס פאַרנעהמט אַ רע־גיערונגס שטעלע, איז אַזא שוואַכקייט איינפאַך אַ שאַנד. איך מוז אייך דערמאָנען דעם גוטבעוואוסטען פאַקט, אַז די דאָזיגע ליידענ־שאַפט האָט שוין אַ סך פעהיגע מענשען רואינירט, אַזוינע מענשען, וואָס ווען זיי זאָלען זיך געוועזן איינהאַלטען פון זייער שיכרות, וואָל־טען זיי מיט דער צייט אפשר געוואָרען גרויסע און וויכטיגע מע־נער.

און עס האָבען זיך גענומען ציהען לאַנגע לעקציעס מיט משלים, מיט ביישפּיעלע, מיט פאָרווירפען, און דער אָרימער פּיאָטער לעאָנט־

איטש האָט געליטען פון דער דאָזיגער ערנידערונג און געשפּירט אַ שטאַרקען פערלאַנג אריינצוגיסען.

און די אינגלאַך, וועלכע זיינען געקומען צו אַניאַ'ן אין געסט אין זייערע צוריסענע שטיוועל און אָבגעטראָגענע הייזלאַך, האָבען אויך געמוזט אויסהערען גאַנצע לעקציעס.

— יעדער מענש מוז האָבען זיינע פּפליכטען! — האָט צו זיי גערעדט מאָדעסט אַלעקסעיאיטש.

און קיין געלד האָט ער נישט געגעבען. נור דערפאַר האָט ער גע־שענקט אַניאַ'ן רינגען, בראַסלעטען און בראָשקעס, זאָגענדיג דערביי, אַז די דאָזיגע זאַכען איז גוט צו האָבען פאַר אַ שלעכטער צייט. און גאַנץ אָפט האָט ער איהר קאָמאָד געעפענט און אַ אונטערזוכונג גע־מאַכט: צו זיינען אַלע זאַכען אויף אַן אָרט און גאַנץ...

2.

דערווייל איז דער ווינטער אָנגעקומען.

נאָך לאַנג פאַר ווייהנאַכטען איז אין דער אָרטיגער צייטונג גע־דרוקט געווען אַן אָנאָנסע, אַז דעם 29טען דעצעמבער וועט אין דעם פריצישען קלוב זיין דער געוועהנליכער ווינטערדיגער באַל.

יעדען אבענד האָט מאָדעסט אַלעקסעיאיטש, אַן אויפגערעגטער, אַן אונרוהיגער, זיך געשעפּצעט מיט די ווייבער פון די בעאַמטע, קו־קענדיג דערביי פערזאָרגט אויף אַניאַ'ן, דערנאָך איז ער לאַנג־לאַנג ארומגעגאַנגען פון איין ווינקעל אין אַנדער'ן און וועגען עפּעס גע־טראַכט. ענדליך, עפּעס איין מאָל אַ פאַרנאַכט, האָט ער זיך אָבגע־שטעלט פאַר אַניאַ'ן און געזאָגט:

— דו מוזט זיך אויפנייהען אַ באַל־קלייד. פערשטעהסט? נור איך בעט דיך, זיי זיך מיישב אַפריהער מיט מאַריאַ גריגאָריעוונאַ'ן און מיט נאַטאַליאַ קוזמינישנאַ'ן.

און ער האָט איהר געגעבען הונדערט רובעל. זי האָט גענומען; אָבער באַשטעלענדיג דאָס קלייד, האָט זי זיך מיט קיינעם נישט מיישב

געוועזן, זי האָט זיך נור דורכגערעדט מיט'ן פאָטער און געסטאַרעט פאַרצושטעלען זיך, ווי איהר מוטער וואָלט זיך אָנגעטהאָן צו געהן אויף אַ באַל. איהר זעליגע מוטער האָט זיך שטענדיג געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָדע, האָט זיך פיעל אָבגעגעבען מיט אַניאַ'ן, זי אויס־געפוצט, ווי אַ ליאַלקע, געלערנט ריידען פראַנצויזיש און גראַציעז טאַנצען די מאַזורקע. (ביז איהר חתונה איז די מאַמע פינף יאָהר גע־ווען אַ גובערנאַנטקע). גראַדע אַזוי ווי די מוטער האָט אַניאַ פון אַן אַלטען קליידעל געקאָנט מאַכען אַ נייע, וואַשען האַנדשוה מיט בענ־זין. אַזוי ווי די מוטער האָט זי אויך געקאָנט זשמורען מיט די אויגען, רעדען אונטער דער נאָז, אָננעהמען שעהנע פּאָזען, ווען נויטיג, זיך בע־גייסטערען, קוקען טרויעריג און רעטזעלהאַפט. און פון פאָטער האָט זי גע'ירשנ'ט די דונקעלע האָאָר און אויגען, די נערוועזיטעט און די אַרט און ווייזע זיך צו פוצען.

ווען מאָדעסט אַלעקסעיאַיטש איז אַ האַלב שעה פאַר'ן אָבפאָה־רען צום באַל צו איהר אַריינגעקומען, אום פאַר איהר גרויסען שפּיע־געל אָנצוטהאָן דעם אָרדען, איז ער בעצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט און פון דעם גלאַנץ פון איהר פרישען, שעהנעם, לייכטען קלייד. ער האָט צופריעדען פאַרקאַמט די באַקען־באָרדען און געזאָגט:

— אָט וואָס פאַר אַ שעהן ווייבעל איך האָב... וואָס פאַר אַ פאַרשווין דו ביזט! אַניוטאַ! — האָט ער ווייטער גערעדט מיט אַ פייערליכען טאָן — איך האָב דיך גליקליך געמאַכט און היינט קענסטו מיך גליקליך מאַכען. איך בעט דיך, שטעל זיך פאָר פאַר דער פרוי פון זיין עקסעלענץ! אום גאָטעס ווילען, טהו דאָס! דורך איהר קאָן איך קריעגען אַ העכערען ראַנג!

זיי זיינען אַוועק צום באַל.

אָט איז דער פריצישער קלוב און די פאַראַדנע טהיר מיט'ן שוויי־צאַר. דאָס פיהר־הויז מיט הייגגערס, פוטערס, פאַרהאַרעוועטע לאַקע־יען, דעקאָלטירטע דאַמען, וועלכע פאַרשטעלען זיך מיט זייערע פע־כערס געגען דעם צוג־ווינד; עס שמעקט מיט גאַז און מיט סאָלדאַטען.

ווען אַניאַ, געהענדיג אויף די טרעפ געאָרעמט מיט'ן מאַן, האָט דערהערט מוזיק און אין דעם ריזיג גרויסען שפּיעגעל האָט זי דערזעהן זיך אין גאַנצען, אַ בעלויכטענע פון אַ סך ליכט, האָט זיך אַ פרייד אין איהר נשמה ערוועקט און דאָזעלביגע פאַרגעפיהל פון גליק,

וואס זי האט געפיהלט אין יענער לבנה נאכט אויף דער סטאנציאן האט אין איהר ווידער ערוואכט.

זי איז געגאנגען א שטאלצע, א זעלבסט בעוואוסטע, פיהלענדיג זיך צום ערשטען מאל נישט אלס קליין מיידעל, נור אלס דאמע, און נישט ווילענדיג האט זי מיט איהר גאנג און מאנערען איהר מוטער נאכגעמאכט.

און דעם ערשטען מאל אין איהר לעבען האט זי זיך געפיהלט רייך און פריי. אפילו די אנוועזענהייט פון דעם מאן האט איהר נישט געשטערט, ווייל ווי נור זי איז דעם שוועל פון זאאל אריבער, האט זי גלייך דערפיהלט אינסטינקטיוו, אז די נאהענט פון איהר אלטען מאן ערנידעריגט זי נישט, פארקעהרט, עס לעגט נור אויף איהר ארויף דעם שטעמפעל פון פיקאנטען אינטערעס, פון עפעס א מין סארט געהיימנים, וועלכע געפעלען אזוי די מענער.

אין גרויסען זאאל האט אן ארקעסטער שוין געדונערט און דאס טאנצען האט זיך אנגעהויבען.

ארויסגעריסען זיך פון איהר קווארטיר אין דיזען גרויסען זאאל, פון ליכט, פארבען-ריינקייט, מוזיק און טומעל, האט אניא געווארפען א בליק ארום זיך און א טראכט געטהאן: „אך, ווי גוט!" און גלייך האט זי צווישען עולם איהרע בעקאנטע דערקאנט, אלעמען, וועמען זי האט פריהער געטראפען אויף איהר שפאציר גאנג אדער אויף אבענ־דען. האט באקערקט די אלע אפיציערען, לעהרער, אדוואקאטען, בעאמ־טע, גוטס־בעזיצער, זיין עקסעלענץ, ארטינאוו'ן און די דאמען פון דער העכערער געזעלשאפט, אויסגעפוצטע, שטארק דעקאלטירטע, שעהנע און העסליכע, וועלכע האבען שוין פארנומען זייערע פלעצער אין הייזלאך און-ביידלאך פון דער וואהלטהעטיגען באזאר, גרייט אנ־צוהויבען דעם אויספערקויף פאר די ארימע לייט'ס וועגען.

א הויכער אפיציער אין שליפעס — זי האט זיך אמאל מיט איהם בעקאנט אויף דער אלט־קיעווער גאס, ווען זי איז נאך געווען א גימנאזיסטקע און איצט האט זי ניט געדענקט אפילו זיין נאמען — איז עפעס ווי פון דער ערד אויסגעוואקסען און זי אויף א וואלס איינ־געלאדען, און זי איז אבגעפלויגען פון איהר מאן און איהר האט זיך געדאכט, אז זי איז אוועקגעשוואומען אויף א לייכטער שיפעל אין א

שטאַרקען שטורם, און דער מאַן איז געבליעבען ווייט, ווייט אויפ׳ן ברעג...

זי האָט ליידענשאַפטליך געטאַנצט, מיט אַ ברען, מיט בעגייסטע־רונג, האָט געטאַנצט אי אַ וואַלס, אי אַ קאַדריל, אי אַ פּאָלקע, אי־בערגעהענדיג פון האַנד אין האַנד, ברענענדיג פון דער מוזיק, מי־שענדיג די רוסישע שפּראַך מיט דער פראַנצויזישער, ריידענדיג און־טער דער נאָז און נישט טראַכטענדיג וועגען מאַן, וועגען קיינעם און קיין זאַך נישט.

זי האָט געהאַט ערפאָלג ביי די מענער, דאָס איז געווען קלאָהר, און אַנדערש האָט אייגענטליך נישט געקאָנט זיין, זי האָט זיך גע־שטיקט פאַר אויפרעגונג, געדריקט פיעבריש דעם פעכער אין די הענד און געוואָלט טרינקען.

דער פּאָטער, פּיאָטער לעאָנטאַיטש, אַנגעטהאָן אין אַ צוקנייטש־טען פראַק, פון וועלכען עס האָט געשמעקט מיט בענזין, איז צו איהר צוגעגאַנגען, דערלאַנגענדיג איהר אַ טעצעלע מיט רויטען געפּראָרע־נעס.

— דו ביזט היינט רייצענד — האָט ער געזאָגט, קוקענדיג אויף איהר מיט התפעלות: און נאָך קיין מאָל האָט מיר נישט אַזוי פער־דראָסען, וואָס דו האָסט זיך צוגעאיילט חתונה צו האָבען... צו־וואָס? איך ווייס, אַז דו האָסט עס געטהאָן צוליעב אונז, אָבער... — ער האָט מיט ציטערענדיגע הענד ארויסגעשלעפּט אַ פּעקעלע געלד און געזאָגט: — איך האָב היינט געקראָגען פאַר אַ לעקציאָן און קען אָבגע־בען דיין מאַן דעם חוב.

זי האָט איהם אריינגעשטופּט דאָס טעצעלע אין די הענד און, אונטערגעכאַפּט פון עפּעס אַ יונגען מאַן, האָט זי זיך אַוועקגעטראָגען ווייט און, טאַנצענדיג, האָט זי איבער דער פּלייצע פון איהר קאַוואַ־ליער דערזעהן, ווי איהר פּאָטער, גליטשענדיג זיך איבערן פּאַרקעט, האָט ארומגענומען אַ דאַמע און זיך אַוועקגעטראָגען מיט איהר איבערן זאַאַל.

— ווי ליעב ער איז, ווען ער איז ניכטער! — האָט געטראַכט אַניאַ.

די מאַזורקע האָט זי געטאַנצט מיט דעם זעלבען גרויסען אָפּי־ציער; ער האָט זיך באַוועגט וויכטיג און שווער, ווי אַן אויסגעשטאָפּ־

טער חזיר אין אַ מונדיר, האָט געמאַכט מיט די פּלייצעס, מיט דער ברוסט, האָט קוים־קוים צוגעקלאַפּט מיט די פּיס... איהם האָט זיך זעהר ניט געוואָלט טאַנצען, און זי האָט געשוועבט פאַרביי איהם, רייצענדיג איהם מיט איהר שעהנקייט, מיט איהר נאַקעטער האַלז; איהרע אויגען האָבען געברענט פלאַם־פייער, די בעוועגונגען איהרע זיינען געווען פול ליידענשאַפט און ער איז אַלץ גלייכגילטיגער געוואָרען און האָט צו איהר געהאַלטען די הענד אויסגעצויגען מיט דער מינע פון אַ קיסר.

— בראַוואָ, בראַוואָ!.. — האָט מען געשריען צווישען פּובּליקום.

אָבער ביסלאַכווייז האָט אפילו דער הויכער אָפיציער אויך שוין נישט געקאָנט מעהר איינשטעהן; ער איז געוואָרען אויפגעלעבט, אויפגערעגט, און, היינגעריסען פון איהר צויבער, איז ער אין אַ עקסטאַז אריין און האָט זיך שוין באַוועגט לייכט, יונג און זי האָט בלויז מיט די פּלייצעס געמאַכט און כיטרע און צופריעדען געקוקט, ווי זי וואָלט אַצינד די קייזערין געווען און ער דער שקלאַף, און אין דער זעלבער צייט האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דער גאַנצער זאַאַל קוקט אויף זיי, אַז אַלע מענשען בעוואונדערען און זיינען זיי מקנא...

דער הויכער אָפיציער האָט קוים צייט געהאַט איהר צו בעדאַנקען, ווי דער עולם האָט זיך פּלוצים פונאַנדערגעטהיילט און די מענער האָבען זיך עפּעס מאָדנע אויסגעצויגען און די הענד אַראָבגעלאָזט...

דאָס איז צו איהר געגאַנגען זיין עקסעלענץ אין אַ פראַק מיט צוויי שטערנס... יאַ, זיכער, זיין עקסעלענץ איז געגאַנגען נור צו איהר, ווייל ער האָט געקוקט אויף איהר, האָט זיס געשמייכעלט און דערביי געקייט מיט די ליפּען, ווי ער האָט שטענדיג געטהאָן, בעת ער האָט געזעהן שעהנע פרויען.

עס פרעהט מיך זעהר, זעהר... — האָט ער אָנגעהויבען — און איך וועל בעפעהלען, מען זאָל אייער מאַן אריינזעצען אין קאַרצער דערפאַר, וואָס ער האָט ביז אהער בעהאַלטען פון אונז אַזאַ טהייערען אוצר. איך געה צו אייך מיט אַן אויפטראַג פון מיין ווייב — האָט ער ווייטער גערעדט, געבענדיג איהר די האַנד: — איהר מוזט אונז העלפען... יאָ... מען האָט אייך געדאַרפט געבען אַ פּרייז פאַר

שעהנקייט... ווי אין אמעריקא... יא... די אמעריקאנער... מיין פרוי ערוואַרט אייך מיט אונגעדולד.

ער האט זי געבראַכט אין א שטיבעל צו אן עלטערער דאמע, ביי וועלכער דער אונטערשטער טהייל פון פנים איז געוועזן נישט אן ערך גרעסער פון דעם אויבערשטען, און עס האט זיך געדאכט, אז זי האלט אין מויל א גרויסען שטיין.

— העלפט אונז — האט זי ארויסגעזונגען דורך דער נאז — אלע שעהנע פרויען ארבייטען פאר'ן וואהלטהעטיגען באזאר, בלויז איהר אליין לעבט זיך א גוטען טאג און טהוט גארנישט. פארוואס ווילט איהר אונז נישט העלפען?

זי איז אוועק און אניא האט פערנומען איהר פלאץ נעבען א זילבערנעם סאמאוואר מיט טאסען. עס האט זיך גלייך אנגעהויבען א לעבעדיגער האנדעל.

פאר א טאסע טהעע האט אניא גענומען נישט ווייניגער פון א רובעל און דעם הויכען אפיציער האט זי געצוואונגען אויסצוטרינקען דריי טאסען מיט אמאל. עס איז צוגעקומען ארטינאוו, דער גביר, מיט די אויסגעשטארטשעטע אויגען, וועלכער האט געליטען פון א קורצען אטהעם, איצט איז ער אבער שוין נישט געווען אנגעטהאן אין דעם מאדנעם קאסטיום, אין וועלכען אניא האט איהם געזעהען זומערצייט, נור האט געטראגען א פראק אזוי ווי די איבעריגע.

נישט אבדייסענדיג פון אניא'ן די אויגען, האט ער אויסגעטרונקען א באקאל שאמפאניער און בעצאהלט הונדערט רובעל, דערנאך האט ער אויסגעטרונקען א טאסע טהעע און געגעבען נאך א הונדערט — און דאס אלעם שווייגענדיגערהייט און ליידענדיג פון אסטמא... אניא האט גערופען די קונדען און גענומען ביי זיי געלד, זי איז שוין איצט געווען פעסט איבערצייגט, אז איהרע בליקען און שמייכלען פערשאפען די אלע דאזיגע מענשען גרויס פערגעניגען.

זי האט פערשטאנען, אז זי איז בעשאפען געווארען אויסשליסליך פאר דעם דאזיגען טומעלדיגען, גלענצענדיגען און לאכענדיגען לעבען מיט מוזיק, טענץ, פערעהרער, און דער פריהערדיגער פחד פאר יענער מורא, וועלכע רוקט זיך אויף איהר און סטראשעט זי צו דערשטיקען, האט זיך איהר אציגד אויסגעוויזען לעכערליך; זי האט שוין מעהר פאר קיינעם נישט מורא געהאט און האט נור בעדויערט, וואס

די מוטער איז נישט דערביי, די מוטער, וועלכע וואָלט זיך איצט מיט איהר צוזאַמען געפרעהט מיט איהר ערפאָלג.

פּיאָטער לעאָנטאיטש איז צוגעקומען צו איהר שטיבעל, און געבעטען אַ גלעזעל קאָניאַק. ער איז שוין געווען בלאַס, האָט אָבער זיך נאָך פעסט געהאַלטען אויף די פיס.

אַניא איז רויט געוואָרען, ערוואַרטענדיג, אַז זי וועט זאָגען עטוואָס אונפּאַסענדעס (זי האָט זיך שוין איצט געשעהמט, וואָס זי האָט אַזאַ אָרימען, אַזאַ געוועהנליכען פאָטער); ער האָט אָבער אויסגעטרונקען דעם קאָניאַק, האָט ארויסגעוואָרפען פון זיין פּעקעלע אַ צעהן רובעלדיגע און איז אוועק מיט גדלות, נישט זאָגענדיג אַ וואָרט.

אַ ווייליע שפּעטער האָט זי געזעהן, ווי ער האָט געטאַנצט, און דיעזען מאָל האָט ער זיך געשאָקעלט אויף די פיס און האָט געשריען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט שטאַרק צומישט זיין דאַמע, און אַניא האָט זיך דערמאָנט, ווי מיט אַ יאָהר דריי צוריק אויף אַ באַל, האָט ער אויך פּונקט אַזוי ווי היינט זיך אויף די פיס געשאָקעלט און עפּעס געשריען — און עס האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס אַ פּאָליציימאַן האָט איהם אוועקגעפיהרט אַהיים שלאָפען, און אויף דעם צווייטען טאָג האָט דער דירעקטאָר איהם געסטראַשעט, אַז ער וועט איהם אוועקשיקען פון גימנאַזיאום און זיין שטעלע אָבגעבען און אנדערן. ווי נישט אין צייט איז די דאָזיגע עראינערונג געווען!

ווען אין די הייזלאך זיינען די סאַמאָוואַרען אויסגעלאָשען געוואָרען און די פערמאַטערטע וואָהלטהעטערינס האָבען אָבגעגעבען זייער לייזונג דער עלטערער דאַמע מיט'ן שטיין אין מויל, האָט ארטינאָוו געפיהרט אַניא'ן געאָרעמט צו דעם זאַאַל, וואו עס איז סערווירט געווען אַ מאַהלצייט פאַר אַלע, וואָס האָבען אנטהייל גענומען אין דעם וואָהלטהעטיגען באַזאַר. ביי דעם דאָזיגען מאַהלצייט האָבען זיך געפונען אַ צוואַנציג מענשען, נישט מעהר, עס איז אָבער דאָרט געווען זעהר לעבעדיג.

זיין עקסעלענץ האָט אויסגערופען אַ טאָסט:

— אין דיעזען גרויסאַרטיגען עס־צימער, וועט זיין פּאַסענד אויסצוטרינקען פאַר דעם ערפאָלג פון ביליגע קיכען, פאַר וועלכע עס איז פעראַנשטאַלטעט געווען דער היינטיגער באַזאַר.

דער בריגאַדע־גענעראַל האָט פאָרגעשלאָגען אויסצוטרינקען

„פאַר דער קראַפט, פאַר וועלכער עס בויגט זיך זאָגאַר די אַרטילע־ריע", און אַלע האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן טרינקען מיט די דאַמען.

עס איז געווען זעהר, זעהר פרעהליך.

ווען מען האָט אַניאַ'ן בעגלייט אהיים, האָט שוין געשיינט אויף טאָג און די קעכינס זיינען שוין אויפ'ן מאַרק געגאַנגען.

אַ גליקליכע, אַ שיכור'ע, פול מיט נייע איינדריקע, אַ פערמאַטער־טע פון טאַנצען, האָט זי זיך אויסגעטהאָן, אין בעט זיך אריינגעוואָרפען און איז גלייך איינגעשלאָפען.

אַ זייגער צוויי בייטאָג האָט זי די דיענסט אויפגעוועקט און אָנ־געזאָגט, אַז הערר אַרטינאָוו איז געקומען זי בעזוכען. זי האָט זיך שנעל אָנגעטהאָן און אין גאַסט־צימער אַוועק.

גלייך נאָך אַרטינאָוו'ן איז געקומען זיין עקסעלענץ דאַנקען פאַר איהר אַנטהייל נעהמען אין דעם נעכטיגען באַזאַר. קוקענדיג אויף איהר מיט פוטערדיגע אויגען און קייענדיג, האָט ער איהר אַ קוש געטהאָן אין הענטעל, דערנאָך האָט ער געבעטען אום ערלויבניס זי אָפט צו בעזוכען און איז אַוועקגעפאָהרען.

זי איז געבליעבען שטעהן אין מיטען גאַסט־צימער, אַ פערוואונ־דערטע, אַ בעצויבערטע, נישט גלויבענדיג, אַז אין איהר לעבען איז אַזוי שנעל פאָרגעקומען אַן ענדערונג, אַזאַ וואונדערבאַרע, אַזאַ מערק־ווירדיגע ענדערונג.

אין דער דאָזיגער צייט איז אריין איהר מאַן, מאָדעסט אַלעקסע־איטש. און ער איז אַצינד פאַר איהר אויך געשטאַנען מיט יענעם אונטערטהעניגען, זיסען שקלאַפיש־רעספעקטפולען אויסדרוק אויפ'ן פּנים, וועלכען זי איז ביי איהם געוועהנט געווען צו זעהן אין דער גע־געגוואַרט פון שטאַרקע און מעכטיגע; און מיט פערגעניגען, מיט כעס און פעראַכטונג, אַ זיכערע, אַז מען וועט איהר דערפאַר גאָר ניט טהאָן, האָט זי קלאָר אין דער הויך אַרויסגערעדט:

— אַוועק פון מיר, פּרא אדם!

נאָכדעם האָט אַניאַ שוין ניט געהאַט קיין איין פרייען טאָג, ווייל זי האָט אַנטהייל גענומען דאָ אין אַ פּיק־ניק, דאָ אין אַ שפּאַ־ציער און דאָ אין אַ ספּעקטאַקעל. אהיים האָט זי זיך אומגעקעהרט יעדען טאָג אין דער פריה און זיך שלאָפען געלעגט אין גאַסטצימער

אויף דער פּאָדלאָגע, און דערנאָך האט זי דערצעהלט איהרע בעקאַנטע, אַז זי שלאָפט צווישען בלומען.

געלד האט זי איצט געדאַרפט האבען זעהר פיעל, אבער זי האט זיך שוין מעהר ניט געשראָקען פאַר מאָדעסט אַלעקסעאיטש'ן און פאַרשוועגדעט זיינע געלד, ווי זיי וואָלטען געווען איהרע אייגענע. און דאס געלד האט זי ביי איהם נישט געבעטען, נישט געפאָדערט, נור איהם איינפאַך געשיקט איהרע רעכענונגען אדער צעטעלאַך: „בעצאָהלען דעם איבערברינגער פון דעם דאָזיגען צעטעל 200 רובעל," אדער „גלייך זאָלסטו איינצאָהלען 100 רובעל."

אויף פסח האט מאָדעסט אַלעקסעאיטש בעקומען דעם אָרדען פון דער הייליגער אננאַ.

ווען ער איז געקומען דאַנקען, האט זיין עקסעלענץ אָבגעלעגט די צייטונג אָן א זייט און אריינגעזעצט זיך טיעפער אין פאָטעל.

— הייסט עס, אז איהר האט איצט דריי אננאַס — האט ער געזאָגט, בעטראַכטענדיג זיינע ווייסע הענד מיט די ראָזע נעגעל — איינע אין לאַץ און צוויי אויפ'ן האלז.

מאָדעסט אַלעקסעאיטש האט צוגעלעגט צוויי פינגער צו די ליפּען אויס פאָרזיכטיגקייט, אז ער זאָל זיך נישט צולאַכען אין דער הויך, און געזאָגט:

— איצט בלייבט מיר נור צו ערוואַרטען דאס ערשיינען פון דעם קליינעם וולאַדימיר... איך ערלויב מיר צו בעטען אייער עקסעלענץ, צו זיין זיין טויף־פאָטער.

דאס האט געזאָלט זיין אָן אָנצוהערעניש, אז ער ריכט זיך אויף נאָך אָן אָרדען, וואס רופט זיך דער אָרדען פון וולאַדימיר, און מאָדעסט אַלעקסעאיטש האט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט אירבעראַל דערצעהלען פון זיין קלוגען און געלונגענעם וויץ, ער האט שוין געוואָלט זאָגען נאָך עפּעס א חכמה, אבער זיין עקסעלענץ האט צו איהם א מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ און זיך ווידער פערטיעפט אין דער צייטונג...

און אַניאַ איז אַלץ ארומגעפאָהרען אין קאַרעטען, געשפּאַנטע מיט דריי פערד, איז געפאָהרען מיט אַרטינאָוו'ן אויף געיעג, האט געשפּיעלט אין איינאַקטיגע פּיעסען, האט געשפּייזט אין די רייכסטע

פּלעצער און איז אַלץ זעלטענער און זעלטענער צו איהרע קרובים געקומען.

זיי האבען שוין זייער מיטאָג געגעסען אליין. פּיאָטער לעאָנ־טאיטש האט געטרונקען נאָך מעהר, ווי פריהער, קיין געלד איז נישט געווען און זיין הארמאניק האט מען שוין לאנג פערקויפט פאר א חוב. די אינגלאָך האבען איהם אצינד נישט ארויסגעלאָזען אליין אויף דער גאס, זיינען איהם שטענדיג נאָכגעגאנגען און געהיט, ער זאָל נישט פאלען. צייטענווייז האבען זיי, געהענדיג, אָנגעטראָפען אַניא'ן, פּאָהרענדיג שפּאציערען אויף דער אַלט־קיעווער גאס אין א גרויסארטיגען דרייגעשפּאן מיט ארטינאָוו'ן אויף דער קעלניע אנ־שטאדט א קוטשער, דאן האט פּיאָטער אלעקסעאיטש אראָבגענומען זיין צילינדער און זיך שוין געקליעבען עפּעס א געשריי צו טהאָן, אבער פּעטיא און אנדרושא פלעגען איהם א כאפּ טהאָן אונטער די הענד און זיך געבעטען ביי איהם:

— מען דארף נישט, פּאפּאָטשקא... זאָל זיין, פּאפּאָטשקא...

א נערוועזער אָנפאַל

1.

דער סטודענט פון מעדיצין מייער און א שילער פון דער מאָ־סקווער שוהלע פאר מאהלעריי, סקולפטור און ארכיטעקטור ריבניקאָוו זיינען איינמאָל אין א געוויסען אבענד געקומען צו זייער חבר, דעם סטודענט־יוריסט וואסיליעוו און איהם פארגעשלאָגען צו געהן מיט זיי אין דער ס׳אָווער געסעל. וואסיליעוו האָט זיך אפריהער געהאט ענטזאָגט, דערנאָך אבער האט ער זיך אָנגעטהאָן און איז אוועק מיט זיי.

געפאלענע פרויען האט ער געקענט נור פון ביכער און פון דעם, וואס ער האט זיך פון זיי אָנגעהערט, אבער אין די הייזער, וואו זיי געפינען זיך, איז ער ניט געווען קיין איין מאָל אין זיין גאנץ לעבען. ער האט געוואוסט, אז עס געפינען זיך אזעלכע אונאנשטענדיגע פרוי־ען, וועלכע צוליעב אונגליקליכע אומשטענדען, א שלעכטער ערציהונג, בייזע מענשען, נויט און אזוי ווייטער, ווערען געצוואונגען צו פארקויפען זייער עהרע פאר געלד... זיי ווייסען נישט פון קיין ריינער ליעבע, האבען נישט קיין קינדער און קיין מענשליכע רעכטע; די מוטערס און שוועסטערס בעוויינען זיי, ווי טויטע, די וויסענשאפט קוקט אויף זיי, ווי אויף עטוואס בייזעס, און די מענער זאָגען זיי „דו.” אבער נישט קוקענדיג אויף דעם אלעמען, פארליערען זיי נישט דעם געטליכען פונק, די מענשליכע געשטאלט. זיי אלע פיהלען זיך זינדיג און האָפען זיך צו ראטעווען. און מיטלען צו רעטען זיך, זיי־נען דאָ א סך, און זיי, די געפאלענע, קענען זיך מיט זיי אלע בע־נוצען.

ס׳איז אמת, די געזעלשאפט פערצייהעט נישט די מענשען פאר

זייער פערגאַנגענהייט, אבער ביי גאָט שטעהט די הייליגע מאַריא פון מצרים ניט נידעריגער פון די איבעריגע הייליגע. ווען וואַסיליעוו'ן פלעגט אַמאָל אויסקומען אין גאַס נאָך די קליידער אדער דעם האַלטען זיך צו דערקענען א געפאַלענע פרוי, אדער ער פלעגט זעהן אזא בילד אין א הומאָריסטישען זשורנאַל, האט ער יעדעס מאָל זיך דערמאָנט אָן א געוויסער ערצעהלונג, וועלכע ער האט אַמאָל ערגעץ־וואו געלע־זען: א געוויסער יונגערמאַן, א ריינער און אן עדעלער, האט זיך פערליעבט אין א געפאַלענער פרוי, און האט איהר פאָרגעשלאָגען צו ווערען זיין ווייב, זי אבער, דענקענדיג, אז זי איז ניט ווערטה אזא גליק, האט זיך פער'סמ'ט.

וואַסיליעוו האט געוואוינט אויף איינער פון די געסלאַך, וואס זיינען ארויסגעקומען אויף דעם טווערסקין בולוואַר. ווען ער איז ארויס מיט די חברים פון שטוב, איז שוין געווען ארום עלף א זייגער. ניט לאַנג איז ארויס דער ערשטער שנעע און אַלעס אין דער נאַטור האט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דעם דאָזיגען יונגען שנעע. אין דער לופטען האט געשמעקט מיט שנעע, אונטער די פיס האט ווייך געסקריפּעט דער שנעע; די ערד, די דעכער, די בוימער, די ביינק אויף די בולוואַרען — אַלעס איז געווען ווייך, ווייס, יונג, און דעריבער האבען די הייזער אויסגעקוקט אנדערש, ווי נעכטען, די לאַנטערנעס האבען געברענט העלער, די לופט איז געווען דורכזיכ־טיגער, די קאַרעטען האבען ניט אזוי געטראַסקעט און אין דער נשמה האט צוזאַמען מיט דעם פרישען, לייכטען, קאַלטען וועטער, זיך אריינגעקליבען א געפיהל, וואס איז אויך עהנליך געווען צו דעם ווייסען, יונגען, ווייכען שנעע.

— נישט ווילענדיג צו דיעזע אומעדיגע ברעגעס — האט געגנו־מען זינגען דער סטודענט פון מעדיצין מיט אַן אנגענעהמער טענאָר־שטימע — ציהט מיך אַן אונבעוואוסטע קראַפט...

— אָט איז דער מיהל... — האט אונטערגעכאַפּט דער מאַהלער — ער איז שוין איינגעפאַלען....

— אָט איז דער מיהל... ער איז שוין איינגעפאַלען — האט אי־בערגע'חזר'ט דער סטודענט פון מעדיצין, אויפהויבענדיג די ברעמען און אומעדיג א שאָקעל געטהאָן מיט דעם קאָפּ.

ער איז אַנשוויעגען געוואָרען, האט זיך א רייב געטהאָן דעם

שטערן און געזוכט צו דערמאָהנען די וויטערדיגע ווערטער, דאַן האט ער ווידער גענומען זינגען הויך און אזוי גוט, אז די פאַרבייגעהער האבען זיך אויף איהם אומגעקוקט.

— אַט דאָ האט מיך אַמאָל א פרייען, ערוואַרטעט פרייע ליעבע...

אַלע דריי זיינען אריין אין א רעסטאָראַן און, ניט אויסטהאָנדיג זייערע אויבער־רעק, האבען זיי ביי דעם בופעט אויסגעטרונקען צו צוויי גלעזלאַך בראַנפען. איידער ער האט אויסגעטרונקען דאס צוויי־טע מאָל, האט וואַסיליעוו ביי זיך אין שנאַפּס בעמערקט א שטיקעל פון א קאָריק; ער האָט צוגעטראָגען דאָס גלעזעל צו זיינע קורצזיכ־טיגע אויגען, האט לאַנג אין איהם אריינגעקוקט און זיך געקרימט. דער צוקינפטיגער דאָקטאָר האט ניט פערשטאַנען פאר וואס ער מאַכט אזא מינע און געזאָגט:

— נו, וואס קוקסטו דאָרט? איך בעט דיך, נור אָהן פילאָזאָ־פיע! דער בראַנפען איז געגעבען געוואָרען מען זאָל איהם טרינקען, גוטע פיש — צום עסען, פרויען — אויף צו לעבען א טאָג, דער שנעע — אום מען זאָל געהן איבער איהם. כאָטש איין אָבענד טהו א לעב, ווי א מענש!

— איך האב נישט דאַגעגען... — האט געזאָגט וואַסיליעוו, לאַ־כענדיג — איך זאָג דען אָב, וואס?

פון דעם בראַנפען איז איהם פרעהליכער געוואָרען אויפ'ן האר־צען. ער האט מיט ווארימקייט געקוקט אויף זיינע חברים, האט געקוואָלען פון זיי און זיי מקנא געווען. ווי רוהיג און געזעצט זיינען אָט די דאָזיגע געזונדע, שטאַרקע, פרעהליכע מענשען, ווי גלאַט און פריעדליך איז אַלעס אין זייערע געדאַנקען, זייערע נשמות!

אי זיי זינגען, אי דאס טהעאַטער ליעבען זיי לײדענשאַפטליך, אי זיי מאָהלען, אי זיי רעדען פיעל; אי טרינקען קענען זיי און דער קאָפּ טהוט זיי אפילו ניט וועה אויף מאָרגען נאָכדעם... זיי זיינען אי פּאָעטיש, אי צולאָזען, אי צערטליך, אי פרעך. זיי קענען אי ארביי־טען, אי אויפברויזען, אי לאַכען אָהן א פארוואס, אי נאַרישקייטען רעדען... זיי זיינען ווארימע, עהרליכע, גוטע, און אלס מענשען זיי־נען זיי ניט א האאר ערגער פון איהם, וואַסיליעוו'ן, וועלכער היט זיין יעדען טריט, יעדעס וואָרט, שטעלט זיך אָב פאר דער קלענסטער

לייכטיגקייט און אויף אלעם וואקסט ביי איהם גלייך אוים א פראגע:

— מעג מען עס? דארף עס אזוי זיין?

און איהם האט זיך פארוואלט באטש איין אבענד א לעב צו טהאן אזוי ווי זיינע פריינד, זיך בעפרייען פון אלע פראגען און פראנק און פריי און פרעהליך פערברענגען. עס וועט אויסקומען צו טרינ־קען בראנפען? גוט, ער וועט טרינקען, מעג אויף מארגען ביי איהם דער קאפ פלאצען פון וועהטאג! מען וועט איהם פיהרען צו פרויען? ער וועט געהן, ער וועט לאכען, זיך נאריש מאכען, וועט זיך פרעהליך פארטשעפען מיט די פארבייגעהער...

פון רעסטאראן איז ער ארוים מיט א געלעכטער. איהם זיינען שטארק געפעלען געווען די חברים—איינער אין א צוקנייטשטער הוט מיט בריטע ברעגעס, וואס האט געזאלט אנווייזען אין איהם זיין בלומערשט קינסטלערישע נאכלעסיגקייט; דער צווייטער, אין א פוטערנער היטעלע, א מענש ניט קיין ארימער, אבער מיט פרעטענ־זיעס אויף וויסענשאפט. ס'איז איהם געפעלען געווען דער שנעע, דער בלאסער שיין פון די לאנטערנעס, די שווארצע שפורען, וואס די פארבייגעהער האבען געלאזען איבער דעם ערשטען שנעע. עס איז איהם געפעלען געווען דאס וועטער און איבערהויפט די דורכזיכטיגע, צארטע, ריינע לופט, וועלכע מען קען בעמערקען אין דער נאטור נור צוויי מאל אין יאהר: ווען אלעס איז בעדעקט מיט שנעע, און פריה־לינג צייט, אין העלע טעג, אדער אין ליכטיגע לבנה־נעכט, ווען דער אייז ברעכט זיך אויף דעם טייך.

און שטיל אונטער דער נאז, האט ער גענומען זינגען:

— ניט אומזיסט צו דיזע ברעגעס,

ציהט מיך אן אונבעוואוסטע קראפט...

דעם גאנצען וועג איז ביי איהם און זיינע חברים ניט אראב פון צונג אט דאס דאזיגע ליעדעל, און אלע דריי האבען עס אונטערגע־זונגען מעכאניש, ניט אין טאקט איינער דעם צווייטען.

וואסיליעוו'ס פאנטאזיע האט איהם פארגעשטעלט, ווי אין א מינוט צעהן ארום, וועט ער און זיינע חברים אנקלאפען אין א טהיר, ווי אזוי זיי וועלען זיך גנב'ענען דורך דונקעלע קארידארען און פינ־סטערע צימערען צו די פרויען... ווי ער וועט פלוצים אנצינדען א שוועבעלע און וועט דערזעהן א ליידענדען פנים און א שולדיגען שמיי־

כעל. די אונבעקאַנטע בלאָנדינקע אדער ברונעטקע וועט אודאי זיין מיט צולאָזענע האאר און אין א ווייסען נאכט־יאקעלע; זי וועט זיך דערשרעקען פאר דער שיין, וועט ווערען צוטומעלט, פארשעהמט, און וועט זאָגען: „וואס טהוט איהר, אום גאָטעס ווילען! פארלעשט!" דאס אַלעס איז שרעקליך, אבער אינטערעסאנט און נייע...

2

פון טרובנעם סקווער האבען זיך די חברים אריינגעקעהרט אין גראַטשעווקע און באלד זיינען זיי אריין אין א געסעל, וואס איז וואַסיליעוו'ן בעקאַנט געווען נור פון הערען, אבער נישט פון זעהן.

דערזעהן צוויי ראָנדען הייזער מיט פיעל בעלויכטענע פענסטער און ברייט פונאנדערגעעפענטע טהירען, פון וואנען עס האבען זיך געטראָגען פרעהליכע טענער פון פיאנאָס און פיעדלען — טענער, וועלכע האבען זיך אויסגעמישט אין א מין מאָדנער מישענינע, עפּעס אזוי, ווי אימעצער וואָלט וואו עס איז אין דער פינסטער, הויך איבער די דעכער, אַן אונזיכטבארען אָרקעסטער געסטראָיעט, האט זיך וואַסיליעוו פערוואונדערט און געזאָגט:

— וואס פאר א מאסע הייזער!

— דאס איז נאָך גאָרנישט! — האט געזאָגט דער דאָקטאָר — אין לאָנדאָן זיינען דאָ צעהן מאָל מעהר. דאָרט געפינען זיך ארום הונדערט טויזענד אַזעלכע פרויען.

די קוטשערס זיינען געזעסען אויף זייערע קעלניעס פונקט אזוי רוהיג און גלייכגילטיג, ווי אין די איבעריגע געסלאך; איבער די טראָ־טוארען זיינען ארומגעגאנגען פארבייגעהער פונקט אזוי, ווי אין אלע גאַסען. קיינער האט זיך נישט געאיילט, קיינער האט נישט בעהאַל־טען זיין פנים אין קראגען און קיינער האט נישט געשאָקעלט מיט א פאָרוואורף דעם קאָפּ.... און אין דער דאָזיגער גלייכגילטיגקייט, אין די משונה'דיגע טענער פון די פיאנאָס און פיעדלען, אין די בע־לויכטענע פענסטער און ווייט אָפענע טהירען, האט זיך געפיהלט עט־

וואס אָפּענעס, פרעכעס, אונפערשעהמעס, דרייסטעס און געוואַגטעס... אין אמאָליגע צייטען, אויף די מערק, וואו מען האט געהאַנדעלט מיט שקלאַפען, איז וואהרשיינליך אויך געווען אזוי פרעהליך און טומול-דיג, און די פּנים'ער און דער גאַנג פון די מענשען האט מסתמא אויך אויסגעדריקט דיעזעלבע גלייכגילטיגקייט.

— לאָמיר אָנהויבען גאָר פון אָנהויב — האט געזאָגט דער מאַהלער.

די חברים זיינען אריין אין א שמאָלען קאָרידאָר, בעלויכטען פון א לאָמפּ מיט א קאָלפּאַק.

ווען זיי האבען געעפענט די טהיר, האט זיך פון געלען דיוואַן אין פירהויז פויל אויפגעהויבען א מענש אין א שווארצען רעקעל מיט א ניט געגאָלטען לאַקעאישען פּנים און פארשלאָפענע אויגען. דאָ האט געשמעקט ווי אין א וועשעריי, און אויסער דעם, האט זיך גע-טראָגען א גערוך פון עסיג. פון פיהר-הויז האָט א טהיר געפיהרט אין א העל בעלויכטענעם צימער. דער דאָקטאָר און דער מאַהלער זיינען שטעהען געבליעבען אין דער דאָזיגער טהיר, און אויסציהענדיג די העלזער, האבען ביידע צוזאמען אריינגעקוקט אינעווייניג אין צימער.

— באָנאַ־סעראַ, סעניאָרי, ריגאָלעטטאָ־הוגענאָטי־טראַוויאַטאַ! — האט אָנגעהויבען דער מאַהלער און זיך טעאַטראַליש פערנייגט.

— האוואַננאַ־טאַראַקאַנאַ־פּיסטאָלעטאָ! — האט אונטערגע-אַפּט דער דאָקטאָר, דריקענדיג זיין היטעלע צום הארצען און זיך טיעף פערנייגט.

וואסיליעוו איז געשטאַנען הינטער זיי. איהם וואָלט זיך אויך וועלען טעאַטראַליש פערנייגען און זאָגען עפּעס א נארישקייט, ער האט אבער נור געשמייכעלט, געפיהלט זיך ניט בעקוועם, עפּעס אזוי, ווי פארשעהמט, און האט מיט אונגעדולד געווארט, וואס ווייטער וועט זיין.

אין טהיר האט זיך בעוויעזען א קליינינקע בלאָנדינקע פון א יאהר 17—18, מיט געשאָרענע האאר, אין א קורצען, בלויען קליידעל מיט א ווייסען שלייף אויף דער ברוסט.

— וואס־זשע שטעהט איהר אין טהיר? — האט זי געזאָגט — טהוט אוים אייערע רעק און קומט אריין אין זאַל.

דער דאָקטאָר און דער מאַהלער, נאָך אַלץ רעדענדיג אויף איטאַ-

ליעניש, זיינען אריין אין זאַל. וואסיליעוו איז אונענטשלאָסען גע־גאנגען נאָך זיי.

— מיינע העררען, טהוט אוים אייערע רעק! — האט געזאָגט דער לאַקעי שטרענג — אנדערש טהאָר מען ניט.

אויסער דער בלאָנדינקע האט זיך אין זאַל געפונען נאָך אַ פרוי, זעהר אַ פולע און אַ הויכע, מיט נישט קיין רוסישען פּנים און געבלויז־טע הענד. זי איז געזעסען נעבען דער פּיאַנאָ און האט ביי זיך אויפ'ן שוים פארנאנדערגעלייגט קאָרטען. אויף די געסט האט זי זיך אפילו נישט אומגעקוקט.

— וואו זיינען דאס די איבעריגע פרייליינס? — האט געפרעגט דער דאָקטאָר.

— זיי טרינקען טהעע — האט געזאָגט די בלאָנדינקע — סטע־פאַן! — האט זי אַ געשריי געטהאָן — געה, זאָג די פרייליינס, אז סטודענטען זיינען געקומען!

אין אַ ווײַלע ארום איז אין זאַאַל אריין אַ דריטע פרייליין. זי איז געוועזען אָנגעטהאָן אין אַ העל־רויטען קלייד מיט בלויע פּאַסען. דאָס פּנים איהרס איז געוועזען שטאַרק אָנגעפאַרבט, דער שטערן האָט זיך בעהאַלטען הינטער די האָאָר און די אויגען האָבען געקוקט גלייך, ניט פינטלענדיג און צושראָקען. אריינקומענדיג, האָט זי גלייך גע־נומען זינגען מיט אַ שטאַרקער, גראָבער קאָנטראַלטאָ־שטימע עפּעס אַ ליעד. הינטער איהר האָט זיך בעוויעזען אַ פערטע פרייליין, נאָך דער אַ פינפטע...

אין דעם אַלעמען האט וואסיליעוו נישט געזעהן קיין שום נייעס און גאָרנישט אינטערעסאַנטעס, איהם האט זיך אויסגעדראַכט, אז אָט דעם דאָזיגען זאַל, די פּיאַנאָ, די שפּיעגעל אין דעם ביליגען גאָל־דענעם ראַהם, דעם שלייף, דאָס קלייד מיט די בלויע פּאַסען און די טעמפּע, גלייכגילטיגע פּנים'ער האט ער שוין וואו עס איז געזעהן און נישט איין מאָל. אבער פון פינסטערקייט, געהיימניספולער שטיל־קייט, שולדיגע מינעס, דאָס אַלעס, וואָס ער האט דאָ ערוואַרטעט טרעפען, און וואס איהם האט אזוי געשראָקען, — דערפון האט ער נישט געזעהן אפילו קיין סימן.

אַלעס איז געוועזען געוועהנליך, אַלטעגליך, פּראָזאַאיש, און ניט אינטערעסאַנט.

נור איין זאַך האט אביסעל געררייצט זיין נייגיעריגקייט — דאס איז געווען די משונה'דיגע, עפּעס אזוי ווי אומיסטנע אויסגעקלערטע געשמאַקלאָזיגקייט, וועלכע מען האט געקענט זעהען אין די קאַרני־זען, אין די צושמירטע בילדער, און אין אלעם ארום. אין דער דאָזי־גער געשמאַקלאָזיגקייט איז געלעגען עטוואס בעזאָנדערעס, עטוואס כאַראַקטעריסטישעס.

— ווי געמיין און נאַריש איז דאס אלעס! — האט געטראַכט וואַסיליעוו — וואו ליעגט דער כישוף אין אָט דער דאָזיגער מיאוסער וועלטעל, וועלכע איך זעה איצט ארום זיך, וואס פערפיהרט א נאַר־מאַלען מענשען און טרייבט איהם צו בעגעהען אזא שרעקליכע זינד —צו קויפען פאר א רובעל א לעבעדיגען מענשען?... איך פערשטעה נאָך, ווען מען זינדיגט צוליעב שעהנהייט, גלאַנץ, ליידענשאַפט, גע־שמאַק, אבער דאָ, וואס געפינט מען דאָ? צוליעב וואס זאָל מען דאָ זינדיגען? אבער... מען דאַרף נישט טראַכטען!

— איהר, מיט דער באָרד, טראַקטירט אונז מיט פּאָרטוויין! — האט זיך צו איהם געווענדעט די בלאָנדינקע.

וואַסיליעוו איז צומישט געוואָרען.

— מיט פערגעניגען... — האט ער געזאָגט, זיך העפליך פער־נייגענדיג — אבער ענטשולדיגט, איך... איך וועל מיט אייך ניט טרינ־קען. איך טרינק ניט.

אין א מינוט פינף ארום זיינען די חברים שוין געגאַנגען אין אַן אנדער הויז.

— נו, צו וואס האָסטו געדאַרפט הייסען ברענגען פּאָרטוויין?

— האט זיך געבייזערט דער דאָקטאָר — א נייער מיליאָנער! האט ארויסגעוואָרפען זעקס רובעל מיר נישט־דיר נישט, גלאַט אויפ'ן ווינד!

— אז זי וויל, טאָ פארוואס זאָל מען איהר נישט פערשאַפען דאס פערגעניגען? — האט זיך פאַרענטפערט וואַסיליעוו.

— דו האָסט פערשאַפט פערגעניגען ניט איהר, נור דער בעל־הבית'טע. די בעל הבית'טעס זאָגען זיי דאס אָן צו פערלאַנגען פון די געסט צו טראַקטירען, פאר זיי לוינט זיך עס גאַנץ גוט.

— אָט איז דער מיהל... — האט דער מאַהלער וויעדער גענו־מען זינגען — ער איז שוין איינגעפאלען...

קומענדיג אין א צווייטען הויז, זיינען די חברים געשטאַנען א ווײַלע אין פירהויז, אבער אין זאַל זיינען זיי נישט אריין. דאָ, פּונקט אזוי ווי אין דעם ערשטען הויז, האט זיך אין פירהויז פון דיוואַן אויפגעהויבען א מענש אין א שווארצען רעקעל מיט א פערשלאָפענעם לאַקעאישען פּנים. קוקענדיג אויף דיעזען לאַקעי, אויף זיין פּנים, דעם אָבגעטראָגענעם רעקעל, האט וואסיליעוו געטראכט: „ווי פיעל דארף עס איבערלעבען אַן איינפאכער רוסישער מענש, איידער דער שיקזאַל פערשליידערט איהם אהער און מאכט איהם פאר א לאַקעי? וואו איז ער פריהער געווען און וואס האט ער געטהאָן? וואס ערווארטעט איהם נאָך? איז ער פערהייראטהעט? וואו איז זיין מאמע און צו וועם זי, אז ער געפינט זיך דאָ אלס לאַקעי?"

און נישט ווילענדיג האט שוין איצט וואסיליעוו, אין יעדען הויז פריהער פאר אַלעם, אויפמערקזאם בעטראכט דעם לאַקעי. אין איינעם פון די הייזער, אין דעם פּערטען, דאכט זיך, איז דער לאַקעי געווען א קליינינקער, א מאָגערער, אַן אויסגעטריקענטער, מיט א קייטעלע אויפ'ן וועסט. ער האט געלעזען „דאס בלעטעל" און האט די געסט ניט געשענקט קיין שום אויפמערקזאמקייט. א קוק געטהאָן אויף זיין פּנים, איז וואסיליעוו'ן עפּעס איינגעפאַלען, אז א מענש מיט אזא פּנים קען אי בע'גנב'ענען, אי ערמאָרדען, אי געבען א פאַלשע שבועה. און דער פּנים איז ווירקליך געווען אַן אינטערעסאַנטער: א גרויסער שטערן, גרויע אויגען, אַן איינגעפלאַסקעטער נעזעל, דינע, צוזאַמענגעדריקטע ליפּען, און דער גאַנצער אויסדרוק א טעמפּער און אין דערזעלבער צייט א פרעכער, ווי ביי א יונגען יאַכט-הונד, ווען ער דעריאָגט א האָז.

וואסיליעוו האט א טראכט געטהאָן, אז עס וואָלט גוט געווען, אָנצוטאפּען אָט דעם דאָזיגען לאַקעי פאר די האאר: זיינען זיי הארטע צו ווייכע? הארטע, מסתמא, ווי ביי א הונד.

3.

ווייל ער האט אויסגעטרונקען צוויי גלאָז פּאָרטווײַן, איז דער מאהלער געוואָרען אביסעל שיכור'לאָך און אונגעוועהנליך לוסטיג.

— קומט אין אן אנדער פּלאַטץ! — האט ער א קאָמאַנדעווע געטהאָן, מאַכענדיג מיט די הענד — איך וועל אייך אוועקפיהרען אין דעם סאַמע בעסטען.

און געבראַכט די חברים אין א הויז, וועלכעס ער האט געהאַל־טען פאר דאס בעסטע, האט זיך איהם פּלוצים פארוואָלט טאַנצען א קאַדריל. דער דאָקטאָר האט געוועזט געגומען בורטשען, אז מען וועט מוזען בעצאָהלען די מוזיקאַנטען א רובעל, פון דעסטוועגען איז ער מרוצה געוואָרען זיך צו שטעלען ווי־זאַ־ווי.

מען האט אָנגעהויבען טאַנצען.

אין דעם סאַמע בעסטען פּלאַטץ איז געווען פונקט אזוי שלעכט, ווי אין ערגסטען. דאָ זיינען געווען דיזעלבע שפּיעגלען און בילדער, דיזעלבע קליידער און דיזעלבע מאָדע, ווי צו קאַמען די האאר. בעטראַכטענדיג די מעבעל און קאָסטיומען, האט וואסיליעוו אַצינד בעגריפען, אז זיי זיינען ניט געשמאַקלאָז אין דעם געוועהנליכען זינן, נור עטוואס גאַנץ אַנדערעס, עטוואס אזוינס, וואס געהערט אין גאַנ־צען צו דעם כאַראַקטער און מאָדע פון דעם ס—אָוועך געסעל, און וואס מען קען נישט געפינען אין קיין אַנדער אָרט... אז אָט די דאָ־זיגע מאָדע איז נישט קיין צופעליגע, אז זי איז אויסגעאַרבייט גע־וואָרען אין פערלויף פון דער צייט, און אז אין דער דאָזיגער העסליכ־קייט איז דאָ עטוואס גאַנצעס.

נאָכדעם, ווי ער איז געווען אין אן אכט הייזער, האבען איהם שוין נישט געוואונדערט נישט די פאַרבען פון די קליידער, נישט די לאַנגע שלעפּעס, נישט די שרייענדיגע לענטעס, נישט די קורצע מאַט־ראָסען־קאָסטיומען און נישט די שטאַרק געפאַרבטע באַקען; ער האט פערשטאַנען, אז דאס אַלעס דאַרף אזוי זיין, ווייל, ווען נור איין איינ־ציגע פון די אַלע פרויען וואָלט זיך אָנגעטהאָן, ווי א מענש, אָדער ווען מען וואָלט אויף דער וואַנד אויפגעהאַנגען אן אנשטענדיגען בילד, וואָלט דערפון געליטען דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון גאַנצען געסעל.

— ווי זיי פערשטעהען עס ניט, ווי אזוי זיך צו פערקויפען! — האט ער געטראַכט — שוין־זשע קענען זיי ניט פערשטעהען, אז די פערדאָרבענהייט איז נור דאַן רייצענד, ווען עס איז שעהן און פאַר־שטעלט איהר אמת'ן פּנים אונטער א הייבעל פון טוגענד? איינ־

פאַכע שוואַרצע קליידער, אַן אומעדיגע מינע און דונקעלע צימערן וואָלטען א סך מעהר געווירקט, ווי אָט דער דאָזיגער משונה'דיגער בליאַסק... נאַראָנים! אויב זיי אליין פערשטעהען עס נישט, דאַן האבען עס די געסט זיי געמעגט ערקלערען...

א פריילייץ אין א פוילישען קאָסטיום מיט ווייסען פוטער בע־פוצט, איז צוגעגאַנגען און זיך נעבען איהם געזעצט.

— סימפּאַטישער ברונעט, פארוואס עפּעס טאַנצט איהר נישט?

— האט זי געפרעגט — פארוואס זייט איהר אזא אומעדיגער?

— דערפאַר, ווייל עס איז אומעדיג.

— איהר בעסער טראַקטירט מיט לאַפיט, דאַן וועט ניט זיין אומעדיג.

וואסיליעוו האט ניט געענטפערט. א ווייל האט ער געשוויע־גען, דאַן האט ער געפרעגט:

— וויפיעל אזייגער געהט איהר שלאָפען?

— זעקס.

— און ווען שטעהט איהר אויף?

— אַמאָל אזייגער צוויי און אַמאָל דריי.

— און וואס טהוט איהר, ווען איהר שטעהט אויף?

— מיר טרינקען קאַפּע און ארום זיעבען עסען מיר מיטאג.

— וואס עסט איהר צו מיטאג?

— געוועהנליך... סופּ אדער ראָסעל, ביפשטיק, קאָמפּאָט, אונ־זער מאַדאַם האַלט גוט די מיידלאך. אבער צו וואס פרעגט איהר דאס אלעס?

— אָט אזוי, אום צו רעדען...

וואסיליעוו'ן האט זיך געוואָלט רעדען מיט דער פריילייץ וועגען פיעלע זאַכען. ער האט געפיהלט א שטאַרקען פערלאַנג צו וויסען, פון וואנען זי קומט, האט זי עלטערן און צו ווייסען זיי, אז זי געפינט זיך אין דיעזען הויז... ווי אזוי איז זי אַהער אריינגעפאלען, צו איהר איז פרעהלאך, צו איז זי צופריעדען, אדער עס דריקען זי טרויעריגע געדאַנקען און זי האָפט נאָך ווען־עס־איז ארויסצוקריכען פון איהר איצטיגער לאַגע?...

ער האט אבער בשום אופן ניט געוואוסט ווי אָנצוהויבען און אין וואס פאר א פאָרמע צו שטעלען זיינע פראגען אזוי, אז זי זאָל

זיך נישט בעליידיגען. ער האָט לאַנג געטראַכט און געפרעגט:

— װי אַלט זייט איהר?

— א יאהר אכטציג — האט זיך געװויצעלט דאס פריילײן, קור־קענדיג מיט א געלעכטער אויף די קונצען, װאס דער טאַנצענדיגער מאָהלער האט געמאַכט מיט די הענד און די פיס.

פלוצים האט זי זיך צולאַכט אויפ׳ן קול און אין דער הויך אזוי, אז אלע זאָלען הערען, האט זי ארויסגערעדט א לאַנגע, העסליכע, צינישע פראזע....

װאסיליעװ איז צומישט געװאָרען און, ניט װיסענדיג װאס פאר א מינע צו מאַכען, האט ער געצװאונגען געשמייכעלט. געשמייכעלט האט נור ער אליין, אלע איבעריגע — זיינע חברים, די מוזיקאַנטען און פרויען האבען זיך אפילו נישט אומגעקוקט, אזוי װי זיי װאָלטען גאָרנישט געהערט.

— טראקטירט מיט לאַפיט! — האט װיעדער געזאָגט דאס מיידעל.

װאסיליעװ האט דערפיהלט אן עקעל צו איהר װייסען פוטער־נעם בעזאָץ, צו איהר שטימע, און איז אָבגעטראָטען פון איהר. איהם איז שוין אצינד געװוען היים און שטיקענד, דאס הארץ האט גענומען קלאַפען לאַנגזאם, אבער שטארק, װי מיט א האמער: איינס, צװיי, דריי!

— קום, לאָמיר געהען פון דאנען! — האט ער געזאָגט, א ציה טהאָנדיג דעם מאהלער פאר אן ארבעל.

— װאַרט אויס, לאָז ענדיגען!

בשעת דער מאהלער און דער דאָקטאָר האבען געענדיגט טאַנ־צען דעם קאדריל, האט װאסיליעװ, אום נישט צו קוקען אויף די פרויען, גענומען בעטראַכטען די מוזיקאַנטען.

אויף דער פיאַנאָ האט געשפיעלט אן אנשטענדיג אויסזעהענ־דער אַלטער אין ברילען, װאס איז מיט זיין פנים עהנליך געװוען צו דעם מארשאַל באזען; אויפ׳ן פיעדעל — א יונגער מאַן מיט א העל בערדעל, געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָדע. דער פנים ביי דעם יונגען מאַן איז געװוען ניט נאריש, ניט פער׳שיכור׳ט, נור, פארקעהרט, קלוג, יונג, פריש. אָנגעטהאָן איז ער געװוען נעט, מיט געשמאַק און האט געשפיעלט מיט געפיהל. די פראגע איז: װי אזוי איז ער

און דער אנשטענדיגער, שעהנער אַלטער ארייננעפאלען אהער? ווי שעהמען זיי זיך דאס ניט דאָ צו זיטצען? וועגען וואס טראכטען זיי, קוקענדיג אויף די פרויען?

ווען אויף דער פּיאַנאָ און פּיעדעל וואָלטען געשפּיעלט מענשען ארומגעריסענע, הונגעריגע, פאַרפינסטערטע, שיכור'ע, מיט פארזוי־פענע, טעמפּע פּנים'ער, וואָלט זייער אַנוועזענהייט אין דיעזען הויז נאָך געווען פערשטענדליך. אצינד אבער האט וואסיליעוו גאַרנישט פערשטאַנען. ער האט זיך דערמאָנט אָן דער ערצעהלונג פון דער געפאַלענער פרוי, וואס ער האט אַמאָל געלעזען, און איז געקומען צום שלום, אז יענע מענשליכע געשטאַלט מיט דער שולדיגער מינע האט נישט קיין שום צוזאמענהאַנג מיט דעם, וואס ער זעהט איצט ארום זיך. איהם האט זיך אויסגעדאַכט, אז ער זעהט פאר זיך ניט קיין געפאַלענע פרויען, נור עפּעס גאָר אַן אַנדערע, א גאַנץ בעזונדערע וועלטעל, און דיעזע איז איהם פרעמד, אונפערשטענדליך; ווען מען זאָל איהם פריהער וויזען אזא וועלטעל אין טעאַטער אויף דער ביהנע, אדער ער וואָלט וועגען דעם אין א בוך געלעזען, וואָלט ער בשום אופן נישט געגלויבט, אז דאס איז מעגליך....

די פרוי מיט דעם ווייסען בעזאַץ האט זיך ווידער צולאַכט און אין דער הויך ארויסגערעדט א שענדליכע פראזע.

א געפיהל פון עקעל האט איהם אין גאַנצען בעהערשט, ער איז רויט געוואָרען און איז ארויס.

— וואַרט אויס, מיר געהען אויך! — האט איהם נאָכגעשריען דער מאהלער.

4.

— נור וואס, בשעת מיר האבען זיך געהאָפּקעט, איז ביי מיר מיט מיין דאַמע געווען אזא מין געשפּרעך — האט דערצעהלט דער דאָקטאָר, ווען זיי אַלע דריי זיינען ארויס אין גאס — מיר האבען גע־רעדט פון איהר ערשטען ראָמאַן. ער, דער הע׳לד — א געוויסער בוכ־האַלטער אין סמאָלענסק, האט געהאט א ווייב מיט פינף קינדער.

זי איז דאַן אַלט געווען 17 יאהר און האט געוואוינט ביי טאטע־מאַמען, וועלכע האבען געהאנדעלט מיט זייף און ליכט.

— מיט וואס האט ער געוואונען איהר הארץ? — האט געפרעגט וואסיליעוו.

— דערמיט, וואס ער האט איהר געקויפט פאר פופציג רובעל וועש. דער טייפעל וויים זיי!

— אַט ער האט פערשטאַנען, ווי אויסצופרעגען זיין דאַמע וועגען איהר ראָמאַן — האט אַ טראַכט געטהאָן וואסיליעוו וועגען דעם דאָקטאָר — און איך קען עס ניט... מיינע הערען, איך געה אהיים!

— האט ער געזאָגט.

— פארוואס?

— ווייל איך קען זיך דאָ ניט האַלטען. דערצו איז מיר אומעטדיג און פאַסקודנע. ווי אַזוי קען מען דאָ פערברענגען? וואָלטען דאָ כאָטש געווען מענשען, דאס זיינען דאָך אבער ווילדע חיות. איך געה און איהר, ווי איהר ווילט זיך...

— נו, גרישאַ, גריגאָרי, טהייערער מיינער — האט געזאָגט דער מאָהלער מיט אַ וויינענדיגען קול, זיך דריקענדיג צו וואסיליעוו'ן — קום! לאָמיר אריינגעהען נאָך אין איין הויז און נעהמט זיי דער שווארץ־יאָהר... איך בעט דיך! גריגאָרקע!

זיי האבען וואסיליעוו'ן איינגערעדט און ארויפגעשלעפט אין דער הויך אויף די טרעפּ. אין דעם קאָווער און אין די פערגאָלדעטע פּאַרענצען, אין'ם שווייצאַר, וואס האט געעפענט די טהיר, און אין דעם וואָזאָן, וואס האט בעציערט דאס פירהויז, האט זיך געפיהלט אַלץ דערזעלביגער כאַראַקטער פון דער ס—אָווער געסעל, אבער נאָך אַ מעהר אויסגעארבייטער, און אימפּאָנירענדער.

— איך וואָלט בעסער געהען אהיים, אויף מיין וואָרט! — האט געזאָגט וואסיליעוו, אויסטהאָנדיג דעם ראָק.

— נו, נו, ליעבינקער מיינער... — האט געזאָגט דער מאָהלער און איהם אַ קוש געטהאָן אין האַלז — זיי נישט איינגעשפּארט... גרישאַ, זיי אַ חבר! צוזאַמען זיינען מיר געקומען און צוזאַמען וועלען מיר אוועקגעהען. אַ מאָדנע בריאה ביזטו, אויף מיין וואָרט!

— איך קען אויף אייך ווארטען אין גאַס. ביי גאָט, מיך עקעלט דאָ!....

— נו, נו, גרישא... עקעלדיג גאָר, דו קוק זיך צו, בעאָבאַכטע! פערשטעהסט? בעאָבאַכטע!

— מען דארף קוקען אויף זאַכען אָביעקטיוו — האט געזאָגט דער דאָקטאָר ערנסט.

וואסיליעוו איז אריין אין זאַל און זיך געזעצט. אויסער איהם און זיינע חברים זיינען אין זאַל געווען נאָך אַ סך געסט: צוויי אָפיצערען, עפּעס אַ גרויער, פּליכעוואטער אַלטער הערר אין גאָלדענע ברילען, צוויי סטודענטען פון אינסטיטוט גאָר אָהן וואָנצעס, און נאָך עפּעס איינער, זעהר אַ שיכור'ער מענש מיט אַן אַקטיאָרסקען פּנים. אַלע פריילינס זיינען געווען פערנומען מיט די דאָזיגע געסט און האבען זיך אויף וואסיליעוו'ן גאָרנישט אומגעקוקט. נור איינע פון זיי, אָנגעטהאָן אַלס אאידא, האט פון דער זייט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האט עפּעס מאָדנע אַ שמייכעל געטהאָן און ארויסגערעדט גענעצענדיג:

— אַ ברונעט איז געקומען!..

ביי וואסיליעוו'ן האט געקלאַפּט דאס הארץ און דער פּנים געברענט. ער האט זיך געשעהמט פאר די געסט, דערפאר וואס ער געפינט זיך דאָ און ער האט זיך געפיהלט שלעכט און העסליך. איהם האָט געמאַטערט דער געדאַנק, וואָס ער, אַן אנשטענדיגער, ליעבענדער מענש (פאר אַזעלכען האט ער זיך ביז אהער געהאַלטען) האסט דיעזע פרויען, און פיהלט צו זיי קיין אנדער זאַך נישט, ווי נור עקעל. איהם האט נישט וועה געטהאָן נישט פאר די פרויען, נישט פאר די מוזיקאַנטען, נישט פאר די לאַקעיען.

— דאס איז דערפאר — האט ער געטראַכט — וואס איך סטאַרע זיך נישט צו פערשטעהען זיי. זיי אַלע זיינען אַ סך מעהר עהנליך צו חיות, ווי צו מענשען... אבער זיי זיינען דאָך פאָרט מענשען, זיי האבען נשמות. אפריהער דארף מען זיי פערשטעהען און ערשט דערנאָך אורטהיילען...

— גרישאַ, דו געה נישט אוועק, וואַרט דאָ אוים אויף אונז!

— האט צו איהם אַ געשריי געטהאָן דער מאַהלער און איז ערגעץ וואו פערשוואונדען.

— יאַ, מען דארף זיך סטאַרען צו פערשטעהען, אַזוי טויג ניט...

— האט ווייטער געטראַכט וואסיליעוו.

און מיט אָנגעשטרענגטע אויגען האט ער זיך גענומען צוקוקען צו די פּנים'ער פון יעדער פרוי בעזונדער און זוכען א שולדיגען שמייכעל. אבער... אדער ער האט נישט געוואוסט ווי צו לעזען אויף דיעזע פּנים'ער, אדער קיין איינע פון די פרויען האט זיך נישט געפיהלט שולדיג... אויף יעדען געזיכט האט ער נור געלעזען א טעמפּען אויסדרוק פון געוועהנליכער לאַנגווייליגקייט און פארגרעבטער צופריעדענהייט. איבעראַל האט ער נור געזעהען נאַרישע אויגען, נאַרישע מינעס, שרילע, נאַרישע שטימען, פּרעכע, העסליכע בעוועגונגען — און מעהר גאָרנישט. וואהרשיינליך האט יעדע פון זיי אין דער פערגאַנגענהייט געהאט אַ ראָמאַן מיט א בוכהאַלטער און מיט וועש פאר פופציג רובעל. און איצט, אין דער געגענוואַרט, איז אין זייער לעבען ניטאָ קיין אַנדער אינטערעס אויסער קאַפע, מיטאָג פון דריי געריכטען, ווייַן, א קאַדריל און שלאָפען ביז צוויי אזייגער בייטאָג...

און נישט געפונען קיין איין שולדיגע מינע, האט וואסיליעוו גענומען זוכען, טאָמער וועט ער כאָטש טרעפען א קלוגען פּנים. און זיין אויפמערקזאַמקייט האט צוגעצויגען צו זיך א בלאַסער, אביסעל פאַרשלאָפענער, מיעדער פּנים... דאס איז געוועזן שוין ניט קיין יונגע ברונעטקע, אָנגעטהאָן אין א קלייד בעשאָטען מיט בליאַסקעס; זי איז געזעסען אין א פאָטעל, האט געקוקט אויפ'ן פּאָל און וועגען עפּעס געטראַכט. וואסיליעוו איז זיך דורכגעגאַנגען פון איין ווינקעל צום אַנדער'ן און האט זיך אזוי ווי צופעליג אַניעדערגעזעצט נעבען איהר.

— מען דאַרף אָנהויבען פון עפּעס א נאַרישקייט — האט ער געטראַכט — און דערנאָך ביסלעכווייז אריבערגעהען צו אַן ערנסטען געשפּרעך...

— וואס פאַר א שעהנעם קאָסטיום איהר טראָגט! — האט ער געזאָגט, אָנריהרענדיג מיט'ן פינגער די גאָלדענע פרענזען אויף איהר קראַגען.

— ער וועט שוין שעהנער ניט ווערען... — האט געענטפערט די ברונעטקע פערשלאָפען.

— פון וואס פאַר א גובערניע קומט איהר?

— איך? פון ווייט... פון טשערניגאָווער.

— א שעהנע גובערניע. דאָרט איז גוט.

— דאָרט איז גוט, וואו מיר זיינען ניטאָ.

— אַ שאָד, וואס איך קען ניט בעשרייבען די נאַטור — האט אַ טראכט געטהאָן וואסיליעוו — מיט שעהנע בעשרייבונגען פון דער טשערניגאָווער נאַטור וואָלט מען אויף איהר געקענט מאכען אַן איינדרוק. זי האט עס דאָך מסתמא ליעב, ווען זי איז דאָרט געבאָרען געוואָרען.

— אייך איז דאָ אומעדיג? — האט ער געפרעגט.

— אודאי, איז אומעדיג.

— פארוואס־זשע געהט איהר נישט אוועק פון דאַנען, אז אייך איז אומעדיג?

— וואוהין זאָל איך געהן? בעטלען נדבות, וואס?

— בעטען אַ נדבה איז לייכטער ווי דאָ צו לעבען.

— און פון וואַנען ווייסט איהר עס אַזוי גוט? איהר האט שוין ווען פּרובירט בעטען, וואס?

— איך האב געבעטען, ווען איך האב ניט געהאט מיט וואס צו צאהלען פאר מיין שטודיאום. און איך זאָל אפילו נישט האבען געבעטען איז דאס אויך פערשטענדליך. דער בעטלער, ווי די זאך זאָל נישט זיין, איז אַ פרייער מענש, און איהר זייט אַ שקלאַפין.

די ברונעטקע האט זיך אַ ציה געטהאָן און מיט פערשלאָפענע אויגען בעגלייט דעם לאַקעי, וועלכער האט אויף אַ טאַץ געטראָגען גלעזער און סעלצער וואסער.

— טראַקטירט מיט פּאָרטוויין — האט זי געזאָגט און ווידער אַ געניץ געטהאָן.

— מיט פּאָרטוויין... — האָט אַ טראכט געטהאָן וואסיליעוו — און וואָס וואָלט געווען, ווען דיין ברודער אָדער דיין מאַמע וואָלטען איצט אָהער אריינגעקומען? וואָס וואָלסטו געזאָגט? און וואָס וואָלטען זיי געזאָגט? דאַן וואָלסטו געהאט פּאָרטוויין, איך שטעל מיר פאָר...

פּלוצים, האָט זיך דערהערט אַ געוויין. פון צווייטען צימער, וואו דער לאַקעי האָט אוועקגעטראָגען דאָס סעלצער־וואסער, איז מיט שנעלע טריט ארויס אַ געזונדער בלאָנדין מיט אַ רויטען פּנים און בייזע אויגען. הינטער איהם איז געגאַנגען אַ הויכע, פולע בעל הבית'טע און האָט געשריען מיט אַ קוויטשענדיגען קול:

— קיינער האָט אייך נישט ערלויבט צו פּאַטשען די מיידלאַך איבער די באַקען! צו אונז קומען שעהנערע מענשען, ווי איהר און שלאָגען זיך נישט! שאַרלאַטאַן!

עס איז געוואָרען אַ טומעל. וואַסיליעוו האָט זיך דערשראָקען און איז בלייך געוואָרען. אין צווייטען צימער האָט מען געוויינט הויך אויפ'ן קול, מיט אַן אמת'ן, פערצווייפעלטען געוויין, ווי עס וויינען ערנידעריגטע און בעליידיגטע מענשען.

און ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָ וואוינען אויך מענשען, לעבעדיגע מענשען, וועלכע בעליידיגען זיך, ליידען, וויינען, בעטען הילף... דער האַס און עקעל זיינען ביי איהם אצינד איבערגעגאַנגען אין אַ געפיהל פון רחמנות און כעס אויף דעם בעליידיגער. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אין יענעם צימער, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס געוויין; צווישען די רייהען פלעשער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער מאַרמאָרנער ברעט פון טיש, האט ער דערזעהן אַ ליידענדען, אין טרעהרען־געווייקטען פּנים... ער האָט אויסגעשטרעקט די הענד צו דעם דאָזיגען פּנים, געטהאָן אַ טראָט צום טיש, איז אָבער גלייך אָבגעטראָטען צוריק אַ פּאַרציטערטער... די וויינענדיגע איז געוועזן טויט־שיכור...

ווען ער האָט זיך דורכגעשטופּט צווישען דעם טומעלדיגען עולם, וואָס האָט זיך אַרומגעקליבען אַרום דעם בלאָנדין, האָט ער פערלאָרען דעם מוטה און זיך דערשראָקען, ווי אַ אינגעל. איהם האָט זיך אויסגעדאכט, אַז אין דיזער פרעמדער פאַר איהם אונפערשטענדליכער וועלט, וויל מען זיך יאָגען נאָך איהם, איהם שלאָגען און פאַרוואַרפען מיט די שמוציגסטע, העסליכסטע ווערטער... ער האָט אַראָבגעריסען פון הענגער זיין ראָק און זיך געלאָזט לויפען מיט אַלע כוחות פון די טרעפּ.

5.

צוגעשפּאַרט צום פּאַרקאַן, איז ער געשטאַנען און געוואַרט, ביז זיינע חברים וועלען אַרויסקומען. די טענער פון פּיאַנאָס און פידלען,

פרעהליכע, דרייסטע, פרעכע און אומעדיגע, האָבען זיך געטראָגען אין לופטען, זיך אויסמישענדיג אין עפּעס א מאָדנעם כאָאָס. און אָט די דאָזיגע מישעניגע איז פּונקט אזוי ווי פריהער עהנליך געווען צו דעם, ווי אימעצער וואָלט אין דער פינסטער, איבער די דעכער מיט אַן אונזיכבארען אָרקעסטער דיריזשירט. ווען מען זאָל א קוק טהאָן פון אויבען, אויף דער פינסטערניש, וואָלט זיך דאכטען, אז די גאַנצע לופט איז פול מיט ווייסע בעווענליכע פינטעלאך: דאָס האָט געשאָטען א שנעע. דער שנעע, צוקומענדיג צו דעם שיין, האט זיך פויל געדרעהט אין דער לופט, ווי פּוך, און איז נאָך פוילער געפאלען אויף דער ערד. גאַנצע הורבעס־ווייז האָבען זיך די שנעעלאך געדרעהט ארום וואַסיליעוו'ן, האָבען זיך אָנגעהאנגען אויף זיין באָרד, אויף די ברעמען, די אויגען־לעדלאך... די פוהרמאנעס, די פערד און די פארבייגעהער זיינען געווען ווייס.

— און ווי קען דאָס דער שנעע פאלען אין דיעזען געסעל! — האָט געטראכט וואסיליעוו — פארשאָלטען זאָלען זיין דיעזע הייזער!

ווייל ער איז אזוי שנעל געלאָפען פון די טרעפּ, האָבען זיך איהם די פיס געבויגען פון מיעדקייט; ער האָט זיך געשטיקט ווי ער וואָלט זיך אויפגעהויבען בארג ארויף, און דאָס הארץ האָט געקלאפּט שטארק, שטארק. איהם האָט געמאַטערט דער פערלאַנג, וואָס גיכער זיך אָבצוטראָגען פון דעם דאָזיגען געסעל און געהן אהיים, אָבער נאָך מעהר האָט זיך איהם געוואָלט דערווארטען זיך אויף די חברים און אויסלאָזען צו זיי זיין ביטער הארץ.

ער האָט פיעלעס נישט פערשטאַנען אין די דאָזיגע הייזער, די נשמות פון די געפאלענע פרויען, זיינע אזוי ווי פריהער, געבליעבען פאר איהם א געהיימניס, איין זאך נור איז איהם קלאָהר געוואָרען, אז די צרה איז א סך ערגער, ווי מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלען. אויב יענע שולדיגע פרוי, וועלכע האָט זיך פער'סם'ט, האָט געהייסען א געפאלענע, דאן איז פאַר די אלע, וואָס האָבען זיך געהאָפּקעט אונטער די טענער פון משונה'דיגער מוזיק און האָבען גערעדט העסליכע, גראָבע, עקעלהאפטע רייד, שווער צו צוקלייבען א פּאסענדען נאָמען... דאָס זיינען געווען נישט קיין דארבענדע, נור פערדאָרבענע, פערלאָרענע . . .

— די געזונקענהייט איז דאָ — האָט ער געטראַכט: — אָבער עס פעהלט דאָס בעװאוסטזיין פון דער אייגענער שולד און די האָפנונג אויף רעטונג. זיי פאַרקויפט מען און מען קויפט, מען דערטרינקט זיי אין װיין און אין שמוץ און זיי אליין װי די שעפּסען, זיינען טעמפּ און גלייכגילטיג און פאַרשטעהען גאָרנישט. גאָט מיינער, גאָט מיינער!

פאַר איהם איז קלאָהר געװען, אז אַלעס װאָס רופט זיך מענש, עהרע, שטאָלץ, װאָס טראָגט אין זיך אַ געטליכען פונק, איז אין דעם דאָזיגען געסעל פאַרשמוצט, פאַרשמירט אין גאַנצען אָבגעמעקט געװאָרען. און שולדיג אין דעם זיינען ניט נור די טעמפּע פרויען און דאָס געסעל אליין.

אַ קאָמפּאַניע סטודענטען, װייסע פון שנעע, פרעהלאַך ריידענדיג און לאַכענדיג, איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איהם. איינער פון זיי, אַ הויכער, אַ מאָגערער, האָט זיך אָבגעשטעלט, פערקוקט װאַסיליעװ'ן אין פּנים אריין און ארויסגערעדט מיט אַ שכור'ען קול:

— ער איז פון אונזערע! האָסט אריינגעשנאַפּסעט, ברודער? אָט אַזוי, ברודער! עס מאַכט נישט, לעב אַ טאָג! גיס אריין! נור נישט אָבגעלאָזען זיך, פעטערל!

ער האָט אָנגענומען װאַסיליעװ'ן פאַר די אַקסלען, און זיך צוגעדריקט צו זיין באַק מיט נאַסע, קאַלטע װאָנצעס. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגליטשט, אַ שאָקעל געטהאָן זיך אויף די פיס און, מאַכענדיג מיט די הענד, האָט ער אַ געשריי געטהאָן:

— שטעה! האַלט זיך! פאַל נישט!...

און צולאַכט זיך, איז ער אװעק אָניאָגען זיינע חברים.

צװישען געטומעל האָט זיך דערהערט דעם מאַהלערס קול:

— איהר זאָלט זיך נישט דערװעגען שלאָגען די פרויען! איך װעל עס אייך נישט ערלויבען, דער טייפעל זאָל אייך נעהמען! לומפּען, װאָס איהר זייט!

אין טהיר פון הויז האָט זיך בעװיזען דער דאָקטאָר. ער האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען און דערזעהען װאַסיליעװ'ן, האָט ער אונרוהיג געזאָגט:

— דו ביזט דאָ? הער אויס, מיט יעגאָר'ן קען מען אין ערגעץ נישט געהן, אויף מיין װאָרט! װאָס איז ער פאַר אַ מענש, איך פאַר־

שטעה נישט! האָט געגומען און געמאַכט אַ סקאַנדאַל! דו הערסט? יעגאָר! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן אין טהיר — יעגאָר!

— איך וועל אייך נישט ערלויבען שלאָגען די פּרויען! — האָט זיך דערהערט פון אויבען דער שניידענדער קול פון'ם מאהלער.

פּלוצים האָט עפּעס אַ גרויסער און שווערער קלומיק זיך גענומען קייקלען אַרונטער פון די טרעפּ. דאָס איז דער מאהלער געפלויגען קאָפּ אַראָפּ פון אויבען אַרונטער. מען האָט איהם, קענטיג, ארויסגעשמי־סען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, האָט אָבגעטרייסעלט זיין הוט און מיט אַ בייזען, צורייצטען פּנים גענומען סטראַשען אין דער הויף מיט'ן פויסט, שרייענדיג:

— באַנדיטען! מענשען־פרעסער! בלוט־זויגער! איך וועל אייך נישט ערלויבען צו שלאָגען! שלאָגען אַ שוואַכע, שיכורע פרויענצי־מער! אַך, איהר...

— יעגאָר... נו, איך בעט דיך, יעגאָר... — האָט זיך גע־נומען בעטען דער דאָקטאָר — איך גיב דיר מיין עהרען וואָרט, אַז איך וועל שוין מיט דיר קיין מאָל אין ערגעץ נישט געהן. עהרען־וואָרט!

דער מאהלער האָט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט און די חברים זיי־נען אוועק אהיים.

— ניט ווילענדיג צו דיעזע אומעדיגע ברעגעס, ציהט מיך אַן אונבעוואוסטע קראַפט... — האָט ווידער גענומען זינגען דער דאָק־טאָר.

— אָט איז דער מיהל... — האָט אין אַ ווייל̇ע אַרום אונטער־געכאַפּט דער מאהלער — ער איז שוין איינגעפאַלען... נו, אַביסעל אַ שנעע, הייליגע מוטער! גרישקאַ, פאַרוואָס ביזטו אוועק? דו ביזט אַ פייגלינג, אַן אַלטע באַביצע און נישט מעהר!

— וואַסיליעוו איז געגאַנגען הינטער די חברים, געקוקט אויף זייערע רוקענס און געטראַכט:

— איינס פון דיביידע: אָדער אונז דאַכט זיך עס נור אויס, אַז פּראָסטיטוציאָן איז אַן איבעל, אָדער פּראָסטיטוציאָן איז טאַקע אויף אַן אמת'ן אַזאַ שלעכטע זאַך, ווי מיר זיינען געוואוינט צו דענ־קען, און דאַן זיינען מיינע ליעבע חברים פּונקט אַזעלכע שקלאַפּען־

הענדלער, באַנדיטען און מערדער, ווי די איינוואוינער פון סיריען און קאַיר, וועלכע מען בעשרייבט אין זשורנאַל „ניווא". אָט געהען זיי זיך אַצינד, זיי זינגען, לאַכען, שמועסען און פאַרשטעהען ניט, אַז זיי האָבען נור וואָס עקספּלאָטירט הונגעריגע, אונוויסענדע, טעמפּע מענשען... צו וואָס פּאַסט זיך דאָ זייער פרייהייטס־ליעבע, זייער מעדיצין און מאַהלעריי? די דאָזיגע מענשען מיט זייערע ערהאַבענע געדאַנקען און געפיהלען, מיט זייער קונסט און וויסענשאַפט דערמאָנען מיר די שטאָלץ אין אַ געוויסען אַנעקדאָט: צוויי מערדער האָבען געקוילעט אַ בעטלער אין וואַלד; זיי האָבען גענומען זיך טהיילען מיט זיינע קליידער און אין זיין טאָרבע האָבען זיי געפונען אַ שטיק חזיר־שמאַלץ. „אָט דאָס איז אַ סחורה — האָט געזאָגט איינער פון זיי — קום, לאָמיר צובייסען!" :וואָס רעדסטו, שטייטש? — האָט געענטפערט דער אַנדערער, אַ פערציטערטער — האָסט דען פערגעסען, אַז היינט איז מיטוואָך און מען טאָר קיין פלייש נישט עסען?" און זיי האָבען טאַקע נישט געגעסען. זיי, וועלכע האָבען נור וואָס געקוילעט אַ לעבעדיגען מענשען, זיינען ארוים פון וואַלד מיט דער איבערצייגונג, אַז זיי זיינען פרומע, גאָטספירכטיגע קריסטען. און זיי, די חברים מיינע, טהוען אויך דאָס זעלבע, נאָכדעם, ווי זיי האָבען געקויפט פרויען, געהען זיי און טראַכטען אַצינד אַז זיי זיינען געלעהרענטע, קינסטלער, ליבעראַלען...

— הערט אויס! — האָט ער געזאָגט מיט אַ בייזען שניידענדען קול — נאָך וואָס געהט איהר אהער? שוין־זשע פערשטעהט איהר נישט ווי שרעקליך דאָס איז? אייער מעדיצין זאָגט, אַז יעדע איינציגע פון אָט די דאָזיגע פרויען שטאַרבט פאַר דער צייט פון אויסצעהרונג אָדער פון עפּעס אַן אַנדער חולאת; די קונסט זאָגט, אַז מאָראַליש שטאַרבט זי נאָך אַ סך פריהער. יעדע פון זיי שטאַרבט דערפון, וואָס אין איהר קורצען לעבען קומט איהר אויס דורכשניטליך צו האָבען צו טהאָן מיט אַן ערך פינף הונדערט מענער. יעדע פון זיי דער'הרג'ענען פינף הונדערט מענשען. צווישען אָט די דאָ: יע פינף הונדערט געפינט איהר זיך אויך! אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז אויב איהר ביידע וועט אויף אייער לעבען בעזוכען אַזעלכע הייזער צו צוויי הונדערט און פופציג מאָל, דאַן, הייסט עס, וועט אויף איעך ביידע אויסקומען איין דער'הרג'עטע פרוי! דאָס איז דאָך איינפאַך!

איז דאָס נישט שרעקליך? זאַלבע־נאַנד, זאַלבע־דריט, זאַלבע־פינפט דער'הרג'ענען איין נארישע, הונגעריגע פרוי! איז עס דען נישט מורא'דיג, גאָט מיינער?...

— איך האָב פריהער געוואוסט, אז עס וועט אזוי זיין — האָט געזאָגט דער מאהלער און זיך אָ קרים געטהאָן — מען האָט ניט גערארפט האָבען קיין עסק מיט דעם גולם, דעם פרא אדם! דו מיינסט דאָך אודאי, אז ביי דיר אין קאָפּ זיינען דאָ גרויסע גדאנקען, אידעען? ווייס איך וואָס, נארישקייטען זיינען דאָס, נישט קיין אי־דעען! אָט קוקסטו איצט אויף מיר מיט האס און עקעל און איך זאָג דיר, אז עס וואָלט בעסער געווען, ווען דו זאָלסט אויסבויען נאָך צוואַנציג אזעלכע הייזער, איידער צו קוקען מיט אזעלכע אויגען. אין דעם דאָזיגען בליק דיינעם איז דאָ מעהר פערדאָרבענהייט, ווי אין גאַנצען געסעל!... קום וואָלאָדיא, זאָל איהם דער טייפעל נעהמען! ער איז אַ נאַר, אַ גולם און מעהר גאָרנישט...

— מיר מענשען הרג'ענען טאַקע איינער דעם אנדערן — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר — דאָס איז אודאי ניט מאָראַליש, אָבער מיט פילאָזאָפיע וועסטו דאָ נישט העלפען. גוט נאַכט!

אויף דעם טרובענעם סקווער האָבען זיך די חברים געזעגענט און זיינען זיך פונאנדערגעגאַנגען.

געבליעבען אליין, האָט וואסיליעוו גענומען שנעל שפּרייזען איבער דעם בולוואר. איהם האָט איצט געשראָקען די פינסטערניש, געשראָקען דער שנעע, וועלכער איז הויפען־וויין געפאַלען אויף דער ערד און עס האָט זיך גערואַכט, אז ער וויל פארשיטען די גאַנצע וועלט; עס האָבען איהם געשראָקען די פייערלאַך פון די לאַנטערנעס, וועלכע האָבען בלאַס געצאַנקט צווישען די שנעע־וואָלקענס. אַן אימה'דיגע מורא, אַ קינדערשער שרעק האָט ארומגעכאַפּט זיין גאַנצע נשמה. צייטענווייז זיינען איהם אנטקעגען געקומען פארבייגעהער, ער האָט זיך מיט שרעק פון זיי אָבגערוקט. איהם האָט זיך גערואַכט, אז פון אומעדום און איבעראַל געהן און קוקען אויף איהם פרויען, נור פרויען...

— עס הויבט זיך שוין אָן ביי מיר — האָט ער אַ טראַכט גע־טהאָן — אַ נערוועזער אַנפאַל קומט אָן...

6.

אין דער־היים איז ער געלעגען אויפ'ן בעטעל און טרייסלענדיג זיך מיט דעם גאַנצען קערפּער, האָט ער גערעדט:

— לעבעדיגע נפשות! לעבעדיגע נפשות! מיין גאָט, זיי זיינען לעבעדיגע נפשות!

ער האָט אויף אַלע אופנים געשאַרפט זיין פאַנטאַזיע און זיך פאָרגעשטעלט דאָ אַלס ברודער פון א געפאַלענער פרוי, דאָס אַלס איהר פאָטער און דאָ זיך אַליין אַלס געפאַלענע פרוי מיט געפארבטע באַקען, און דאָס אַלעס האָט אויף איהם ארויפגעיאָגט א שרעק.

איהם האָט זיך אויסגעדאכט, אַז ער מוז שוין, גלייך אויפ'ן אָרט, פאַרענטפערען די פראַגע און אַז די דאָזיגע פראַגע איז ניט קיין פרעמדע, נור זיין אייגענע. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטען, דערשטיקט אין זיך פערצווייפלונג און, אויפגעזעצט זיך אויף דער בעט, האָט ער ארייגענומען דעם קאָפּ איןביידע הענד און גענומען טראַכטען ווי אַזוי צו ראַטעווען יענע אַלע פרויען, וואָס ער האָט היינט געזעהען... ווי אויפגערעגט ער איז נישט געווען האָט ער דאָך זיינע געדאַנקען געהאַלטען אין א געוויסער לאָגישער אָרדנונג און, אַלס געבילדעטער מענש, האָט ער פריהער פון אַלץ זיך גענומען דערמאָה־נען אָן דער געשיכטע פון דער דאָזיגער פראַגע, אָן איהר ליטעראַטור. א זייגער פיער פאַרטאָג האָט ער געשפּרייזט פון איין ווינקעל צום אַנדערן און זיך געסטאַרעט צו דערמאָנען אָן אַלע מיטלען, וואָס ווע־רען היינטיגע צייטען אָנגעווענדעט, אום צו ראַטעווען די פרויען.

ער האָט געהאַט א סך חברים און גוטע פריינד, וועלכע האָבען גע־וואוינט אין פערשיעדענע האָטעלען. צווישען זיי האָבען זיך געפונען ניט ווייניג עהרליכע אויפאָפפערענדע מענשען. אייניגע פון זיי האָבען פּרובירט ראַטעווען די דאָזיגע פרויען . . .

— אַט די עטליכע פערזוכען — האָט געטראַכט וואסיליעוו — קען מען איינטהיילען אין דריי סאָרטען:

אייניגע פון זיי האָבען אויסגעקויפט פון הייזעל א פרוי, האָבען פאַר איהר געדונגען א צימער, איהר געקויפט א נעה־מאַשין און זי איז געוואָרען א נייטהערין. און דער, וואָס האָט זי אויסגעקויפט,

האט ווילענדיג ניט ווילענדיג זי געמאכט פאר זיין מאטרעסע. דערנאך, ווען ער האט געענדיגט זיין קורס, האט ער זיך ווי עפעס א שטיק מעבעל איבערגעגעבען אין די הענד צו אן אנדער אנשטענדיגען מענשען... און די געפאלענע איז געבליעבען א געפאלענע.

אנדערע, ווידער, נאכדעם ווי זיי האבען זי אויסגעקויפט, האבען פאר איהר אויך געדונגען א בעזונדער צימער, האבען איהר אריינגעשטעלט די אונפערמיידליכע נייה־מאשין און האבען נאך דערצו אנגעווענדעט אלס א מיטעל די בילדונג. האבען פאר איהר גענומען פרעדיגען און לעזען ביכלאך. די פרוי האט זיך אזוי געלעבט און געניהט כל זמן אלעס איז פאר איהר געווען אינטערעסאנט און נייע, שפעטער אבער, ווען איהר איז אומעדיג געווארען, האט זי גענומען בסוד פון איהרע פרעדיגער בריינגען צו זיך מענער, אדער אז ניט איז זי אין גאנצען אנטלאפען אהין, וואו מען קען שלאפען ביז דריי אזייגער בייטאג, טרינקען קאפע און עסען א זאטען מיטאג.

די רעטער פונ׳ם דריטען סארט, וואס איז בעשטאנען פון די סאמע הייסע און אפפערוויליגע מענשען, האבען געטהאן זעהר א געוואגטען און ענטשלאסענעם שריט: זיי האבען געהייראטה.

און ווען יענע אונפערשעהמטע צולאזענע, אדער טעמפע, דערשלאגענע חיה איז דאן געווארען א ווייב, א בעל הבית׳טע און דערנאך א מאמע, האט דאס זי אין גאנצען מיט׳ן ווארצעל ארויסגעריסען פון איהר סביבה, פון איהר פריהערדיגען לעבען און געוועהנהייטען, א נייעם מענשען פון איהר געמאכט, אזוי, אז מען האט בשום אופן נישט געקענט אין איהר דערקענען די פריהערדיגע געפאלענע פרוי. יא, דאס הייראטהען זיי איז בעסער און אפשר דער איינציגער מיטעל.

— דאס איז אבער אונמעגליך! — האט געזאגט וואסיליעוו אין דער הויך און זיך א ווארף געטהאן אין בעט — איך וואלט דער ערשטער ניט געקענט חתונה האבען מיט אזא! דערצו דארף מען זיין א הייליגער, א מענש אהן א גאל, אהן האס און עקעל. אבער לאמיר שוין אפילו צוגעבען, אז איך און דער דאקטאר, און דער מאהלער האבען זיך אנגעטהאן א כוח און חתונה געהאט, אז זיי אלע, די געפאלענע פרויען הייסט עס, וועלען הייראטהען. טא וואס איז דערפון געדרונגען? וואס איז דער שלום? און דער שלום איז דער, אז בשעת

דאָ אין מאָסקווע וועלען זיך געפינען מענער, וואָס וועלען מיט זיי חתונה האָבען, וועט דער בוכהאַלטער אין סמאָלענסק רואינירען אַ נייע מענגע און די דאָזיגע נייע מענגע וועט זיך אַ לאָז טהאָן אהער אויף די ליידיגע פּלעצער צוזאַמען מיט די סאַראַטאָווער, ניקאָלאַ־יעווער, וואַרשעווער... און וואו טהוט מען אהין די הונדערט טויזענד לאָנדאָנער? וואָס מאַכט מען מיט די געפאַלענע פון האַמבורג?

דער לאַמפּ, אין וועלכען דער קעראָסין האָט אין גאַנצען אויס־געברענט, האָט גענומען רויכערען. וואַסיליעוו האָט עס נישט באַ־מערקט. ער האָט ווידער גענומען שפּרייזען און נאָך אַלץ געטראַכט. אַצינד האָט ער די פראַגע שוין אוועקגעשטעלט גאָר אַנדערש: וואָס דאַרף מען טהאָן אום צו מאַכען, אַז די געפאַלענע פרויען זאָלען מעהר נישט זיין נויטיג? דערצו איז וויכטיג, אַז די מענער, וועלכע קויפען און דער'הרג'ענען זיי, זאָלען דערפיהלען די גאַנצע שענדליכ־קייט פון זייער האַנדלונג, זאָלען קלאָהר דערזעהען די מיאוסע ראָלע, וואָס זיי שפּיעלען דאָ און זאָלען פאַרציטערט ווערען. מען דאַרף ראַ־טעווען די מענער.

— ווי עס זעהט אויס קען מען דאָ מיט קונסט און וויסענשאַפט גאָרנישט אויפטהאָן... — האָט געטראַכט וואַסיליעוו — דער איינ־ציגער מיטעל איז נור צו פּרעדיגען.

און ער האָט גענומען טרוימען פון דעם, ווי מאָרגען ביינאַכט וועט ער שטעהן אויפ'ן ראָג פונ'ם געסעל און רעדען צו יעדען פאַרביי־געהער:

— וואָהין און צו־וואָס געהט איהר? דערמאָנט זיך אָן גאָט!

ער וועט זיך ווענדען צו די גלייכגילטיגע פוהרמאַנעס און וועט זיי זאָגען:

— צו־וואָס שטעהט איהר דאָ? פאַר וואָס פּראָטעסטירט איהר נית, פאַר וואָס טרעט איהר ניט ארויס דאַגעגען? איהר גלויבט דאָך אין גאָט, איהר ווייס דאָך, אַז דאָס איז אַ גרויסע זינד, אַז דערפאַר וועלען זיך מענשען בראָטען אין גהינום, היינט פאַר וואָס־זשע שווייגט איהר? ס'איז אמת, זיי זיינען אייך פרעמדע, אָבער זיי האָבען דאָך אויך ערגעץ וואו טאַטעס, ברידער, וועלכע זיינען אויך מענשען פונקט אַזוי ווי איהר...

עמיצער פון די חברים האָט אַמאָל געזאָגט וועגען וואַסיליעוו'ן,

אז ער איז א טאלאנטפאלער מענש. עס זיינען דא שרייבער־טאלאנטען, טאלאנטען פאר דער ביהנע, פאר מאהלעריי און קונסט, ער אבער בעזיצט א גאנץ בעזונדערען טאלאנט — א מענשליכען. ער האט א מערקווירדיג טיעפען געפיהל פאר די ארומיגע ליידען. אזוי ווי א גוטער אקטיאר שפיעגעלט אפּ אין זיין שפּיעלען פרעמדע באוועגונגען, א פרעמד קול, אזוי קען אויך וואסיליעוו אין זיין נשמה אבשפּיעגלען פרעמדע וועהטאגען. דערזעהענדיג טרעהרען, הויבט ער אליין אן צו וויינען, נעבען א קראנקען ווערט ער אליין קראנק און קרעכצט; זעהט ער, אז מען טהוט עמעצען אן עולה, דאן דאכט זיך איהם, אז די עולה האט מען איהם אליין געטהאן; ער דערשרעקט זיך ווי א אינגעל און לויפט פון דעסטוועגען יענעם צו הילף. פרעמדער וועהטאג רעגט איהם אויף, ברענגט איהם אויסער זיך און טרייבט איהם אריין אין עפּעס א מאדנעם מין עקסטאז.

צו האט דער חבר רעכט געהאט — דאס ווייס איך נישט, נור דאס וואס וואסיליעוו האט געפיהלט, ווען איהם האט זיך געדאכט, אז די פראגע איז פארענטפערט, איז זעהר עהנליך געווען צו עקסטאז, צו בעגייסטערונג. ער האט געוויינט, געלאכט, גערעדט אין דער הויך די ווערטער, וועלכע ער האט זיך געקליעבען מארגען צו זאגען פאר מענשען, ער האט געפיהלט א הייסע ליעבע צו די יעניגע, וועלכע וועלען איהם פאלגען און זיך שטעלען נעבען איהם אויפ׳ן ראג פון׳ם געסעל, אום מיט איהם צוזאמען צו פּרעדיגען. ער האט זיך געזעצט שרייבען בריעף, זיך אליין געגעבען שבועות...

דאס אלעס איז נאך דערפאר עהנליך געווען צו בעגייסטערונג, ווייל עס האט אנגעהאלטען נישט לאנג. אין גיכען איז ער מיעד געווארען. די לאנדאנער, האמבורגער, ווארשאווער געפאלענע האבען איהם געשטיקט מיט זייער מאסע, אזוי ווי בערג דריקען די ערד. פאר דער דאזיגער מאסע האט ער זיך געשראקען, איז פון איהר צומישט געווארען; ער האט זיך דערמאנט, אז ער איז נישט קיין רעדנער ,אז ער איז א שרעקעדיגער, נישט קיין דרייסטער, אז די מענשען זיינען גלייכגילטיג און וועלען איהם אפשר גאר ניט וועלען אויסהערען און פערשטעהען, איהם א סטודענט־יוריסט פון דריטען קורס און אין אלגעמיין א מענשען א שרעקעדיגען, אן אונוויכטיגען. ער האט זיך אויך דערמאנט, אז פּרעדיגען אליין איז ניט גענוג; אום

עפּעס אויפצוטהאָן, מוזען געשעהען טהאטען, טהאַטען...

ווען עס איז ליכטיג געוואָרען און אין גאַס האבען שוין גע־קלאַפּט די קארעטען, איז וואסיליעוו געלעגען אן אונבעוועגליכער אויף דעם דיוואן און געקוקט אין איין פּונקט. ער האט שוין אצינד נישט געטראכט נישט פון די פרויען, נישט פון די מענער און נישט פון זיין פּרעדיגען. ער האט נור געפיהלט א טיעפען וועהטאָג אין דער נשמה, וועלכער האט איהם גענאָגט. דאס איז געווען א טעמ־פּער, אונבעשטימטער וועהטאָג, שטארק עהנליך אי צו אומעט, אי צו מורא און אי צו פערצווייפלונג. אָנווייזען וואו איהם טהוט וועה, האט ער יא געקענט: אין ברוסט אונטער'ן הארצען; אבער פער־גלייכען דעם דאָזיגען וועהטאָג מיט עפּעס אַן אנדער'ן האט ער בשום אופן נישט געקענט. פריהער האט פּאסירט, אז ער האט געהאַט שטארקען צייהן־וועהטאָג, איז געווען פארקיהלט און געהאַט נעוור־ראלגיע, אבער דאס אלעס איז געווען גאָרנישט אין פערגלייך מיט דעם איצטיגען הארץ־וועהטאָג. ביי אָט דעם דאָזיגען וועהטאָג האט דאס גאַנצע לעבען אויסגעזעהען מיאוס, העסליך. אצינד האט איהם אלעס אויפגערעגט, נערוועז געמאכט און גערייצט. די אויסגעציי־כענטע פערפאַסונג, וואס ער האט געוועזט געמאכט פאר די עקזאַ־מענס, נאָהענטע, געליעבטע מענשען, די רעטונג פון די געפאלענע פרויען — אלעס, וואס ער האט נעכטען געליעבט און וואס האט איהם געאינטערעסירט, האט איהם איצט, ווען ער האט זיך אָן דעם דער־מאָנט, אויפגערעגט, פּונקט אזוי פיעל, ווי דער גערויש פון די קאַ־רעטען, ווי דאס ארומלויפען פון די בעדיענטע אין קארידאָר און ווי דער העלער, פריהמאָרגענדיגער שיין...

ווען עמעצער וואָלט אצינד אויף זיינע אויגען בעגאַנגען עפּעס א גרויסען גוטען טהאט, אדער א שרעקליכען פערברעכען, וואָלט אויף איהם אי דאס ערשטע, אי דאס צווייטע געמאכט דעם זעלביגען עקעלהאפטען איינדרוק. פון אלע געדאנקען, וועלכע זיינען ביי איהם פויל ארומגעקראָכען אין קאָפּ, האבען נור צוויי איהם ניט אויפגע־רעגט: איין געדאנק, אז ער קען יעדע מינוט מאכען א סוף צו זיין לעבען, דער צווייטער — אז דער וועהטאָג וועט ניט אָנהאלטען מעהר ווי דריי טעג. דאס לעצטע האט ער געוואוסט פון ערפאהרונג.

און געלעגען אביסעל, איז ער אויפגעשטאַנען, פארבראָכען די

הענד- און גענומען געהען ניט ווי געוועהנליך פון איין ווינקעל אין אנדער'ן, נור קוואדראט־וויז, ארום די ווענט. פארבייגעהענדיג, האט ער א קוק געטהאן אויף זיך אין שפיעגעל. זיין פנים איז געווען בלייך און אויסגעצויגען, די באקען איינגעפאלען, די אויגען דונקע־לער, גרעסער און אונבעוועגליכער, עפעס אזוי ווי פרעמדע, און הא־בען אויסגעדריקט אונערטרעגליכע גייסטיגע ליידען.

ארום האלבען טאג האט דער מאהלער אנגעקלאפט אין טהיר.

— גריגארי, ביזט אין דער היים? — האט ער געפרעגט.

און ניט קריעגענדיג קיין ענטפער, איז ער נאך א ווײלע גע־שטאנען, האט א טראכט געטהאן און געזאגט צו זיך אליין אויף כאכליש:

— ניטא איהם. אין אוניווערזיטעט אוועק, דער פארשאלטע־נער בחור!

און איז אוועק.

וואסיליעוו האט זיך געלייגט אויף דער בעט און בעהאלטענדיג דעם קאפ אונטער די קישען, האט ער גענומען וויינען פאר וועהטאג, און וואס מעהר טרערען ער האט פערגאסען, אלץ שרעקליכער איז גע־ווארען זיין גייסטיגער וועהטאג.

ווען עס איז דונקעל געווארען, האט ער זיך דערמאנט אן דער שרעקליכער נאכט, וואס ערווארטעט איהם, און א מורא'דיגע פער־צווייפלונג האט ארומגעכאפט זיין נשמה. ער האט זיך פלינק אנ־געטהאן, איז ארויסגעלאפען פון זיין צימער, לאזענדיג די טהיר ווייט אפען הינטער זיך, און איז אהן א פארוואס, אהן א צוועק, ארויס אין דרויסען. ניט טראכטענדיג וואוהין צו געהען איז ער שנעל אוועק איבער דער סאדאווער גאס.

דער שנעע האט געשאטען אזוי ווי נעכטען; דער פראסט האט נאכגעלאזען. ארייגעגרוקט די הענד אין די ארבעל, זיך שרעקענדיג און ציטערענדיג פאר יעדען קלאפ, וואס ער האט געהערט, פאר דאס קלינגען פון די טראמוואיען, פאר פארבייגעהער, איז וואסיליעוו דורכגעגאנגען מיט סאדאווער גאס ביז דעם סוכארעווען טהורעם, דערנאך ביז די רויטע טויערען, פון דארט האט ער זיך ארייגעקעהרט

אויף באַסמאַנער גאַס. ער איז אריין אין א שענק, האט אויסגע־טרונקען א גרויסע גלאָז בראַנפען, אבער איהם איז דערפון ניט לייכ־טער געוואָרען.

צוגעקומען צו ראזגולאַיעוו, האט ער זיך אומגעקעהרט רעכטס און גענומען שפּרייזען איבער געסלאַך, וואו ער איז נאָך קיין מאָל ביז אהער ניט געווען. ער איז צוגעקומען צום אַלטען בריק, וואו עס רוישט דער טייך יאַאוזאַ, און וואו פון די פענסטער פון די רויטע קאַזאַרמעס קוקען ארויס לאַנגע ראָנדען פייערלאַך.

כדי צו דערשיקען זיינע גייסטיגע שמערצען מיט עפּעס אַן אַנ־דער געפיהל, אַן אַנדער וועהטאָג, האט וואסיליעוו ווייגענדיג און ציטערענדיג, פונאַנדערגעשפּילעט זיין אויבערראָק, זיין רעקעל און אונטערגעשטעלט זיין נאַקעטע ברוסט אונטער דעם פייכטען שנעע און ווינד. דאס האט אבער אויך ניט געהאָלפען. זיין וועהטאָג איז ניט קלענער געוואָרען. דאַן האט ער זיך איינגעבויגען איבער'ן פּאַרענץ פון בריק און אראָבגעקוקט אונטען, אין דעם פינסטערן, שטורמעדיגען טייך יאַאוזאַ, און איהם האט זיך פאַרוואָלט אראָב־וואַרפען זיך מיט'ן קאָפּ ארונטער... און טהאָן עס האט זיך איהם געוואָלט ניט אוים עקעל צום לעבען, ניט אום צו בעגעהען זעלבסט־מאָרד, נור אום זיך צו צוקלאַפּען און מיט איין וועהטאָג פערטרייבען דעם אַנדער'ן... אבער דאס שווארצע וואסער, די ארומיגע פינסטער־ניש, די וויסטע, איינזאַמע ברעגעס, בעדעקט מיט שנעע, זיינען גע־ווען צו שרעקליך. ער האט זיך א טרייסעל געטהאָן און איז אוועק ווייטער. ער איז זיך דורכגעגאַנגען פאַרביי די רויטע קאַזאַרמעס, דערנאָך צוריק און האט זיך אוועקגעלאָזען אין עפּעס א וועלדעל, פון וועלדעל ווידער אויפ'ן בריק....

— ניין, ניט דאָ, אהיים, אהיים! — האט ער געטראכט — אין דער היים איז, דאכט זיך, לייכטער.

און ער איז אוועק צוריק. און זיך אומגעקעהרט אהיים, האט ער פון זיך אראָבגעריסען דעם נאַסען ראָק און היטעל, גענומען שפּרייזען ארום די ווענט און אזוי ארומגעשפּרייזט ביז אין דער פריה.

7.

ווען דער מאהלער מיט דעם דאָקטאָר זיינען אויף מאָרגען אין דער פריה געקומען צו איהם, האבען זיי איהם געפונען אין א צורי־סענעם העמד מיט צובּיסענע הענד; ער האט זיך ארומגעשליידערט איבער'ן צימער און האט געקרעכצט פאר וועהטאָג.

— אום גאָטעס ווילען! — האט ער גענומען שלוכצען, דערזע־הענדיג די חברים — פיהרט מיך אַוועק וואו איהר ווילט, טהוט וואס איהר קענט, נור ווי גאָט איז אייך ליעב, ראטעוועט מיך! שנעל, איך וועל זיך טויטען!

דער מאהלער איז געוואָרען בלייך און צוטומעלט. דער דאָק־טאָר האט זיך אויך שיעור ניט צוואויינט, אבער דערמאָנט זיך, אז דאָקטוירים מוזען שטענדיג, אונטער אלע אומשטענדען, בלייבען רו־היג און קאלטבלוטיג, האט ער קאלט געזאָגט:

— דאס איז ביי דיר א נערוועזער אָנפאל. ס'איז גאָרנישט. קום גלייך צו א דאָקטאָר.

— וואו איהר ווילט, נור אום גאָטעס ווילען, וואס שנעלער!

— דו רעג זיך נישט אויף. מען דארף זיך קענען בעהערשען.

דער מאהלער מיט דעם דאָקטאָר האבען מיט ציטערענדע הענד אָנגעטהאָן וואסיליעוו'ן און איהם ארויסגעפיהרט אויף דער גאס.

— מיכאאיל סערגעאיטש וויל שוין לאנג מיט דיר בעקאנט ווערען — האט אויפ'ן וועג גערעדט דער דאָקטאָר — ער איז זעהר א וואוילער מענש און זיין פּראָפעסיאָן פערשטעהט ער אויסגעצייי־כענט, געענדיגט האט ער אין 82טען יאהר און א פּראַקטיקע איז ביי איהם שוין גאָר א גרויסע. מיט די סטודענטען האלט ער זיך זעהר פריינדליך, מעשה חבר.

— שנעל, שנעל.... — האט געאיילט וואסיליעוו.

מיכאאיל סערגעאיטש, א פולער, בלאָנדער דאָקטאָר, האט די חברים צוגענומען העפליך, ערנסט, קאלט, און האט א שמייכעל גע־טהאָן נור מיט איין באק.

— דער מאהלער און מייער האבען מיר שוי'ן דערצעהלט וועגען

אייער קראַנקהייט — האָט ער געזאָגט — עס פרעהט מיך אייך צו דיענען. אַלזאָ? זעצט זיך, איך בעט אייך.

ער האָט אוועקגעזעצט וואסיליעוו'ן אין א גרויסער קרעסלע נעבען טיש און צוגערוקט צו איהם א קעסטעל מיט פּאַפּיראָסען.

— אַלזאָ? — האָט ער אָנגעהויבען, גלעטענדיג זיך די קניע — לאָמיר צוגעהן צום עסק... ווי אַלט זייט איהר?

דער דאָקטאָר האָט געשטעלט פראַגען און דער מעדיצינישער סטודענט האָט געענטפערט. ער האָט געפרעגט, צי איז וואסיליעוו'ס פאָטער ניט געווען קראַנק אויף עפּעס בעזונדערע קראַנקהייטען, צי האָט ער ניט גע'שיכור'ט, צי איז ער ניט געווען א בייזער, אָן אויפגערעגטער, אדער האָט געהאַט עפּעס אנדערע משוגעת'ן. דאסזעלבע האָט ער געפרעגט וועגען זיין זיידען, זיין מאַמען, די שוועסטער און ברידער. און דערוואוסט זיך, אַז זיין מאַמע האָט געהאַט אַן אויסגעצייכענטע שטימע און האָט אַמאָל געשפּיעלט אויף דער ביהנע, האָט ער פּלוצים אָבגעלעבט און געפרעגט:

— ענטשולדיגט, קענט איהר זיך ניט דערמאָנען, צי איז נישט דאָס דאָזיגע שפּיעלען טעאַטער געווען ביי אייער מוטער א שטאַרקע ליידענשאַפט?

עס זיינען אוועק א מינוט צוואַנציג. וואסיליעוו'ן האָט דערעסען, וואס דער דאָקטאָר גלעט זיך די קניע און רעדט אַלץ דאָס איינענע.

— אויף וויפיעל איך פערשטעה אייערע פראַגען, דאָקטאָר — האָט ער געזאָגט — ווילט איהר וויסען, אויב מיין קראַנקהייט איז א גע'ירשנ'טע צו ניט. ניין, איך האָב זי ניט בירושה.

ווייטער האָט דער דאָקטאָר געפרעגט צו האָט וואסיליעוו אין זיין יוגענד ניט געהאַט קיין געהיימע פעהלערען, צי האָט ער ניט געקריעגען א קלאַפּ אין קאָפּ, אדער געהאַט עפּעס בעזונדערע אייגענשאַפטען, ליידענשאַפטען, אדער אזוי עפּעס בעזונדערע קראַנקהייטען. אויף א העלפט פון די פראַגען, וועלכע עס שטעלען געוועהנליך די אויפמערקזאַמע דאָקטוירים, קען מען גאַנץ רוהיג ניט ענטפערען, און עס זאָל צו דער קראַנקהייט גאַרנישט שאַדען; אָבער

ביי מיכאאיל סערגעאיטש'ן, ביי דעם דאָקטאָר און מאָהלער זיינען אויף די פּנים'ער געווען אזעלכע מינעס, אז ווען וואסיליעוו וואָלט חס ושלום ניט ענטפערען כאָטש אויף איין איינציגע פראגע, וואָלט אַלעס געווען פארלאָרען.

און אויסגעהערט די ענטפערס, האט דער דאָקטאָר זיי צוליעב עפּעס פארשריעבען ביי זיך אויף א פּאַפּירעל. זיך דערוואוסט, אז וואסיליעוו האט געענדיגט זיין שטודיאום אין נאטור־וויסענשאַפטען און אז איצט ענדיגט ער אַלס יוריסט, האט זיך דער דאָקטאָר פער־טראכט...

— לעצטען יאהר האט ער אָנגעשריעבען אַן אויסגעצייכענטע פערפאַסונג... — האט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— ענטשולדיגט, שלאָגט מיר ניט איבער, איהר שטערט מיר זיך ארייניצוטראַכטען — האט געזאָגט דער דאָקטאָר און א שמייכעל געטהאָן מיט איין באַק — יא, געוויס, דאס שפּיעלט אויך א ראָליע. אָנגעשטרענגטע, גייסטיגע ארבייט, איבעראנשטרענגונג.... יאָ, יא... און בראַנפען טרינקט איהר? — האט ער זיך געווענדעט צו וואַ־סיליעוו'ן.

— זעהר זעלטען.

עס זיינען אוועק נאָך צוואַנציג מינוט. דער מעדיצינישער סטו־דענט האט גענומען אין דער שטיל ערקלערען זיין מיינונג וועגען די אורזאכען פון וואסיליעוו'ס אַנפאַל און האט דערצעהלט, ווי ער מיט דעם מאָהלער און דער קראַנקער זיינען מיט דריי טעג צוריק געגאַנ־גען אין דער ס—אווער געסעל.

דער גלייכגילטיגער, איינגעהאַלטענער, קאַלטער טאָן, מיט וועל־כען זיינע חברים און דער דאָקטאָר האבען גערעדט וועגען פרויען און וועגען יענעם אונגליקליכען געסעל, האט וואסיליעוו'ן געקלונגען עפּעס אזוי מאָדנע.

— דאָקטאָר, זאָגט מיר נור איין זאַך — האט ער געזאָגט, זיך איינהאַלטענדיג מיט אַלע קרעפטען אום ניט צו זיין גראָב — איז די פּראָסטיטוציאָן אַן איבעל אדער ניט?

— טהייערינקער מיינער, ווער לייקענט עס אָב? — האט גע־

זאָגט דער דאָקטאָר מיט אזא אויסדרוק, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געהאט פארענטפערט די דאָזיגע פראַגען.

— איהר זייט א פּסיכיאַטר? — האט געפרעגט וואסיליעוו גראָב.

—יא, א פּסיכיאַטר.

— עס קען זיין, אז איהר אַלע זייט גערעכט! — האט געזאָגט וואסיליעוו, זיך אויפהויבענדיג, און גענומען געהען פון איין ווינקעל אין אנדער׳ן — עס קען זיין! מיר אבער דאכט זיך, אז דאס איז זעהר מערקווירדיג! אין דעם, וואס איך האב געענדיגט צוויי אוני־ווערזיטעטען, זעהט מען עפּעס א גרויסע העלדען־טהאט; דערפאר וואס איך האב געמאכט א פערפאַסונג, וועלכע וועט אין דריי יאהר ארום אוועקגעוואָרפען און פערגעסען ווערען, לויבט מען מיך ביז אין די הימלען, און דערפאר וויל וועגען געפאַלענע פרויען קען איך ניט רעדען אזוי גלייכגילטיג, ווי וועגען א שטיק האָלץ, דערפאר קורירט מען מיך, מען קוקט אויף מיר, ווי אויף א משוגענעם און מען בע־דויערט מיך!

און וואסיליעוו האט פּלוצים שטארק רחמנות געקריגען אויף זיך אליין, אויף זיינע חברים, אויף דעם דאָקטאָר, אויף די אַלע, וועלכע ער האָט געזעהען מיט א פּאָאָר טעג צוריק, ער האָט זיך צו־וויינט און איז געפאַלען אין קרעסלע.

די חברים האבען געקוקט אויפ׳ן דאָקטאָר מיט א פראגע. יענער איז צוגעגאנגען צו וואסיליעוו׳ן מיט אזא מינע, אזוי ווי ער וואָלט אויסגעצייכענט פערשטאנען אי זיינע טרערען, אי זיין פערצווייפלונג און אלס ספּעציאַליסט אין אזוינע זאכען האט ער איהם שווייגענדיג געגעבען צו טרינקען געוויסע טראָפּענס, דערנאָך, ווען ער האט זיך בערוהיגט, האט ער איהם אויסגעטהאָן און גענומען אונטערזוכען זיין הויט, אונטער די קניע און אזוי ווייטער.

און וואסיליעוו׳ן איז לייכטער געוואָרען. ווען ער איז ארויס פון׳ם דאָקטאָר, האט איהם אליין שוין פערדראָסען דער גאַנצער עסק, דער טומעל פון די קארעטען האט איהם איצט שוין ניט אויפגערעגט און די שווערקייט אונטער׳ן הארצען איז געוואָרען אַלץ לייכטער און לייכטער, עפּעס אזוי, ווי עס וואָלט צוגאנגען. אין די הענד האט ער

געהאַלטען צוויי רעצעפּטען: אין איינעם איז געוועזן בראָם, אין צווייטען — מאָרפיום... אָט די דאָזיגע זאַכען האט ער שוין פריהער אויך געוועזט איינגענומען!

ארוים אויף דער גאַס, איז ער אוויילע געשטאַנען, האט א טראַכט געטהאָן און געזעגענט זיך מיט די חברים, האט ער זיך פויל אוועקגעשלעפּט צום אוניווערסיטעט.



קליינינקייטען פון'ם לעבען

ניקאָלאַי איליאיטש בעליאיעוו, אַ פּעטערסבורגער הויז־בעזיצער, א יונגער מאַן, א ספּאָרט, א יאהר צוויי־און־דרייסיג אלט, אַן אָבגע־פרעסענער, א רויטינקער, איז איין מאָל פארנאכט געקומען צו דער מאַדאַם אָלגאַ איוואַנאָוונאַ אירנינאַ, מיט וועלכער ער האט געלעבט, אָדער מיט וועלכער, ווי ער אליין פלעגט זאָגען, ער האָט געפיהרט א לאַנגען און לאַנגווייליגען ראָמאַן.

אין דער אמת'ן טאַקע, זיינען די ערשטע בלעטלאך פון דעם דאָזיגען ראָמאַן זייער'ן, די סאַמע אינטערעסאַנטע און בעגייסטער־טע, שוין לאַנג געוועזען דורכגעלעזען און איצט האבען זיך די בלע־טער געשלעפּט און געצויגען אָהן א ברעקעל אינטערעס, אָהן שום נייעס, לאַנגע און גלייכגילטיגע.

ניט טרעפענדיג אָלגאַ איוואַנאָוונאַ אין דער היים, האט זיך אונ־זער העלד צוגעלייגט אין גאַסט־צימער אויף דער זאָפע און גענומען וואַרטען אויף איהר.

— גוטען אבענד, ניקאָלאַי איליאיטש! — האט ער דערהערט א קינדערשען קול — די מאַמע וועט באַלד קומען. זי איז אוועק מיט סאָניען צו דער שניידערקע.

אין דעם זעלבען גאַסט־צימער, אויף א קאַנאַפּע איז געלעגען אָלגאַ איוואַנאָוונאַ'ס זוהן אַליאָשאַ, א אינגעל פון א יאהר אכט, א שעהנער, פערצערטעלטער, אָנגעטהאָן נאָך דער מאָדע, אין א סאַ־מעטענעם רעקעלע, מיט לאַנגע שוואַרצע זאָקען. ער איז געלעגען אויף א אַטלאַסענער קישעלע און הפּנים, נאָכמאַכענדיג אַן אקראָבאַט, וועלכען ער האט ניט לאַנג געזעהען אין צירק, האט ער אלע וויילע פעררייסען דאָ איין פוס און דאָ די אנדערע. געטהאָן האט ער עס מיט זעהר אַן ערנסטען פּנים, סאַפּענדיג רחמנות'דיג, עפּעס אזוי, ווי ער אליין וואָלט ניט געווען צופריעדען דערמיט, וואס גאָט האט איהם

באשערט מיט אזא אונרוהיגען קערפער.

— אך, דאס ביזטו? גוטען אבענד, מיין ליעבער! — האט געזאָגט בעליאיעװ — און איך האב דיך גאָרנישט בעמערקט. װאס מאכט די מאמע, איז זי געזונד?

אליאָשא, װעלכער האט זיך געהאט נור װאס אָנגענומען מיט דער רעכטער האנד פאר'ן שפּיץ פון דער לינקער פוס און האט זיך געפונען אין זעהר אַן אוננאטירליכער פּאָזע, האט זיך איבערגעדרעהט, איז אױפגעשפּרונגען און ארױסגעקוקט פון אהינטער דעם גרױסען, האָאָריגען קאָלפּאָק אױף בעליאיעװ'ן.

— װי זאָל איך אײך זאָגען? — האט ער געזאָגט, און א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען — די מאמע איז אײגענטליך קײן מאָל ניט אין גאנצען געזונד. זי איז דאָך א פרױ, און פרױען, ניקאָלאַי איליטש, טהוט אימער עפּעס װעה.

נישט האבענדיג װאס צו טהאָן, האט בעליאיעװ זיך גענומען בעטראכטען אליאָשא'ס פּנים. די גאנצע צײט זינט ער איז בעקאנט מיט אָלגא איװאנאָװנא'ן האט ער דעם אינגעל ניט געשענקט קײן שום אױפמערקזאמקײט, אזױ װי ער װאָלט גאָרניט עקזיסטירט. דער אינגעל איז אפילו שטענדיג געשטאנען פאר די אױגען, אבער װאס ער טהוט דאָ און װאס פאר א ראָלע ער שפּיעלט — װעגען דעם האט זיך איהם עפּעס ניט געװאָלט א טראכט טהאָן.

אין דער בײנאכטיגער דונקעלהײט, האט אליאָשא'ס פּנים מיט זײן בלײכען שטערען און די שװארצע אונבעװעגליכע אױגען פּלוצים דערמאָנט בעליאיעװ'ן אָלגא איװאנאָװנא'ן, װי זי האט אױסגעזעהען אױף די ערשטע בלעטלאך פון זײער ראמאן, און איהם האט זיך פארװאָלט א לאסטשע טהאָן דעם אינגעל.

— קום אקאָרשט אהער, קלײנער! — האט ער געזאָגט — לאָז מיך דיך אָנקוקען פון דער נאָהענט.

דער אינגעל איז אראָבגעשפּרונגען פון דער קאנאפּע און איז צוגעלאָפען צו בעליאיעװ'ן.

— נו? — האט אָנגעהױבען ניקאָלאַי איליטש, ארױפלײגענדיג די הענד אױף זײן מאָגערען אַקסעל — װי געהט עס? דו לעבסט?

— װי זאָל איך אײך זאָגען? פריהער האט זיך געלעבט א סך בעסער.

— פארוואס?

— זעהר איינפאך! פריהער האב איך מיט סאָניען זיך געלע־רענט נור מוזיק און לייענען, און אצינד גיט מען אונז ארויס פראנ־צויזישע געדיכטע אויך. האט איהר זיך ניט אָבגעשאָרען?

— יא. ניט לאנג.

— אזוי איז דאס, הייסט עס, דערפאר בעמערק איך דאס. דאס בערדעל ביי אייך איז קורצער געוואָרען. ערלויבט מיר זי א ציה טהאָן... עס טהוט נישט וועה?

— ניין, עס טהוט נישט וועה.

— פארוואס איז עס, אז דו ציהסט פאר איין האאר, טהוט וועה און אז דו ציהסט פאר א סך האאר, טהוט א קאפ אויך ניט וועה? כא־כא־כא! ווייסט איהר, איהר האט געדארפט טראָגען באקען־בארדען. אָט דאָ־אָט אָבגעגאָלען, און פון די זייטען... אָט דאָ־אָ איבערלאָזען די האאר...

דער אינגעל האט זיך צוגעדריקט צו בעליאיעוו'ן און גענומען שפּיעלען מיט זיין קייטעלע.

— ווען איך וועל ארייגטרעטען אין גימנאזיע — האט ער גע־רעדט — וועט מיר די מאמע קויפען א זייגעריל. איך וועל איהר בעטען, זי זאָל מיר קויפען אזא קייטעלע, ווי אייערע... וואס פאר א מע־דאַ־ליאָן! דער פאפא האט פונקט אזא מעדאליאָן, מעהר נישט ביי אייך זיינען דאָ פאסקעלאך און ביי איהם בוכשטאבען... אין מי־טען איז ביי איהם אריינגעשטעלט דער מאמע'ס בילד. ביים פאפא איז איצט דאָ אן אנדער קייטעלע, ניט מיט רינגעלאך, נור מיט א שטריינגע...

— פון וואנען ווייסטו? דו זעהסט דען דעם פאפא?

— איך? הם... הם... ניין! איך?...

אליאָשא איז רויט געוואָרען און א צומישטער, וואס מען האט איהם געכאפּט ביי א ליגען, האט ער מיט גרויסער התמדה גענומען קראצען מיט די נעגעל דעם מעדאליאָן. בעליאיעוו האט איהם שארף א קוק געטהאָן אין פנים אריין און געפרעגט:

— דו זעהסט דעם פאפא?

— נ־ניין!...

— ניין, דו בעסער זאָג דעם אמת, אויף דיין וואָרט... נאך דיין

פּנים נאָך זעה איך דאָך, אַז דו זאָגסט ניט די וואהרהייט. האָסטו זיך שוין איין מאָל אויסגערעדט, איז פערפאַלען. דער דרעהען צוריק וועט דאָ גאָרנישט העלפען. אַלזאָ זאָג, דו זעהסט איהם? זאָג מיר, ווי א פריינד!

אַליאָשאַ האט זיך פארטראכט.

— און איהר וועט נישט דערצעהלען דער מאמען? — האט ער געפרעגט.

— נו, גאָר א נייעס!

— עהרען־וואָרט?

— עהרען־וואָרט.

— שווערט זיך!

— אָך, וואס פאר אַן אָנשיקעניש! ווער, דענקסטו, בין איך?

אַליאָשאַ האט זיך ארומגעקוקט מיט גרויסע, צושראָקענע אויגען און גענומען שעפּצען:

— נור אום גאָטעס ווילען, זאָגט נישט דער מאמען!... זאָגט איבערהויפּט קיינעם נישט, ווייל דאס איז א געהיימניס. זאָל גאָט אויסהיטען, אַז די מאמע זאָל זיך דערוויסען, דאַן וועל איך קריעגען א גאָב און סאָניע, און פעלאַגעיע... נו, הערט אויס. איך און סאָניע זעהען זיך מיט דעם פּאפּאַ יעדען מאָנטאָג און פרייטאַג. ווען פּעלאַגעיא פיהרט אונז פאר מיטאג שפּאצירען, געהען מיר אריין צו אַפּפעל'ן אין קאָנדיטעריי און דאָרט זיצט שוין דער פּאפּאַ און ווארט אויף אונז. ער זיצט אַלע מאָל אין א בעזונדער צימערל, אָט דאָרט, ווייסט איהר, וואו עס געפינט זיך עפּעס א מאַרמאָרנער טישעל מיט א טעצעל פאר אַש, וואס זעהט אויס, ווי א גאַנז אָהן א רוקען...

— וואס־זשע טהוט איהר דאָרט?

— גאָרנישט!

— אפריהער בעגריסען מיר זיך, דערנאָך זעצען מיר זיך אלע ארום טישעל, און פּאפּאַ נעהמט אונז מכבד זיין מיט קאפע און לעקאכלאָך. ווייסט איהר, סאָניא עסט לעקאָך מיט פלייש, און איך קען עס ניט אָנקוקען מיט פלייש! איך ליעב עס מיט קרויט און מיט אייער. מיר עסען זיך דאָרט גוט אָן, און דערנאָך, אַז מיר קומען אהיים צו מיטאָג, מוזען מיר ווידער עסען וואס מעהרער, אום די מאמע זאָל גאָרנישט בעמערקען.

— און וועגען וואס רעדט איהר דאָרט?

— מיט דעם פּאַפּאַ? וועגען אַלעס. ער נעהמט אונז ארום, קושט אונז, דערצעהלט פערשיעדענע קאָמישע וויצען. ווייסט איהר, ער זאָגט, אז ווען מיר וועלען אויסוואקסען, וועט ער אונז נעהמען צו זיך. סאָניא וויל נישט און איך בין צופריעדען. געוויס, איך קען נישט זאָגען, אָהן דער מאַמען וועט אודאי זיין אומעדיג, אבער איך וועל דאָך איהר שרייבען בריעף! און אויסער דעם, וועט מען דאָך יום־טוב צייט קענען קומען צו איהר מיט א בעזוך — ניט אמת? און נאָך זאָגט דער פּאַפּאַ, אז ער וועט מיר קויפען א פערד. ער איז דער בעסטער מענש אויף דער וועלט! איך פערשטעה גאָרנישט, פאַרוואס די מאַמע רופט איהם ניט צו זיך און פארוואס זי פארווערט אונז זיך מיט איהם צו זעהן. ער האָט דאָך אזוי ליעב די מאַמען. שטענדיג פרעגט ער אונז וואס זי מאַכט, ווי זי פיהלט, וואס זי טהוט? ווען זי איז געווען קראַנק, האט ער זיך געכאַפּט פאר'ן קאָפּ אָט אזוי אָ און... און גענומען ארומלויפען איבער'ן צימער, לויפען, לויפען... ער בעט זיך אַלץ ביי אונז, מיר זאָלען זי פאָלגען, פאר איהר דרך ארץ האבען. הערט אויס, איז דאס טאַקע אמת, אז מיר זיינען אונ־גליקליכע?

— הם... פארוואס עפּעס?

— דאס זאָגט דער פּאַפּאַ אזוי. איהר, זאָגט ער, זייט נעבאָך אונגליקליכע קינדער. ס'איז עפּעס מאָדנע איהם צו הערען רעדען. איהר, זאָגט ער, זייט אונגליקליכע, איך בין אן אונגליקליכער און די מאַמע איז אן אונגליקליכע. בעט צו גאָט, זאָגט ער, אי פאר זיך, אי פאר איהר.

אַליאָשאַ האט געוואָרפען א בליק אויף דעם אויסגעשטאָפּטען פויגעל און האט זיך פארטראכט.

— אזוי, אזוי... — האט ארויסגעברומט בעליאיעוו — הייסט עס, אז אזוינע חברה־לייט זייט איהר. האלט גאָר אָב קאָנגרעסען אין די קאָנדיטאָרייען. און די מאַמע ווייס פון גאָרנישט?

— ניין, ניין.... פון וואַנען זאָל זי וויסען? פּעלאַגעיאַ וועט דאָך בשום אופן ניט זאָגען. און אייערנעכטען האט אונז דער פּאַפּאַ טראַק־טירט מיט בארנעס. זיסע אזעלכע ווי איינגעמאַכטס! גאַנצע צוויי האָב איך אויפגעגעסען.

— הם... נו, און... הער נור אויס, ווענען מיר רעדט פּאַפּאַ גאָר־נישט?

— ווענען אייך? ווי זאָל איך אייך זאָגען?

אַליאָשאַ האט פאַרשעענדיג א קוק געטהאָן בעליאַיעוו׳ן אין פּנים אריין און א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען.

— קיין בעזונדערעס רעדט ער נישט.

— צום ביישפּיעל, וואס זאגט ער?

— און איהר וועט זיך ניט בעליידיגען?

— נו, נאָך א נייעס! ער זידעלט מיך דען?

— ער זידעלט נישט, נור ווייסט איהר... ער איז אין כעס אויף אייך. ער זאָגט, אז איבער אייך איז די מאַמע אונגליקליך, און אז איהר... האט רואינירט די מאַמען. ער איז דאָך עפּעס א מאָדנער! איך ערקלער איהם, אז איהר זייט א גוטער, איהר שרייט קיין מאָל נישט אויף דער מאַמען, און ער שאָקעלט נור מיט׳ן קאָפּ.

— און ער זאָגט טאַקע, אז איך האב זי רואינירט?

— יא. אבער איהר, ניקאָלאַי איליאיטש, דאַרפט זיך ניט בע־ליידיגען!

בעליאַיעוו האט זיך אויפגעהויבען, איז א ווײלע געשטאַנען און גענומען געהען איבער׳ן גאַסט־צימער.

— דאס איז אי מערקווירדיג, אי קאָמיש!.... — האט ער גע־נומען בורטשען, דריקענדיג מיט די אַקסלען און שמייכלענדיג שפּאָ־טיש — אליין איז ער אין גאַנצען שולדיג און מיך מאַכט ער פער־אַנטוואָרטליך, איך, הייסט עס, האב זי רואינירט... נישקשה, כ׳לעבען! וואס פאר אן אונשולדיגע שעפּעלע ער איז דאס. איז, הייסט עס, זאָגט ער דיר טאַקע אַט אזוי אָהן קונצען, אז איך האב רואינירט דיין מאַמען?

— יא, אבער.... איהר האט דאָך געזאָגט, אז איהר וועט זיך ניט בעליידיגען!

— איך בעליידיג זיך נישט און... און דאס איז איבערהויפּט נישט דיין עסק! ניין, דאָס איז... דאָס איז דאָך קאָמיש! איך בין אריינגעפאַלען, ווי א האָהן אין ראָסעל, און צום סוף בין איך נאָך דער שולדיגער!

עס האט זיך דערהערט א קלונג. דער אינגעל האט זיך א ריס געטהאָן פון'ם אָרט און איז ארויסגעלאָפען.

אין א מינוט ארום איז אין גאסט־צימער אריין א דאמע מיט א קליין מיידעלע — דאס איז געווען אָלגאַ איוואַנאָוונאַ, אַליאָשאַ'ס מוטער. הינטער איהר, אונטערשפרינגענדיג, זינגענדיג אויפ'ן קול און מאַכענדיג מיט די הענד, איז נאָכגעגאַנגען אַליאָשאַ. בעליאיעוו האט א מאַך געטהאָן צו איהר מיט'ן קאָפּ און ווידער גענומען ארום־שפּרייזען.

— נו, יא, אודאי, ווענען אנדערש זאָל מען בעשולדיגען, אז ניט מיך? — האט ער געבורטשעט בייז און גיפטיג — ער איז גע־רעכט! ער איז דער בעליידיגטער מאַן!

— וועגען וואס רעדסטו?—האט געפרעגט אָלגאַ איוואַנאָוונאַ.

— וועגען וואס?... דו הער אָקאָרשט אוים, וואס פאר א שעהנע זאַכען דיינער פּרעדיגט דאָרטען! עס קומט אוים, אז איך בין א פערדאָרבענער מענש, א מערדער, איך האב רואינירט אי דיך, אי די קינדער. אַלע זייט איהר נעבאַך אונגליקליכע, נור איך בין געוואַלדיג גליקליך! געוואַלדיג, געוואַלדיג גליקליך!...

— איך פערשטעה נישט, ניקאָלאַי! וואס איז געשעהען?

— אָט דו הער אוים דיעזען יונגען מאַן! — האט געזאָגט בע־ליאיעוו און אָנגעוויעזען אויף אַליאָשאַ'ן.

אַליאָשאַ איז געוואָרען רויט, דערנאָך בלייך, און זיין גאַנצער פּנים האט זיך גענומען טרייסלען פאר שרעק.

— ניקאָלאַי איליטש! — האט ער אין דער הויך ארויסגע־שעפּטשעט — ש־ש־ש!

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ האט פערוואונדערט א קוק געטהאָן אויף אַליאָשאַ'ן, אויף בעליאיעוו'ן, דערנאָך ווידער אויף אַליאָשאַ'ן.

— פרעג אָקאָרשט! — האט ווייטער גערעדט בעליאיעוו — דיין פּעלאַגעיאַ, די כשרה בהמה, פיהרט זיי ארום איבער די קאָנדי־טאָרייען און ברענגט זיי דאָרט צוזאַמען מיט זייער פּאַפּינקען. אבער נישט דאס בין איך אויסען, די זאַך איז די, וואס דער פּאַפּינקע איז א מאַרטירער, און איך בין א רויבער, א לומפּ, וועלכער האט צובראָ־כען ביידענס לעבען...

— ניקאָלאַי אילאיטש! — האט ארויסגעקרעכצט אַליאָשאַ — איהר האט דאָך מיר געגעבען אייער עהרען־וואָרט?

— גענוג, טשעפּע זיך אָפּ! — האט א מאָך געטהאָן מיט'ן האנד בעליאַיעוו — דאָ רעדט מען פון עפּעס וויכטיגערעס, ווי אַן עהרען־וואָרט. מיך רעגט אויף די פאַלשקייט, דאס צוויי־פּנים'דיגקייט, דער ליגען!

— איך פערשטעה נישט! — האט ארויסגערעדט אָלגאַ איוואַ־נאָוונאַ און אין איהרע אויגען האבען גענומען בליסטשען טרערען— הער אויס, ליאָלקאַ, — האט זי זיך געווענדעט צום זוהן: — דו זעהסט זיך מיט דעם פאָטער?

אַליאָשאַ האט זי נישט געהערט און האט נור מיט שרעק גע־קוקט אויף בעליאַיעוו'ן.

—עס קען נישט זיין! — האט געזאָגט די מאמע — איך וועל געהען אויספרעגען פּעלאַגעיאַ'ן.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז ארויס פון צימער.

— הערט נור, איהר האט דאָך געגעבען אייער עהרען־וואָרט!

— האט ארויסגערעדט אַליאָשאַ, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער.

בעליאַיעוו האט א מאָך געטהאָן אויף איהם מיט א האנד און האט ווייטער גענומען געהען הין און צוריק. ער איז געוועזן שטארק ארייננגעטהאָן אין זיך, האט געטראַכט וועגען דער בעליידיגונג און האט שוין ווידער, אזוי ווי פריהער, ניט בעמערקט דעם אינגעל'ס אנוועזענהייט... איהם, דעם ערוואַקסענעם און ערנסטען מענשען, זיינען אצינד ניט געלעגען אין קאָפּ קיין אינגלאָך...

און אַליאָשאַ האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל און האט מיט שרעק דערצעהלט סאָניאַ'ן, ווי מען האט איהם בעטראָגען. ער האט זיך געטרייסעלט, פאַראיקעט און געוויינט; דאס האט ער דעם ער־שטען מאָל אין זיין לעבען זיך געטראָפען פּנים לפּנים מיט פאַלש־קייט, מיט גראָבען ליגען... פריהער האט ער נישט געוואוסט, אז אויסער זיסע בארנעם, לעקעכלאך און גאָלדענע זייגערס, זיינען אויף דער וועלט פאַראַן נאָך א סך זאַכען, פאר וועלכע עס איז אויף דער קינדערשער שפּראך גאָר קיין נאָמען נישטאָ...

COLLECTION OF WRITINGS

by

ANTON CHEKHOV

Translated into Yiddish by LEON KOBRIN.

Copyright 1911

Hebrew Publishing Company.

New York.